# שטראלן

פונעם ליכטיגן שיין דער אור האורות **רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**



## א רבי פארט צום רבין

היסטארישע אריינבליק איבער די טיפע התקשרות פון הרה"ק ר' שמעון נתן נטע מלעלוב זצוק"ל צום הייליגן רבי'ן

## דיבור המאיר

שו"ת מיט זקן אנ"ש הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א אלעס איבער די נסיעה הקדושה צום הייליגן רבי'ן

## אונטער ארעסט

### אויפן וועג צום רבי'ן

אין די פאריזע טורמעס פארווײלט א ברסלב'ע חסיד אין די טעג פאר ראש השנה אויף א וואונדערליכע אופן באווייזט ער אנצוקומען קיין אומאן



## אנגעקומען

א ליטווישער ראש ישיבה, א מרביץ תורה מיט א ירושלימ'ע קאפטן, אינאיינעם מיט א חסידישע משפיע א בנן של קדושים דער־ציילן איבער זייער רייזע נאכן פינטל פון זייער הארץ \\ את שאהבה נפשי מצאתי


Plan it Rite
Travel the right way

א ריכטיג פלאנירטע רייזע
מיט פלען איט רייט!

אינפראמאטיווע שמועס מיט ר' ישראל אלעק הי"ו פונעם בארימטן פלען איט רייט טרעוול אגענטור אלעס איבער די טרעוול אפעראציע פון אומאן ראש השנה - די גרעסטע אידישע פלי רייזע פראיעקט איבער די וועלט \\ אין די לופטן זיך אויפהייבן



בסייעתא דשמיא
טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם
איי ווי גוט צו זיין א איד
די וועג וואס האט שוין באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
605.313.1800
מערכת ברסלב
ארץ ישראל 02.5.808.321
ענגלאנד 0330.390.0487
בעלגיע 323.808.1775
תורת הנפש || שאלות ותשובות || ניגונים || סיפורי התקרבות || ועוד...

# זה אמיתי: רבינו כאן!




## לא משנה איך אתה נראה ובאיזה סגנון אתה הולך

# סמארטפון אצל הצדיק? לא בא בחשבון!

A.ANSHIN

אויר הנח והזד | קיבוץ ר"ה תשפ"ה | #07

## אומרים לא לסמארטפון בציון!


דרך
המלך
להתקשר לרבינו הקדוש
ותלמידיו הקדושים
אור
הנחל
להשיג בכל חנויות הספרים
או אצל המכון
718.750.2010

# על ידי אמונה נתבטלין הגדירות



מי שמאמין לא מסוגל לשתוק

אשרי המאמין המעיר ומאיר!

A.ANSHIN



אומרים לא לסמארטפון בציון!

# אינהאלט


**08 דיבור המאיר**
לעכטיגע דיבורים פון הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א שו"ת אלעס איבער די נסיעה הקדושה צום הייליגן רבי'ן

**10 לדעת**
הר"ר שאול סירוטה שליט"א קלארע דיבורים אויף די עבודת היום פון ראש השנה

**12 שטערנדלעך**
הר"ר יעקב נתן אנשין שליט"א געשמאקע דיבורים איבער די נושא פון ישוב הדעת אין אומאן

**15 פון מניעות צו נעימות**
הר"ר שמעון אלי' ברוין שליט"א זיסע דיבורי הדרכה איינעם פון צוברעכן מניעות

**18 אנגעקומען צום רבי'ן**
דריי אידן פארציילן זייער לעבנס געשיכטע זייער זוכעניש און בענקעניש ביז זיי האבן געטראפן את שאהבה נפשם

**28 פארשטעלט אונטער ארעסט**
א איד וואס איז ארעסטירט געווארן אין פאריז אויפן וועג צום רבי'ן אלול תש"פ דערציילט זיין וואונדערליכע סיפור נסיעה ווי אזוי ער איז אנגעקומען קיין אומאן יענעם ראש השנה

**36 א ריכטיג געפלאנטע רייזע**
אן אריינבליק אין די אפיסעס פונעם בארימטן פלען איט רייט טרעוועל אלעס איבער די אומאן ראש השנה פלי פראיעקט

**50 תיקון הכללי נוסח לעלוב**
גרויסע אדמורי"ם רבנים און ראשי ישיבות וואס זענען געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה

**60 וואונדערליכע מופתים**
וואס האבן זיך ווירקליך אפגעשפילט ביים הייליגן רבי'נס ציון איבערגעגעבן ערשטהאנטיג מפי די בעלי המעשה

**69 אונטערן שאטן פון טויט**
א וואונדערליכע סיפור איבער די מסירות נפש פון אנ"ש איבער 100 יאר צוריק צו פארן צום הייליגן רבי'ן אין די שווערסטע מצבים

**74 אין א פראסטן מיטוואך**
א נאטורליכע היימישע שמועס צווישן א גרופע אנ"ש אויף די ליכטיגע וועגן צום הייליגן רבי'ן

**76 בני הנעורים**
שו"ת מיט איינע פון די ראשי חבורות הבחורים שאלות וואס זענען נוגע פאר בחורים אין די ימי הנסיעה

**78 פונקען**
צוטאטן און איסדרוקן פונעם הייליגן רבי'ן ותלמידיו איבער דאס גרויסקייט פון אנטייל נעמען אינעם קיבוץ הקדוש

**80 נקודות החבר**
קורצע איסצוגן פון שמועסן פון משפיעי אנ"ש

**82 קינדער שטראלן**
ספעציעלע אפטיילונג פאר ילדי אנ"ש א קורצע מאמר און אינטערעסטאנטע מעשה'לע אזוי אויף אן קאמיקס ערציילונג אין פארזעצונגען

**84 בילדער שפאציר**
רייכע זאמלונג פון הערליכע בילדער פון אלעם וואס טוט זיך אפ אינעם שטאט אומאן אין די טעג פונעם קיבוץ






גליון
**שטראלן**
ארויסגעגעבן דורך
אבקשה

**פאר סיי וועלכע הערות ווענדט אייך צו:**
1-347-369-4152
shtroln148@gmail.com

**גרעפיק און אויסשטעל:**
DARDICK
D0583205132@gmail.com

בילדער קרעדיט:
נתן צבי ראטה, בעולמה של ברסלב, ברסלב נייעס, ארכיון ר' אהרן לבל, יוסי גולדברגר


סאי'ז
בוודאי
יא דא!
קדושת
הציון
בהישג יד
זה תלוי
רק בך!
אויר הצח והזך | קיבוץ ר"ה תשפ"ה | #05
אומרים לא לסמארטפון בציון!



# דיבור המאיר

לעבטיגע דיבורים פון הגה"ח
ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לְבְחִינוֹת אֱמֶת הָאֲמִתִּי, אֲזַי ה' אוֹר לוֹ, וַאֲזַי הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ, כִּי נִתְלַבֵּשׁ בּוֹ אוֹר ה'.// מידי אביר יעקב

## שאלות ותשובות

## הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

## ערב ראש השנה תשפ"ד לפ"ק

**עס איז דא מקורבים וואס שפירן א שטארקע חיות אין די הייליגע עצות פון רבין, אבער זיי האבן נישט קיין חיות און געפיל צו פארן ראש השנה קיין אומאן, צוליב וואס די זאך איז ווייט פון זייער פארשטאנד. זיי ווילן וויסן און פארשטיין וואס איז די נקודה פון ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן?**

עס איז דא א שיחה פון רבין, די רבי האט געזאגט אז יעדע יומא דפגרא, ר"ח, חנוכה, פורים, יו"ט און שבת שיינט אים מלמעלה אן אור מיוחד לפי די רוח פונעם טאג. ער האט תמיד געפילט א גרויסע אור, ער האט געהאט אן אנדערע לעבן, יעדן טאג האט געשיינט ער איז געווען אן אנדערע מענטש, א היכע סארט מענטש.

מיט דעם אלעם האט די רבי מדגיש געווען זייער אסאך אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן א מתנה אז ער ווייסט וואס איז דאס ראש השנה. פשט איז אז ראש השנה איז ביים רבי'ן געווען א דבר מיוחד משמים, געוויסע אורות וואס איז מיוחד. עס איז געווען אנדערע צדיקים וואס קיינער האט נישט משיג געווען אזוי אויף אזא בחינה, דער רבי האט געהאט א מתנה פון הימל אז ער ווייסט פון ראש השנה. דער רבי האט עס אנגערופן אזוי ווי עס איז א מתנה, א מתנה אז ער ווייסט פון דעם טאג, ראש השנה איז ביי אים געווען א נייער סארט טאג, א נייער סארט לעבן און השגת אלוקות.

דער רבי האט אסאך מדגיש געווען אז מען זאל טאקע קומען צו אים ראש השנה בחיים חיותו. עס איז געווען אמאל איינער פון די גרויסע מענטשן וואס איז נישט געקומען און איינער גאר א פשוט'ע איד וואס איז נישט געקומען, האט די רבי מדגיש געווען אז ער (היהודי החשוב) איז נישט געקומען [יענער איז געווען פארטאן אין אנדערע ענינים], און דער איש פשוט איז אויך נישט געקומען. איז פשט אז וואס מער נפשות, אידישע נפשות קומען צום רבין, האט ער געהאט מער סחורה צו מאכן די תיקונים נפלאים וואס די רבי דארף משיג זיין ראש השנה.

אודאי מען קען נישט מסביר זיין אזא זאך מען דארף האבן אמונה. ממילא ראש השנה מען קומט צום רבי'ן, צום רבי'נס ציון וואס עס איז מקובל אז דעם רבינ'ס אור איז דא ראש השנה אויף גאר א הויכן פלאץ, דאס דארף גורם זיין א התחדשות אן אמת'ע התחדשות אין אידישקייט.

מיר האבן דאך אזא הייליגן רבי'ן, אזא הייליגע לקוטי מוהר"ן, אזא הייליגע סיפורי מעשיות, וואס אלע מיני אורות איז דא דארטן, אלע אורות אלע השגות. בפרט אין 'סיפורי מעשיות' מיט אזעלכע מיני השגות פון רבי'ן, די מקובלים האבן געזען ממש אין די מעשיות אויף וואס די רבי איז מרמז, אויף גאר היכע זאכן. אשרינו מה טוב חלקינו.

### וואס דארף זיין די עבודה ראש השנה ביים רבי'ן?

פשוט דארף זיין אז ראש השנה זאלן מען פילן א גרויסע אור, ראש השנה זאל מען מחדש זיין א נייער זיסע לעבן, א נייער הייליגן לעבן אויפן נייעם יאר. מען באנייט זיך אין אידישקייט, א נייעם יאר, אן אנדער דאווענען, אן אנדער לערנען, א אנדער חיות. אידישקייט מוז גיין מעלה מעלה, עס האט נישט קיין גבול. ראש השנה האט נישט קיין גבול, שבת האט נישט גבול, ר"ח האט נישט קיין גבול...

ממילא דארף מען זיך מבטל זיין מיט א גרויסע אמונה צום בורא עולם, און גלייבן אין די גרויסקייט פונעם טאג, אויסקוקן אז דער אויבערשטער זאל אונז ממלא זיין מיט די אורות, מיט אמונה, די חיות דקדושה און די חיות פון די אמונה הקדושה פון דעם טאג.

### וואס דארף זיין די סדר ערב ראש השנה אויפן רבי'ן'ס ציון?

איינע פון די זאכן איז דא אן ענין פון וידוי, א מצוה פון וידוי, א מצות עשה דאורייתא וואס מען איז מקיים אויפן רבי'ן'ס ציון און דער רבי מאכט פון דעם גאר גרויסע תיקונים, גאר גרויסע תיקונים. מיט דעם וידוי וואס א מענטש איז זיך מתחרט וויפיל ער קען, ער האט חרטה גמורה, ווערט געטען גרויסע תיקונים. די תשובה אליין איז אזא גרויסע תיקון וואס הגם עס קומט דורך א ירידה, אבער תשובה איז א גרויסע תיקון - והתודה את חטאתם, אז מען טוט תשובה ביים רבי'ן'ס ציון פארעט זיך די רבי אז עס

טוט אן גאר גאר גרויסע תיקונים, בפרט אויפן מענטשן אויף זיין נפש רוח ונשמה.

## מיט וואס קען מען מחזק זיין די ווייב אז זי בלייבט אליין אזויפיל צייט ראש השנה?

עס דא א ווארט פון ר' מאיר'ל פרעמישלאנער אז די חסידים האבן געזאגט אז וואס טוט מען מיט די שוויגערס זיי לאזן נישט פארן צו צדיקים, האט ער געזאגט א גאנצע טייטש, די אויספיר איז געווען; אשר נשבעתי באפי - נשבע איז א שווער, אז די שוויגער איז אין כעס, אם יבואין - ווען מען קומט צוריק קומען, אל מנוחתי - וועט זי זיך בארואיגן. עס אן אלטע עבודה געווען, מען דארף זיך דורך קומען, דער עיקר איז אז עס וועט נמתק ווערן, עס איז נאר אזא מעבר אזא.

עס דא א ווארט פון ר' מאיר'ל פרעמישלאנער אז די חסידים האבן געזאגט אז וואס טוט מען מיט די שוויגערס זיי לאזן נישט פארן צו צדיקים, האט ער געזאגט א גאנצע טייטש, די אויספיר איז געווען; אשר נשבעתי באפי – נשבע איז א שווער, אז די שוויגער איז אין כעס, אם יבואין – ווען מען קומט צוריק קומען, אל מנוחתי – וועט זי זיך בארואיגן. עס אן אלטע עבודה געווען, מען דארף זיך דורך קומען, דער עיקר איז אז עס וועט נמתק ווערן, עס איז נאר אזא מעבר אזא.

דער עיקר איז, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען, מען זאל האבן א שטארקע אמונה אין גאט ברוך הוא, א שטארקע אמונה אין השגחה פרטיות, א ריכטיגע אמונה אז אלץ וואס עס טוט זיך קומט פונעם אויבערשטן, אלץ איז תלוי אין הקב"ה און אלץ וואס עס טוט אפ מיט א מענטשן דארף מען וויסן אז דאס איז זיינע תיקונים פונעם אויבערשטן אליין, גארנישט איז נישט קיין מקרה, דאן ווערט טאקע ממש תיקונים, מען ווערט באמת באנייט, מען פאלט נישט אריין אין קיין מרה שחורה, אדרבה מען באנייט זיך לטובה ולברכה.

## אמאל קומט מען מיט אזויפיל געלט און טירחה און ווען מען קומט שפירט מען נישט קיין התעוררות ביים רבן'ס ציון?

דאס איז א צווייטע זאך, אסאך מאל קומט א מענטש אויף א גרויסע התעוררות און אמאל קומט נישט קיין התעוררות, עס איז א דבר ידוע, דעמאלטס איז דאס אויך א תיקון. מען דארף וויסן אדרבה ואדרבה איך בין בטל צום אויבערשטן אפילו איך שפיר נישט, אפילו עס פאסט נישט, דאס איז אויך א סארט תיקון. דער אויבערשטער דארף האבן אלע סארטן המלכות, דער איז ממליך דעם אויבערשטן אין זיינע מעברים און דער אין זיינע מעברים.

## אויף וועג איז דא אסאך שוועריקייטן אין שמירת עינים וואס קען מען טון?

אודאי אודאי דאס איז די עבודת ה' פון היינטיגע צייט - היטן די אויגן במסירות נפש ממש! די צד הטומאה דרינגט אריין אין גאנצן גוף אז מען קוקט ווי מען טאר נישט.

חזקו ואמצו. מען זאל זיך באנייען ראש השנה, תשובה טון ווי עס דארף צו זיין, בשמחה ובכוונת הלב. און דער עיקר האפן - האבן בטחון אז דער אויבערשטער וועט בוודאי העלפן, ער וועט העלפן מער און מער, קוקן אויף גוטס, נישט האבן קיין הוא אמינא אז עס וועט זיין נישט אזוי גוט, ס'איז גוט און ס'וועט זיין גוט. מען דארף זיך בארעכענען פון ווען איך בין געבוירן געווארן ביז הערשט וויפיל ישועות האב איך געהאט?! וויפיל חסדים האב איך געהאט?! בלי גבול! עס וועט דאך אוודאי זיין מערער און מערער. אזוי דארף מען אויך מכוון זיין פאר יענעם, דאס איז די ריכטיגע 'ואהבת לרעך כמוך', אז איך וויל מיר זאל זיין גוט דארף איך וועלן אז פאר יענעם זאל אויך זיין גוט, דעמאלטס איז מען ממשיך שפע אן א שיעור.

**דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל קומען א יאר, א גוטע יאר, א פרייליכע יאר, א מזל'דיגע יאר, פרנסה, שפע, שלום בית, שמחה וכט"ס.**



# לדעה

## הגה"ה רבי שאול סירוטה שליט"א

כִּי עִקַּר הָאָדָם הוּא הַדַּעַת, וּמִי שֶׁאֵין לוֹ דַּעַת, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב וְאֵינוֹ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם אָדָם כְּלָל כִּי זֶה עִקַּר יִשּׁוּב הָעוֹלָם, כְּשֶׁהָעוֹלָם מְמֻלָּא מִבְּנֵי אָדָם, הַיְנוּ מִבְּנֵי דֵּעָה.// אחת שאלתי מאת ה'

## זיי נישט קיין נאר! ראש השנה איז דיין געלעגנהייט!

ווען מען וואלט געגעבן פאר מענטשן די מעגליכקייט צו בעטן וואס זיי ווילן נאר, א קליין קינד וואלט געבעטן א נאשעריי א עלטערע קינד וואלט געבעטן א שפילצייג וכו' א נאר וואלט געבעטן עפעס וואס וועט אים ברענגען הנאה אויפן מינוט עפעס וואס איז געשמאק צייטווייליג, א קלוגע מענטש וואלט אבער אויסגענוצט די ספעציעלע געלעגנהייט צו בעטן עפעס וואס וועט אים העלפן פאר זיין גאנצע לעבן און וואס קלוגער דער מענטש איז אלץ מער וועט די זאך זיין נוצבאר און ער וועט זיך נישט באפרידיגן מיט א זאך וואס איז נאר גוט אויף די מינוט דאס הייסט איזהו חכם הרואה את הנולד א קלוגע מענטש קוקט אלץ אויף פאראויס ער טראכט אויפן ציקנופט ער זוכט נישט קיין נארישע הנאות וואס וועט נישט לאנג אנהאלטן

דער הייליגער רבי זאגט אז ר"ה דארף מען זיין קלוג צו טראכטן נאר גוטע מחשבות אז דער אייבישטער וועט אונז אוודאי נאר טון גוטס! קען זיין אז דער רבי מיינט עס באיכות אויך, מען זאל טראכטן גוטע מחשבות באיכות דאס הייסט אז א מענטש קען זיך ארומדרייען א גאנץ ר"ה און טראכטן וועגן זיין פרנסה, געזונט פאר זיך און זיין משפחה, וועגן שידוכים, איבער זיינע שכנים, זיין שלום בית וכו' דאס איז ביי אים זיין שפיץ! די זאכן איז ביי אים די וויכטיגסטע אין לעבן אבער קומט אונז דער רבי זאגן אז אז מען דארף זיין קלוג אז ווען מען עפענט דער אוצר מען גיבט די מעגליכקייט צו בעטן וואס מען וויל טאר מען נישט זיין קיין נאר נאר מען דארף זיך עפענען די אויגן צו בעטן ווי א חכם מיט חכמה וואס מער נוצבאר

המלך היושב על כסא רם ונישא...יעדער איז פארזאמלט ביי דעם גרויסן "מעמד הכתרה" די קריינינצע..מען עפענט אויף ספרי חיים ספרי מתים יעדער גייט אדורך כבני מרון דער אייבישטער גיבט פאר יעדן די מעגליכקייט צו בעטן וואס ער וויל דער קעניג איז נאנט צו אונז! מען קען זיך אויסבעטן צו ממתיק זיין אלעס די גמרא זאגט (יבמות מט:) אויפן פסוק דרשו השם בהימצאו קראוהו ביותר קרוב, אפילו ליחיד המבקש על נפשו אימתי הוא קרוב אלו עשרה ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ, ווי דער מהרש"א לייגט צו אפילו יחיד יכול לבטל דינו שעדיין לא נחתם און

אוודאי ק"ו ווען מען קומט בכח הרבים און ווער רעדט נאך ווער קען דען משער זיין דעם געוואלדיגע כח פון א ציבור וואס נעמט זיך צוזאם בקדושת הצדיק דער גרויסער בעל תפילה וואס ער שלאגט זיך פאר אונז און איז לוחם מלחמות השם איבער יעדן איינעם אים ארויסצוציען פון דעם שלעכטס להחזירו למוטב (ליקוטי מוהר"ן תנינא ח')

דער כח התפילה וואס מען האט אונז געגעבן איז איום ונורא מורא'דיג שטארק וואס עס בלייבט נאר איבער אויף אונז איז צו זיין א בר דעת נישט



צו בעטן קיין נארישע צייטווייליגע הנאות נאר זיך צו אויסבעטן אויף זאכן וואס וועט בלייבן ליסוד לנצח פארן גאנצן לעבן

לאמיר זיך צוהערן וויאזוי דער מקור חכמה לערנט אונז אויס וויאזוי צו בעטן רבי נתן זאגט די גאנצע עבודה ר"ה איז נאר צו אראפברענגען אמונה אויף דער וועלט וואס דורך דעם ווערט אנטפלעקט דער מלכות השם וואס דאס איז דער עיקר עבודה אין ר"ה, די גאנצע דאווענען ראש השנה חזר'ט מען עס איבער אסאך מאל ותמלוך אתה וכו' מלוך על כל העולם כולו וכו' אזוי אויך ענדיגט מען די ברכות "מלך על כל הארץ" וכו' ווייל מען קען נישט מגלה זיין מלכות השם נאר דורך אמונה! און ר"ה איז דאך באשאפן געווארן דער מענטש וואס ער איז דער עיקר ציהל פון דער גאנצער בריאה און דער שלימות בריאה איז נאר דורך אמונה

'אמונה' איז א מידה וואס אונז אלע קוקן זיך שוין אן אלס משולמים אין דעם נאך פון יונג-וויז אן... ווייל לכאורה זענען אונז דאך אלע מאמינים גמורים בתכלית השלימות, אבער לויטן דעת הצדיק איז דאס דער עיקר עבודה אין דעם גרויסן טאג ווייל הגם וואס באופן כללי גלייבן אונז טאקע אבער ווען עס קומט צו קלענערע איינצלהייטן קומט נאך פאר יעדן טאג א טעגליכע פרישע מלחמה

צו אונז זאלן מתייחס זיין אלע אונזערע הצלחות אז עס קומט פונעם אייבערשטן, אדער נעמען די קרעדיט פאר זיך און עס תולה זיין אין 'כוחי ועוצם ידי' ? צו אונז זאלן ציטערן צו טון א עבירה קלה כחמורה און אויך באהאלטענערהייט גלייבן אז 'עין רואה', אדער חלילה פילן א קלות ראש אין אזעלעכע פלעצער? צו אונז זאלן פילן ביים דאווענען אז אונז שטייען קעגן א ק-ל חי, אדער אונז זאלן נאר דאווענען 'יוצא צו זיין'? צו אונז זאלן פילן בשעת א עת צרה אז דער גוטער באשעפער האט דיך נישט פארלאזט, אדער איינפאלן אין א בהלה און פילן ווי פארלאזט? צו אונז זאלן זיך שטארקן מיט ביטחון בשעת ווען עס צוברעקלט זיך די גשמיותדיגע האפענונגען אדער חלילה ארייגגיין אין א פחד, פאניק, און פארלוירנקייט , ווען די דאקטורים אדער מומחים הייבן הענט און דער השתדלות האט נישט מצליח געווען צו זאל ער אנהאלטן צו ווארטן און האפן אז דער אייבישטער זאל העלפן, ווען מען האט שוין אזוי פיל מתפלל געווען פאר א ישועה ברחניות אדער בגשמיות און מען איז נאכנישט געהאלפן געווארן? צו זאל מען פיינט האבן איינעם וואס האט געטון אדער גערעדט עפעס קעגן מיר, אדער פארשטיין אז אלעס איז פון הימל? צו מיר זאלן ארומגיין מיט א ערנסקייט און כובד ראש ווייל פארדעם זענען מיר באשאפן געווארן צו באדינען דעם קעניג מיט יעדע תנועה מחשבה דיבור ומעשה, אדער צו ארומגיין מיט פריקות עול און אזויגערופענע פאלשע פרייהייט? צו מיר זאלן היטן די צייט און פארשטיין אז פון יעדע רגע ווערט באשאפן 'נצחיות' אדער צו פארברענגען די צייט און פארברענגען טייערע שעות?

און אין דעם טאג וואס אונז זענען ממליך דעם אייבערשטן און אונז זענען מגלה אז ער איז דער וואס פירט דער וועלט ער געוועלטיגט אויף דער וועלט ער איז דער וואס טוט אלעס – יעצט איז דער צייט צו רייסן הימלען זיך צו בעטן מיטן גאנצן הארץ אז דער אמונה זאל זיך באנייען אין אונז און עס זאל ווערן לעבעדיג ביי אונז בתמימיות ופשיטות!

ביי די אלע מלחמות און נאך טויזנטער אזעלעכע דוגמאות, וואס א מענטש האט טעגליך, שלאגט זיך דער 'צר' הצורר' שטילערהייט שטייטעליך וואס ער ברענגט אריין א קאלטקייט און אמונה און ער וויל אונז אוועקרייסן פון דעם ספר החיים אזוי ווי רבי נתן זאגט (ליקו"ה ברכ"ר ד' ל"ב) אז דער אייבישטער איז מסבב סיבות און איז מחדש יעדן טאג מעשה בראשית אלעס כדי צו מגלה זיין דער אמונה אויף דער וועלט אבער קעגן דעם שטארקט זיך דער סט"א און די קליפות צו באהאלטן און פארדעקן די אמונה הקדושה און אריינברענגען כפירה און פרישע קשיות אין הארץ צו צושטערן דעם מענטש פון האבן אמונה רח"ל און וועגן דעם דארף מען טון אלעס וואס מען קען צו מקורב ווערן צו די אמת'ע צדיקים פונעם דור

און אין דעם טאג וואס אונז זענען ממליך דעם אייבערשטן און אונז זענען מגלה אז ער איז דער וואס פירט דער וועלט ער געוועלטיגט אויף דער וועלט ער איז דער וואס טוט אלעס - יעצט איז דער צייט צו רייסן הימלען זיך צו בעטן מיטן גאנצן הארץ אז דער אמונה זאל זיך באנייען אין אונז און עס זאל ווערן לעבעדיג ביי אונז בתמימיות ופשיטות! ביי יעדע קלייניקייט, ביי יעדע מצב, ביי יעדע הרגשה, ביי יעדע קליינע און גרויסע מחשבה ווייל דאס איז אונזער לעבן לנצח!

די צענטע פסוק וואס אונז זאגן ביי מלכיות איז 'שמע ישראל' דער פסוק פון יחוד, די פשוטע אמונה וואס אונז חזר'ן עס יעדע טאג צוויי מאהל אז דער אייבישטער ער איז דער וואס איז מהוה אלעס, ער איז דער תקיף ובעל היכולת ובעל הכוחות כולם, ער פירט אלעס צו און ער איז דער וואס פירט דער וועלט, און ער איז דער איינציגסטער וואס צו אים דארפן מיר זיך ווענדן אויף יעדע זאך ווייל אויסער אים איז נישט דא קיין שום כח וואס איז מחי' ומהוה, אויף די פשוטע אמונה דארפן מיר האבן א כח עליון צו קענען באמת לעבן מיט דעם אין אזא וועלט מיט אזא הסתרה און די 'כח עליון' קען מען באקומען יעדער איינער וואס בעט עס נאר פונעם קעניג, ראש השנה בכלל און ביי דעם קיבוץ הקדוש בפרט ווייל "דער עיקר אמונה קען מען נישט באקומען נאר דורך די צדיקי הדור **און וועגן דעם דארף מען פארן צו די צדיקי אמת אויף ראש השנה צו קענען זוכה זיין דורך זיי צו אמונה שלימה וואס דאס איז דער עיקר ראש השנה"** (ליקוטי הלכות אומנין ד')

**והחכם עיניו בראשו, און ער מאכט פון דעם 'עיקר' א 'עיקר' און פון דעם 'טפל' א 'טפל'...**



# שטערנדלער

הר"ר יעקב נתן אנשין שליט"א

וְהַכּוֹכָבִים שֶׁנִּתְּנוּ לַהַלְבָנָה לְהָפִיס דַּעְתָּהּ, יֵשׁ לְפָרֵשׁ שֶׁזֶּה מְרַמֵּז עַל שְׁאָר אֲנָשָׁיו שֶׁהָיוּ מְקֹרָבִים אֵלָיו וְהִשְׁתַּדְּלוּ לְהַצְדִּיק אֶת הָרַבִּים
\\ דרך כוכב מיעקב

## מאדנע מענטשן, פון אלע סארטן – אבער דאס איז דיין פארדינסט!

### די אנטוישונג ביים רבי'נס ציון

ראשית כל וויל איך באגריסן די געוואלדיגע אויסגאבע, ס'איז א מורא'דיגע זאך אז מען מאכט אזא זאך אויף די אידישע שפראך אונזער הייליגע מאמע לשון. דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל ברענגען די ריכטיגע תועלת - בלי שום מכשול.

זיך דערנענטערנדיג צום גרויסן הייליגן ראש השנה ווען רבבות אנשי שלומינו גרייטן זיך אויף די נסיעה הקדושה צום הייליגן רבי'ן איז פארהאן פיל אידן וואס שפירן אז זיי דארפן חיזוק, הדרכה און דעת איבער א געוויסע נקודה. דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ארויסברענגען די ריכטיגע דיבורים איבער דעם.

יעדער וואס קומט צום הייליגן קיבוץ קומט דאך אוודאי מיט מורא'דיגע רצונות און כיסופים זיך אויסצוגיסן די הארץ ביים הייליגן רבי'ן. מען וויל זיך באנייען אין עבודת השם, זיך דערוועקן פון שלאף און ארויפגיין אויפן דרך המלך - אויפן דרך העולה בית קל. עס איז דא אמאל א געפיל פון א גרויסע צובראכנקייט ביי מענטשן - בפרט אין אזא צייט ווי ראש השנה ווען עס קומט א ריזיגער קיבוץ מיט אזויפיל מענטשן פון אלע סארטן - אז ביז מען איז שוין משבר אלע מניעות, מען איז זוכה אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן, איז דא נייע סארט מניעות ביים ציון אליין צו זוכה זיין צו אויסנוצן די צייט און זיך קענען אביסל מיישב דעת זיין.

פארשטייט זיך אז קיין איינער איז נישט גלייך צום אנדערן. ס'איז דא מענטשן וואס מען פירט זיך צו זיי מיט אן הארת פנים, זיי זענען זוכה זיך אויסצוגיסן די הארץ ביים ציון און ארייננכאפן צו אויסנוצן די צייט. אבער ביי גאר אסאך מענטשן פירט מען זיך מיט אן אנדערער סארט הנהגה, זיי קומען אן זענען טרוד און זענען נישט מצליח זיך צו מיישב דעת זיין און טרעפן א רואיג ווינקל צו עפענען די הארץ. עס טוט זיי מורא'דיג וויי און זיי זוכן די ריכטיגע חיזוק און הדרכה אויף דעם.

וואלט מען ווען גערעדט פון א ציון פון אן אנדערע צדיק וואלט נישט געווען אזוי דעם פראבלעם ווייל מען קומט מען קושט דעם ציון, מען צינד

א לעכט, מען זאגט דורך ספר רביעי שבתהילים, מען שרייבט א קוויטל און מען גלייבט אז מען האט געפועלט וואס מען דארף.

אבער אז עס קומט צום רבי'נס ציון, וואס דא קומט א מענטש מיט דעם געפיל אז ער וויל זוכה זיך אויסצוגיסן די הארץ זיך צו באנייען און ווערן אן אנדערע מענטש, טוט עס זייער וויי ווען א מענטש פילט אז ער איז נישט מצליח צו טון וואס ער וואלט געוואלט טון ביי דעם פלאץ.

### תוהו ובוהו

דער אמת איז אז דער שוועריגקייט איז כלול פון צוויי חלקים באופן כללי.

קודם איז דא די עצם מציאות ביי פיל מענטשן אז ווען זיי קומען אין א פלאץ וואס עס איז דא דארט אסאך מענטשן, אזוי ווי טאקע אין אומאן אין די טעג פון ראש השנה וואס וואו מען גייט און וואו מען שטייט, אינעם ציון אינדרויסן פון ציון איז דא א גרויסן עולם - באלד וועט מען זעהן וועלכע סארט עולם - אבער קודם כל די עצם מציאות אז עס איז דא א גרויסן עולם. דאס קלאפט אויך אויס ביי יעדע אכסניא. רוב מענטשן האבן נישט קיין אייגענע רואיגע ווינקל מיט א פריוואטער צימער, און אזוי איז מיט די מקוה וכו' גיין אין גאס אין ציון וכו' איבעראל איז פארהאן א רבוי עם. פארהאן פיל מענטשן וואס דאס זיין צווישן אזויפיל מענטשן, אפילו ווען אלעס וואלט געווען זייער סארט היימיש און באקאנט, אבער די עצם זאך זיך צו געפינען א וואך צו מער צווישן אזויפיל מענטשן איז אים גורם א בלבול הדעת.

ווער רעדט נאך אז טעכניש צווישן אזויפיל מענטשן קען ער נישט געהעריג שלאפן און זיך אויסרוען נארמאל, און שוין דארף ער אויפשטיין צו סליחות. ובפרט אויב ער איז זוכה אויפצושטיין חצות אזוי ווי עס פאסט ביים הייליגן רבי'ן די לעצטע טעג פון יאר. און אזוי ווייטער ווען ער קומט אין בהמי"ד אין קלויז וכו' האט ער נישט קיין נארמאלע פלאץ צו זיצן און די גאנצע זאך איז א מציאות וואס איז גורם פאר אסאך מענטשן א שטארקע טירוף הדעת.

איז אויף די נקודה איז דא א בפירוש'ע שיחה און חיי מוהר"ן (ת"ד) וואס דארטן ווערט געברענגט אז איינער האט זיך אויסגערעדט פאר'ן רבי'ן ממש אויף די נקודה און ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז עס וואלט אים אסאך גרינגער געווען צו זיין ביים רבי'ן שבת תשובה און נישט ראש השנה. ווייל ער פארמאגט נישט קיין נארמאלע פלאץ וואו צו שטיין אין

בהמ"ד. אזוי אויך פארמאגט ער נישט קיין געהעריגע אכסניה צו נעכטיגן און צו עסן. זיין דעת איז זייער צומישט און ער קען נישט דאווענען מיט כוונה. דעריבער איז אים פיל גרינגער צו קומען צו רבי'ן אויף אן אנדערע צייט און נישט ראש השנה. האט אים דער הייליגער רבי געענטפערט מיט דעם לשון "יא עסן נישט עסן, יא שלאפן נישט שלאפן, יא דאווענען נישט דאווענען, אבי דו זאלסט זיין ביי מיר אויף ראש השנה"

פארשטייט זיך אז דאס וואס די רבי האט געזאגט "נישט דאווענען" מיינט נישט ח"ו נישט דאווענען אינגאנצן. נאר אזוי ווי ר' נתן צייכנט שוין צו דארט בסוגריים "בכוונה כראוי", דאס הייסט אפילו מען וועט נישט קענען דאווענען מיטן פולסטן כוונה איז דער עיקר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה. ר' נתן פירט אויס דארט בסוגריים אז באמת די אלע זאכן איז נישט מער ווי דמיונות און פתויים פונעם בעל דבר וואס ער פארגינט נישט פארן מענטש. ער וויל אים שוואר מאכן און ער גיבט אים אריין דמיונות אין קאפ און ער רעדט אים איין זאכן. געלויבט ג-ט זעהט מען בחוש אז ביים הייליגן קיבוץ דאווענט מען מער מיט כוונה ווי מען וואלט וועלן געדאווענט אין א צווייטן פלאץ.

למעשה האבן מיר דא קלארע ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן אז אפילו א מענטש מוטשעט זיך מיטן אויבענדערמאנטן פראבלעם, איז דאס זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה חשוב'ער פון אלעס.

## דו קומסט נישט פאר דיינע חשבונות

וואס עס קומט אויך ארויס פונעם רבי'נס ווערטער איז נאך א נקודה. אוודאי יעדער קומט צום רבי'ן פאר זיך, ער וויל נתעלה און נתרומם ווערן ער וויל זוכה זיין צו וואס מען קען זוכה זיין און צו וואס מען דארף זוכה זיין, אבער מען דארף אויך וויסן ווען מען קומט צום רבי'ן קומט מען נישט נאר פאר זיך. מען קומט נישט נאר פאר די פאר חשבונו'לאך. טאקע אלעס גאר חשוב'ע חשבונות, דו ווילסט זיין אן ערליכער איד א גוטער א פיינער, ס'איז אלעס גאר חשוב און וויכטיג, אבער זאלסט וויסן אז דיין קומען אויף ר"ה איז עפעס וואס איז פיל העכער ווי דיין אייגענע חשבון. דו קומסט דא האבן א שייכות מיט אזא מין זאך וואס די גרעסטע זכיה אצו זיין א חלק פון דעם הייליגן קיבוץ פון די הייליגע צירופים וואס קומען זיך מתקבץ זיין דא ביים הייליגן רבי'ן וואס ער מאכט מיט דעם אזעלכע מורא'דיגע פעולות פאר די גאנצע וועלט און פאר אלע עולמות. אזוי ווי די הייליגע רבי האט געזאגט, "לא מבעיא אתם כולכם תלויים בראש השנה שלי אלא כל העולם כולו תלוי בזה - די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין דעם און ווער עס האט א חלק אין דעם איז דאס די גרעסטע זאך וואס עס קען נאר זיין."

**ווייל א מענטש איז נישט צוגעוואוינט צו דעם, און אז מען קוקט מיט א חיצוניות'דיגע בליק קען מען פילן – און בפשטות מיט רעכט – אז אויש' עס שטערט מיר.' 'פארוואס זענען דא אזעלכע סארט מענטשן? וואס פעלט עס אויס אזעלכע משונה'דיגע מענטשן?**

ממילא דאס דארף מען וויסן ווען מען האט צומאל אזא סארט בלבול. א מענטש קומט און ער איז נישט מסודר זיין קאפ איז נישט אויפן פלאץ, דארף מען וויסן 'דו טוסט יעצט א זאך וואס איז העכער ווי דיינע אלע אייגענע חשבונות'. נישט אז דאס איז נישט דיין חשבון. דו פארדינסט פון דעם. נאר די פארדינסט איז נישט נאר די רווחים וואס דו זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן; איך האב געשמאק געדאווענט, איך האב געהאט א נארמאלע פלאץ צו זיצן און א סעודה, ס'איז געווען אן התעוררת. נאר אפילו לו יצויר ס'וועט זיין א מציאות פון נישט געגעסן און נישט געשלאפן – ס'איז נישט געווען קיין נארמאלע סעודה, האסט נישט געהאט געהעריג קיין חברים ביי די סעודה, ביסט געווען מורא'דיג אויסגעמוטשעט, די דאווענען איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין – אבי דו זאלסט זיין ביי מיר אויף ראש השנה. ס'איז א זאך וואס מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם, די מורא'דיג זכיה פון זיין א חלק אין דעם רבי'נס ראש השנה.

## קיבוץ גליות

נאכדעם איז פארהאן א טיפערע סארט בילבול. נישט סתם אז ס'איז פארהאן אסאך מענטשן אדער אז א מענטש האט נישט קיין געהעריגע אכסניא און דאס ברענגט אים א בילבול הדעת. עס איז דא עפעס וואס איז אסאך מער. עס איז נישט קיין סוד יעדער איינער ווייסט אז ווען מען קומט קיין אומאן איז עס נישט אזויווי ווען מען קומט צו אן אנדערע חסידות. נארמאל ווען א מענטש קומט צו זיין חסידות, זיין ביהמ"ד און זיין רבי'ן איז פחות או יותר, אלע זענען גערעכט צו אים. אלע גייען אנגעטון ווי אים אלע זענען זיין סארט קהילה. עס איז דא אן אונגארישע סארט פלאץ און עס איז דא א ליטווישע פלאץ. יעדע חצר, יעדע פלאץ האט אירע סארט מענטשן. עס איז דא וואס רעדן אידיש, עס איז דא וואס רעדן ענגליש, אמעריקאנער... אלע סארטן מענטשן וואס איז דא אין כלל ישראל האט יעדע קהילה איר סארט קבוצה, אירע סארט מענטשן.

ווען א מענטש קומט אין אזא סארט פלאץ איז אים געשמאקט און אנגענומען. א חסיד קומט אין זיין חסידות און אלע גייען אנגעטון זיין סארט לבוש. עס איז נישט נאר די בגדים, די שטריימלעך אדער די סארט היט, עס איז מער די נקודה אז אלע זענען די זעלבע סארט.

אבער ווען מען קומט אין אומאן צום הייליגן רבי'ן, צום קיבוץ וואס כשמו כן הוא אזא קיבוץ גליות, איז דא מענטשן וואס זענען בכלל נישט צוגעוואוינט צו דעם. בפרט אידן פון חוץ לארץ וואס דארטן לעבט יעדער איינער מער וויניגער מיט זיין קהילה. אין ארץ ישראל, ווי נישט וואו איז עס בחינה פון אזא גרויסע קיבוץ וואס יעדער איינער טרעפט

זיך מיט ספרדים און תמנים. אין חוץ לארץ איז דאס ווייניגער אביסל. אבער דא קומט א מענטש אין א פלאץ און מיט איינמאל זעהט ער זיך אן מיט אזויפיל סארט מענטשן. עס איז נישט נאר די נקודה פון סארט מענטשן – ספרדישע תמיני'שע און אפילו מזרחי'סטישע – עס איז אסאך מער פון דעם. עס קומען דארטן אזעלכע נשמות פון אלע סארטן מדריגות אין עבודת השם, מחטוב עיציך עד שואב מימיך. אלע סארטן מציאות'ן פון מענטשן. עס קומען אפילו אזעלכע סארט וואס יעדער איינער ווייסט אז זיי געפונען זיך אין גאר נידריגע פלעצער און עס איז א מורא'דיגע מופת ווי אזוי זיי קומען בכלל דא אן. ווער רופט זיי דא, וואס זוכן זיי בכלל צו פארדינען דא. אבער דאס איז די מציאות אז עס איז דא דא א גרויסע רבי און ער רופט צו זיך אזעלכע נשמות וואס אין אנדערע פלעצער האבן זיי נישט וואס צו ארייננטרעטן בכלל. און אפילו אויב זיי וועלן ארייננטרעטן וועלן זיי זיך נישט געפונען דאס פלאץ דארטן.

אפילו ביי גרויסע צדיקים איז דא א בחינה וואס ר' נתן רעדט איבער יוסף הצדיק, אז איינער פון די זאכן וואס די הייליגע שבטים האבן נישט געקענט פארליידן איז דאס וואס שטייט אין פסוק "והוא נער את בני בלהה ואת בני זלפה" די בני השפחות זיי זענען אויף א נידריגע מדריגה, ווי ר' נתן איז מרמז בני בלהה און בני זלפה איז א ענין פון בלהות און זלעפות. דאס מיינט אזעלכע נשמות וואס געפונען זיך אין כל מיני בלהות אין כל מיני התגברות היצר, און עס איז דא אפילו צדיקים – א בחינה פון די שבטי קה – וואס קענען נישט פארליידן אז די אינגע ברודער דער יוסף הצדיק, – חוץ וואס פארציילט אזעלכע חלומות אז ער איז דער גרעסטער צדיק און אלע בוקן זיך צו אים און יעדער דארף מקבל זיין פון אים. וואס בכלל די גאנצע שפראך געפעלט זיי נישט – איז אויך זיין פיראכטץ מיט וועלכע חסידים האט ער צוטון פארשטייען זיי בכלל נישט. אוודאי ער האט גאר חשוב'ע חסידים, אבער ער האט אויך חסידים וואס זענען ממש פון די נידריגע סארט מענטשן. זיי פארשטייען אז ווען מען בויעט אויף א חסידות דארף מען דאגה'ן פאר אנשי שלומינו פאר אונזעריגע, און אוודאי איז דאס ריכטיג.

ווען עס קומען אזעלכע רחוקים, און ווער רעדט נאך גאר גאר ווייטע נשמות וואס עס גייט אריבער אויף זיי גאר שווערע זאכן, – וואס באחרית הימים איז פארהאן ליידער גאר אסאך אזעלכע. עס דארף זיך ענדיגן די אלע בירורים פון די נשמות – קענען די סארט צדיקים זיי טאקע נישט באהאנדלען. זיי האבן נישט קיין שפראך מיט זיי און טאקע די נשמות קומען נישט צו זיי. זיי פילן אז זיי האבן נישט וואס צו זוכן ביי זיי. זיי פארשטייען אז דאס זענען גרויסע צדיקים אבער די גרויסע צדיקים האבן נישט די וועג ווי אזוי צו העלפן די נידריגע מענטשן.

## ואני ידי מלוכלכות...

די הייליגע רבי אבער האט געזאגט אויף זיך דער לשון וואס דוד המלך ע"ה האט געזאגט "שכל מלכי מזרח ומערב יושבים בכבודו של עולם ואני ידי מלוכלכות בדם שפיר ושליא לטהר וכו'" ווי ר' נתן איז דאס מסביר אין משיבת נפש, אז עס איז דא א בחינה אז די אלע מלכים – מאן מלכי רבנן גרויסע צדיקים וואס אין א געוויסע בחי' זיצן זיי בכבודו של עולם און אוודאי טוען זיי אויף מורא'דיגע זאכן, אבער ס'איז דא דער גרויסער צדיק וואס ער 'ידיו מלוכלכות לטהר נשמות ישראל', זיינע האנט זענען פארשמיצט צו רייניגן אידישע נשמות 'לאביהן שבשמים'. ער האט טאקע די כח ער האט באקומען דעם כח פון הימל און דעם שליחות צו מקרב זיין אלע נשמות צום אויבערשטן און ביי אים זעהט מען טאקע דעם גרויסן וואונדער אז די גאר גרויסע נשמות און די גאר קליינע נשמות ממש פון די העכסטע העכסטע ביז די קלענסטע קלענסטע האט ער וואס צו פארקויפן און ער האט וואס צו העלפן וואס צו מתקן זיין

פאר די גאר גרויסע ווייזט ער וואס זיי דארפן נאך דערגרייכן אז זיי האבן נאך בכלל נישט אנגעהויבן אזוי ווי מען זעהט בחוש אז ווער עס מקורב צום רבי'ן און ער קומט צום רבי'נס ציון אפילו ער פילט אז ער איז שוין גאר גרויס און אפילו ער איז טאקע גאר גרויס אבער ווען ער קומט צו די גאר גאר גרויסן צדיק וואס ער איז נכלל אינעם אויבערשטן און ער זעהט א גאנצן צייט אז וויפיל מען איז משיג האט מען נאכנישט אנגעהויבן בכלל ער שיינט אריין אין מענטש אז ער זאל אנהויבן כאפן אז מען דארף נאך אסאך אסאך ארייכאפן דאס איז פאר די גרויסע און פאר די קליינע פאר די גאר גאר נידריגע יעדער איינער אוואו ער איז האט ער די שפראך און ער האט די סבלנות זיך צו פארפאטשקען מיט זיי צו פארברענגען מיט זיי צו אראפגיין צו זיי און מען זעהט בחוש עס איז א מציאות אז עס קומען צום הייליגן רבי'ן די גאר גרויסע און די גאר גאר קליינע און גאר קליינע מיינט טאקע ממש פון דיוטא התחונה ממש וואס זיי אלע זענען נשמות ישראל.

וויפיל אין אנדערע חסידות'ן וועט מען זיי נישט וועלן ארייננעמען – נישט נאר מען וועט נישט וועלן מען קען זיי טאקע נישט ארייננעמען – וועט עס נישט העלפען. ווייל צום סוף דארפן זיי האבן א תיקון. עס וועט נישט העלפן אז מען וועט זיך מעלים עין זיין פון די נשמות, נישט אז אויב מען וועט זיי נישט וועלן אננעמען וועט די וועלט ווערן פאראכטן אזוי אויכעט. די וועלט מוז פארראכטן ווערן, און זיי זענען א חלק פון כלל ישראל. און ליידער ליידער אסאך פון די סארט נשמות אינעם לעצטן דור קומען פון גאר פרומע און פיינע משפחות אזוי ווי יעדער איינער ווייסט ואין כאן המקום להאריך.

## דו ביסט א חלק פון תיקון העולם!

איז ברוך השם אונז האמיר די זכיה צו נעמען א חלק אין אזא הייליגע קיבוץ פון אזא גרויסע רבי וואס ער פארעט זיך טאקע מיט די גאר גאר נידריגע נשמות. ער פארעט זיך מיט אלע סארטן. טאקע פון איין זייט – אזוי ווי מען האט אנגעהויבן – מאכט עס א בלבול הדעת פאר'ן מענטש. ווייל א מענטש איז נישט צוגעוואוינט צו דעם, און אז מען קוקט מיט א חיצניות'דיגע בליק קען מען פילן – און בפשטות מיט רעכט – אז 'איש עס שטערט מיר'. 'פארוואס זענען דא דא אזעלכע סארט מענטשן?' 'וואס פעלט עס אויס אזעלכע משונה'דיגע מענטשן?' און טאקע אוודאי ווייל מען מאכן השתדלות אז עס זאל זיין נארמאל, עס זאל זיין מכובד'דיג דעם פלאץ. אבער וואס זאל מען טון, דו האסט א שייכות צו אזא גרויסן רבי'ן וואס פארעט זיך מיט די גאנצע וועלט – מיט די גאנצע וועלט כפשוטו. און דו ביסט א חלק פון דעם! דו ביסט א חלק, ווייל יעדער איינער וואס קומט צום רבי'ן איז מוסיף כח פאר'ן צדיק צו טון וואס ער דארף טון. און דאס איז גאר א גרויסער חלק פון וואס ער דארף טאקע טון, זיך פארען מיט די נשמות.

איז אפילו בחיצניות זעהט אויס אז עס שטערט, און עס שטערט טאקע, אבער עס קומט פון א מורא'דיגע מעלה, דו געהערסט דא צו אזא מין פלאץ! קענסט זיך טאקע גיין אין אן אנדערע פלאץ, א מכובדיגע בהמי"ד, וועסט האבן צו עסן צו שלאפן, וועסט נישט זעהן קיין מאדנע מענטשן, מענטשן וואס דו ביסט נישט צוגעוואוינט צו זעהן, עס וועט זיין גאר גאר פיין. אבער אז דו קומסט דא צו אזא צדיק, דו נעמסט דא א חלק אין אזא סארט זאך, דו גיבסט אריין דיינע תפילות, דיין עבודת השם טוסטו דא אריין אין אזא מין קאנטע, אין אזא קאסע פון גאר גאר א גרויסע תיקון העולם. וויפיל עס שטערט דיר טאקע בחיצניות, דארפסטו אבער האבן א מורא'דיגע גליקליכקייט אז דו ביסט זוכה צו זיין א חלק פון אזא גרויסע זאך.

# פון מניעות צו נייעות




הר"ר שמעון אלי' ברוין שליט"א

## צוברעך נישט קיין מענטשן!
## צוברעך די מניעות.

### דער רבי פייפט.

שטייענדיג אין די טעג פארן קיבוץ הקדוש קומט ארויף אויפן זכרון די בילדער פון די פארגאנגענע יארן, די גרויסע קיבוץ פון כלל ישראל אין אומאן ר"ה ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם, די לעכטיגע דאווענען און די בענקענדיגע נסחאות, די ערב ר"ה ביים תיקון הכללי העולמי וואו מען זעהט אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זיך אויסגיסן דאס הארץ און ווערן אויסגעוואשן, די שמחה און הארת פנים ביינעזאם מיט די אהבת ישראל וואס מען זעהט דארט, די שטארקע כח פונעם צדיק וואס ווערט דארט אנטפלעקט, עס וועקט זיך אויף די באהאלטענע ליבשאפט פון הארץ.

אויב האט זיך געדאכט פאר איינעם אז פארן ראש השנה קיין אומאן איז שוין א נאטורליכע זאך, מען פארט און מען קומט גרינגערהייט, איז אבער אין די לעצטע יארן איבער געוויזן געווארן אז קומען צום רבי'ן דארף זיין יעדע מאל מיט א פרישקייט (ווי עס ווערט ערוועהנט אין לקו"מ תורה ס"ב). פרישע וועגן, פרישע מניעות און פרישע ניסים וויאזוי מען קומט אן. ווי דעם רבינ'ס דיבור "יא עסן ניט עסן יא שלאפן ניט שלאפן... אבי ביי מיר זיין ר"ה". עס קען זיך אמאל דאכטן אז אינדערהיים וואלט איך געדאוונט בעסער, איך וואלט געהאט שענערע סעודות יו"ט, דער הייליגער רבי אבער זאגט אונז קוק נישט אויף גארנישט - זיי ביי מיר אויף ר"ה!

אודאי האט שוין ר' נתן ז"ל צוגעליגט אז ע"פ רוב דאווענט מען נאך ביים רבי'ן אסאך בעסער ווי אין אן אנדערע פלעצער, און אז "אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן אזא ר"ה ווי ביים רבי'ן ערב ר"ה", און ווי מען ווייסט וויאזוי עס קוקט טאקע אויס אן ערב ר"ה אומאן, אנגעפאנגען פון זכור ברית, דערנאך די דאווענען, די תיקון הכללי און די ודוי דברים, די געשרייען און געוויינען ביים ציון הקדוש, ממש אן התנוצצת הגאולה.

וואס א טאג מער עס גייט א אריבער ווערט דעם הייליגן רבינס אור פארשפרייט אויף די וועלט מער און מער, אויף אן אומפארשטענדליכע אופן. מען זעהט באשיינפערליך ווי עס שפילט זיך אפ די מעשה וואס דער הייליגע רבי האט דערציילט פונעם פייגל וואס לייגט אראפ אסאך אייער אין פארשידענע נעסטן, און נאך וואס עס ווערן געבוירן די קינדער גיבט זי א פייף און אלע קומען צו לויפן. די הייליגע רבי פייפט יעצט! ער גיבט א פייף און עס קומען צו לויפן אזעלכע מענטשן וואס מען וואלט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז זיי וועלן קומען, די שוואכסטע אידן - מענטשן פון שאול תחתית ומתחתיו. אזוי אויך דרי מעלה וואילע אידן, תלמידי חכמים, בני עלי', וואס אויבן אויף איז א וואונדער אויף זיי, זיי זענען דאך מסודר, זיי האבן דאך השגות, אויב אזוי - וואס פעלט דיר? וואס איז געשעהן? וואס דארפסטו קומען צום צדיק מיט אזעלכע משונה'דיגע שווערע וועגן אונטער אזעלכע שווערע מאסנאמען?!.

### מניעות להגביר החשק

מען זעהט ווי דעם הייליגן רבינס פייער פארשפרייט זיך אין אלע עקן וועלט, דאס אלעס וועקט אויף פון איין זייט גאר גרויסע רצונות און כיסופים אמאל ביז כלות הנפש. אז מען דערהערט וואס עס טוט זיך דארט ר"ה, די תפילות, די בעלי תפילות, תקיעות שופר, די ריקודין, וועקט עס אויף א רצון פון די נשמה, און קעגן דעם וועקט זיך אבער אויף גאר שווערע מניעות, ווי דער הייליגע רבי האט געזאגט אז א יעדע זאך ווי לאנג איך האב עס נישט געזאגט איז עס נישט אזוי שווער, אבער אז איך האב עס שוין געזאגט ווערט שוין א מניעה אויף דעם, ממילא גייט די גאנצע ר"ה צו מיט מניעות, אזוי איז די טבע הדברים.

דער רבי זאגט אז די מניעות איז צו שטארקן די חשק. אויף דעם דארף מען האבן אביסל הילף און הדרכה ווי אזוי מען פארמעסט זיך דערמיט, די מניעות זאלן נישט צוברעכן און אראפווארפן אז צום סוף זאל מען צוקומען צו א מסקנא ח"ו נישט צו פארן, נאר פארקערט עס זאל צוברענגען נאך שטערקער, מען זאל פארשטיין אז די מניעות איז אזוי גרויס, איז א סימן אז איך מוז טאקע פארן! עס זאל טאקע פשוט "שטארקן דעם חשק".

פארשטייט זיך אז עס איז אויך דא מניעות פון די סטרא אחרא, וואס זעהט ווי דער רבינ'ס ר"ה מאכט א מהפיכה אין די וועלט, א המתקת הדינים אויף די וועלט, אן אור התשובה אויף די וועלט, אודאי געוויס פארליגן זיי זיך זייער שטארק אויף דעם יעדעס מאל אויף אן אנדערע אופן.

## די מסירות נפש פון ר' נתן האט שוין אויפגעבראכן דעם וועג.

אז מען לערנט אביסל ווי אזוי עס איז געווען אין הייליגן רבינס צייטן ביי ר' נתן ז"ל און די אנדערע תלמידים, זיי האבן געהאט אזעלכע ביטערע שווערע מניעות וואס זיי האבן געדארפט ברעכן מיט מסי"נ ממש, און זיי האבן טאקע נישט געקוקט אויף גארנישט, נישט אויף די שטוב, נישט אויף די קינדער, אפילו נישט אויף זיך, זיי האבן אלעס איינגאנצן אוועקגעגבן. אז מען לערנט די אלע זאכן דארף מען וויסן מיט וואס פאר א אויגן דאס אנצוקוקן, עס קען אמאל אויסקוקן פאר א אינגערמאן שלא שימש כל צרכו אז ער דארף זיין ממש אין די מצב פון ר' נתן. מען דארף אבער געדענקען וואס ר' נתן שרייבט אז מיט זיינע שווערע ביטערע מניעות וואס ער איז דורך געגאנגען, האט ער שוין געמאכט א וועג פאר אלע שפעטערע דורות זיי זאל שוין זיין אסאך גרינגער.

פון די אנדערע זייט פארשטייט זיך - ווי ערווענט פריער - אז אן מניעות בכלל קען מען אויך נישט. דער רבי זאגט אין די אלול'דיגע תורה, תורה ו', "אז א מענטש דארף פארמינערן אין זיין אייגענע כבוד, און פארמערן דעם אויבערשטנ'ס כבוד". אז דו ווילסט קומען צו מיר אויף ר"ה, וויסן דער תכלית פון ר"ה, דארפסט וויסן אז דו גייסט דא גארנישט פארדינען, נישט קיין כבוד, נישט קיין געלט, נישט קיין געשעפטן - גארנישט! נאר איין זאך, פארמערן דעם אויבערשטנ'ס כבוד.

דער רבי זאגט דארט ווייטער אז א מענטש מוז הערן זיין בזיון און

> ### די הייליגע רבי פייפט יעצט!
>
> ער גיבט א פייף און עס קומען צו לויפן אזעלכע מענטשן וואס מען וואלט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז זיי וועלן קומען, די שוואכסטע אידן – מענטשן פון שאול תחתית ומתחתיו. אזוי אויך דרי מעלה וואוילע אידן, תלמידי חכמים, בני עלי', וואס אויבן אויף איז א וואונדער אויף זיי, זיי זענען דאך מסודר, זיי האבן דאך השגות, אויב אזוי – וואס פעלט דיר? וואס איז געשעהן?

שווייגן. עס איז נישטא קיין ברירה, פאר א מענטש גייט נישט אריבער דעם ישמע בזיונו, דעם למעט כבוד עצמו, די מניעות, ליגט ער אין כבוד עצמו. וויפיל ער מיינט אז ער איז ממליך דעם אויבערשטן איז ער אבער אין כבוד עצמו. ממילא אז מען קומט צום הייליגן רבי'ן מוז מען דאס דורכגיין, עס איז נישט קיין עונש ח"ו, נאר אז מען וויל קומען צום צדיק האמת אנהייבן לעבן אן אמת'ן לעבן, א תכלית'דיגע לעבן, אן עלמא דאתי'דיגע לעבן ,א לעבן פון תיקון הברית און בירור המדמה, מוז מען א דורך גיין דעם נהר דינור. עס איז בהכרח אזוי.

נאר פארשטייט זיך - ווי געזאגט פריער - אז ביי ר' נתן און די פריערדיגע תלמידים איז עס צוגעגאנגען מיט א מהלך פון מסי"נ, נישט קוקן אויף גארנישט, זיין גרייט צו דערלייגן די שטוב מיט די קינדער אבי אויסצופירן דעם רבינ'ס זאך און קומען אויף ר"ה. די זעלבע זאך זעהט מען ווען דער רבי איז געפארן אויף א"י איז עס געווען מיט געוואלדיגע מדריגות פון מסירת נפש וואס אונז קענען נישט און טארן נישט נאכמאכן. עס איז פשוט אז זיי האבן שוין אויף געבראכן די וועג, צובראכן די שיני הס"מ, די געפערליכע מויערן, אזוי אז איינער וועט וויל קומען וועט ער שוין קענען.

## מאך סדר אין מח.

נאר אביסל קליינע מניעות איז נאך געבליבן ביי יעדעם איינעם, יעדער לויט זיין בירור וואס ער דארף דורך גיין, מען קען נישט פארשטיין די חשבונות השמים ווי אזוי עס גייט צו אין דעם ענין, דאס איז אבער זיכער א יעדער איינער דארף דורך גיין. מען קען נישט אנקומען ווי א ברייטע מחותן צום רבי'ן, מען דארף בעטן, מען דארף משתוקק זיין, טון וואס מען קען, כולי האי ואולי ביז מען לאזט אונז אריין. ווי דער רבי האט געזאגט אז אהערעלע איז נישטא און בערעלע איז נישטא, ד.ה. אפילו גרויסע מענטשן גייען דורך, מען דארף זוכה זיין צו דעם, און אנטקעגן די מניעות דארף מען האבן די ריכטיגע עצות און הילף ווי אזוי זיך צו פארמעסטן, ווייל אז נישט קען מען ווערן צובראכן אפילו פון גאר א קליינע מניעה.

דער רבי לערנט אונז אין תורה מ"ו תנינא, אז "דער עיקר מניעה איז מניעות המח!". דאס הייסט אז כאטש א מענטש האט מניעות פון זיין טאטע, שווער, ווייב, געלט א.א.וו.. דאס איז אבער גארנישט א קעגן מניעות המח. פשט איז אז דער עיקר מניעה איז ביי מיר אליין, ווילאנג ביי מיר איז נישט קלאר די זאך, איך האב נישט די ריכטיגע הארץ צו דעם, קען מיר נאך די אלע ארומיגע זאכן שטערן, יעדע קליינינגקייט קען מיר דאן אראפווארפן. דקעגן אבער ווען עס איז ביי מיר קלאר אויסגעקאכט און אויסגעבאקן אין קאפ און אין הארץ אז איך דארף א תיקון, איך זוך דעם תכלית, איך בין נישט אינטערעסירט קיינעם צו זאגן דעות, איך זיך נישט צו שטאלצירן אויף איינעם, איך האב פשוט דערהערט אז עס איז דא א צדיק וואס קומט אראפ ביז מיר, ער גיבט מיר צוריק מיינע אבידות, איך זעה אז איך קען זוכה זיין אלעס צו פאררעכטן, אלעס צוריקברענגען, קיין יאוש איז גארנישט פאראהאנדן! איך שפיר אז איך בין זוכה צו תורה, תפילה, שמירת הברית, צו אמתע שמחה, בטחון, מדות טובות א.א.וו. - וואס איך האב געמיינט אז איך בין שוין פארפאלן פון די אלע זאכן, איינער וואס איז זוכה דאס צו דערהערן קוקט שוין נישט אויף גארנישט, ווייל ער ווייסט אז ער דארף זיך ראטעווען! איך דארף לעבן! און וואס טוט מען נישט פאר הצלת נפשות?! ממילא קומט אויס אז ווען איינער האט שוין געבראכן די מניעות המח פארט שוין אלעס.

דאס איז דער עיקר הילף און הדרכה פאר אונז אלע; זיי משקיע אין מניעות המח! זיי נישט אזוי פארנומען מיט די מניעות פון די ארומיגע. איינמאל דו וועסט טון דיינס, אטאמאטיש וועלן אוועקפאלן אלע סובבים. עס איז בדוק ומנוסה! נישט פון איין מעשה, נישט פון צען און נישט פון טויזענט מעשיות! עס איז קלאר אזוי! אלע שוועריגקייטן זענען נאר ווילאנג ביי מיר איז נישט אויסגעקלארט די זאך. אסאך מאל איז עס מיט רעכט, נישט אלעס ווערט קלאר אין איין טאג. מען דארף אסאך המתן און עבודה ביז עס פאלט אראפ די שטיינערנע הארץ, און די ל"ב בש"ר עפענט זיך, דעם רבינ'ס זאך קריכט אריין.

## די מניעות קומט פון קנאה.

עס איז דא נאך א סוד וואס אלע דארפן וויסן; די אלע ארומיגע משפחה חברים עלטערן א.א.וו. קוקן מיט אן אויג פון קנאה. זיי זעהן אז דא איז דא א אינגערמאן וואס ביי אים האט זיך אויפגעוועקט א נקודת האמת, א נקודה פון גאולה און גאולת הנפש, דער אינגערמאן האט אנגעהויבן צו לעבן, עס איז ערשינען א שמייכל אויף זיין פנים, ער האט זיך ארויסגעריסן

פון צווישן די סמ'ס צייגער, ווי אזוי קען דאס זיין היינטיגע צייטן? עס איז נישט קיין טעגליכע זאכן.

קוקן זיי - נו לאמיר זעהן וואס גייט זיין מיט אים? מיינט ער עס דען ערנסט מיט אן אמת?. דאס איז די ציל פון די אלע מניעות פון ארומיגע. אויב וועסטו זיך אנהייבן שטויסן מיט זיי, וועלן זיי זעהן אז דו מיינסט עס נישט ערנסט. דו ביסט פארנומען א גאנצן טאג זיך צו פארענטפערן פאר דעם און פאר יענעם. שלאגן קענען זיי בעסער.

איינמאל אבער זיי זעען אז מען מיינט עס ערנסט טוישט זיך די גאנצע בילד.

ווי עס פארציילט א טאטע וואס זיין בחור האט אנגעהויבן ווילן פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה. די זאך איז געפאלן אויף אים ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, ווען ער האט אבער געזען אז זיין בחור וויינט בדמעות שליש ווי א קליין קינד אז ער וויל זוכה זיין צו זיין אן ערליכע איד, נו וועלכע טאטע קען דען שטיין קעגן אזעלכע טרערן?! דאס איז דאך וואס יעדע טאטע וויל, זיין קינד זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד! בפרט די היינטיגע דור וואס אין בית אשר אין שם מת, און מען דארף גרויס רחמי שמים אז די קינדער זאלן בלייבן ערליכע אידן און גיין בדרך הישר, שטייט קיינער נישט קעגן אזעלכע רצונות.

## אנקומען צום רבי'ן – נאר דורך בזיונות.

די אלע מויערן זענען נאר אן אויגן פארבלענדעניש, ווי דער רבי ברענגט בשם דעם בעל שם טוב הק'. דאס דארף זיין די בליק. זיי נישט פארנומען מיט די ארום און ארום. פארקערט, אז עס דיר נישט אזוי געשמאק? האסט בזיונות? כאפ עס אריין ווי א לעקאך! ישמע בזיונו ידום וישתוק. דאס איז דער מהלך, אזוי קומט מען צום רבי'ן, למעט בכבוד עצמו.

אזוי ווי מען זעט ביים רבי'נס ציון, צומאל קומט א מענטש צום רבי'ן, ער מיינט זיכער אז ער וועט דארט זיין פון די יושבים ראשונה במלכות, א קלייניגקייט? ער האט זיך דאך אוועקגעגעבן צו קומען קיין אומאן. ווי נאר ער קומט אן ערב ר"ה ער וויל צוגיין צום ציון, זעהט ער אז עס איז דא א לאנגע רייע, מען קען נישט צוגיין. שטייט ער דארט ערווארט און ווארט, ער זעהט דארט אזעלכע אידן וואס סתם אזוי וואלט אים נישט געפאסט צו שטיין אין זייערע ד' אמות, זיי שטייען פאר אים און גיסן זיך אויס דאס הארץ צום צדיק. צוביסלעך צוביסלעך הייבט אן אראפפאלן זיין כבוד עצמו און עס הייבט זיך די כבוד המקום, ביז ער איז זוכה צו אביסל ענווה ושפלות לאזט מען אים צו צום ציון. אזוי מאכט דער רבי מיט אים די ריכטיגע אפאראציע פונעם לב בשר, דאס איז די וועג ווי אזוי עס גייט.

פארשטייט זיך אז עס איז א גרויסע נארישקייט אנצוהייבן מיט וויכוחים און פילפולים מיט מענטשן, אויפווייזן אז איך בין גערעכט און נישט דו. נישט פון אזא כרוז האט דער רבי גערעדט...

דער ריכטיגער כרוז איז, ווען דו טוסט די ריכטיגע זאך וואס דו דארפסט און דו קענסט עס זאגן מיט אן אמת. עס מציע זיין פאר דיין חבר און זאגן "איך זאג דיר איך האב אנגעהויבן לעבן. פאר דיין טובה, דו קענסט אויך זוכה זיין". אויף אזא אופן גייט עס, און נישט מיט קיין שטויסעריי, מידות רעות און גיאות.

## קיינער דארף נישט ליידען אז דו ביסט געווארן א ברסלב'ער.

מען קען אמאל זעהן א בחור'ל וואס איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, און ער איז שוין א גאנצע מאן דאמר. ער קען שוין חלילה מזלזל זיין אין זיינע עלטערן וואס זיי זענען שוין עובדי השם אזויפיל יארן, יעצט אז ער איז אויפגעקומען אויף עפעס וואס זיי וויסן נישט מאכט ער פון זיי אש און פארעך, דאס איז זיכער נישט די תכלית.

די זעלבע זאך איז ביי א אינגערמאן מיט זיינע ב"ב און זיינע עלטערן. עס איז זיכער נישט דא קיין שום ענין זיי צו מצער זיין, מזלזל זיין אין זיי. פארקערט, דו דארפסט רחמנות האבן אויף זיי און נושא בעול זיין. אבער וואס קען מען טון? ווי נישט ווי דארף מען זיך דאך ראטעווען. וואס קען נעבעך טון איינער וואס דארף אריבערגיין א הארץ אפאראציע? איז דען געשמאק צו זיצן אין שפיטאל? עס איז זייער שווער! נאר וואס קען מען טון מען דארף זיך ראטעווען. איך בין אויך קראנק, איך האב א קראנקע הארץ פיל מיט תאוות רעות רח"ל, פיל מיט אהבת נפולות, יראות נפולות, עצבות, יאוש, מרה שחורה און אזוי ווייטער. איך מוז אויסגעהיילט ווערן. אויף וועז זאל איך ווארטן?! אויף אזא אופן גייט מען צו צו דעם.

אוודאי ביינעזאם מיט דעם טראגט מען ווייטער די אחריות פונעם משפחה, קיינער דארף נישט ליידען אז דו ביסט געווארן א ברסלב'ער! מען דארף עס זאגן זייער קלאר. נישט פארהאן אזא זאך מען זאל מצער זיין איינעם ווייל מען איז נתקרב געווארן צום הייליגן רבי'ן! אויב יענער האט ממילא צער קען איך גארנישט טון, אבער גיין יענעם מצער זיין, דאס נישט. מען דארף מסביר זיין אז איך דארף זוכן מיין תכלית, - ווי פריער ערוועגט, און פראבירן צו בארואיגן אז פארקערט אזוי וועל איך זיין די ריכטיגע טאטע אין שטוב - די ריכטיגע מאן אינדערהיים, די ריכטיגע זוהן פאר די עלטערן.

דער רבי וויל פון אונז ענווה און שפלות רוח, גיאות ביים רבי'ן איז די ערגעסטע זאך.

## עס וועט זיך אין דיר.

ממילא דארף יעדער מקורב וואס איז שוין געפארן און וואס וויל פארן, די ערשטע זאך אריינעמען ביי זיך אין הארץ, איך וויל זוכה זיין צו תשובה שלימה, איך וויל זוכה זיין צו ווערן א נייע מענטש, א פרייליכע מענטש, א בעל בטחון ואמונה, צו אפגעהיטענע אויגן און מחשבות, א ריינע הנהגה פון קדש עצמך במותר לך. דאס אלעס דארף איך עמערזשענסי, און דאס באקומט מען ביים צדיק. אקסעזשין צום אטעמען! אויף דעם אופן ווערט אלעס אינגאנצן אנדערש.

די מניעות ווערן אסאך אסאך גרינגער, און וויפיל עס בלייבט נאך איבער איז דאס אלץ וואס דארף נאך נתברר ווערן.

אין די רגע וואס דער אינגערמאן טוט וואס ער דארף, ווערט אטעמאטיש אלץ איבערגעדרייט פון מניעות צו נעימות. ווי מיר וויסן הונדערטער מעשיות פון אידן וואס זייערע ב"ב זענען געווען געפערליכע מתנגדות, צום סוף אבער האט זי גאר אים געשטופט צו פארן.

אז מען גייט מיט די ריכטיגע עצות פון רבי'ן איז נישטא קיין שום חומה וואס קען אפהאלטן.

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל קומען צום רבי'ן מיט אן אמת, נישט פאר קיין כבוד, געלט און שקר וואס פון דעם בלייבט גארנישט כנראה בחוש, עס זאל שוין ארויסקומען דעם קול השופר פון צדיק, די עשרה מיני נגינה, די אמת'ע תוכחה וואס ער גיבט אונז צו מעורר זיין דעם ריח טוב און מען וועט זוכה זיין מיט גאנץ כלל ישראל צו א כתיבה וחתימה טובה, יבחר לנו את נחלתינו, ביז מען וועט זוכה זיין צו די אמת'ע מלוכה פון אויבערשטן מיטן ליכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן מתוך רחמים וחסדים מגולים בב"א.

# אנגעקומען

## צום רבי'ן



**וואס ברענגט טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן צו פארלאזן זייער היים שטאט און זיך ארויסלאזן אויף א לאנגע אויסמאטערנדע וועג צו א פארווארפן שטעטל אין אוקריינע? | די נאנעגדע לאך אין הארץ וואס האט זיי באגלייט לאנגע יארן ווערט ערפילט ביים שורש נשמות ישראל .| געפילן געפונענדיג זיך אין א קאלירפולע געמיש פון פילע סארט מענטשן. | יחד שבטי ישראל**

לקראת ראש השנה תשפ"ה זעצט זיך שטראלן אראפ מיט דריי חשוב'ע אידן פון דריי באזונדערע פראקציעס; הר"ר **מרדכי שלום ראזענפעלד שליט"א** וואס קומט פון א 'ירושלימ'ע' קהילה, הר"ר **אבא צבי גאלינסקי** שליט"א א 'ליטווישע' ראש ישיבה, און הר"ר **איתמר לייפער** שליט"א א 'חסידיש'ע' איד א בנש"ק וואס איז אויפגעוואקסן אין בארא פארק.

מיר הערן פון זיי איבער די לאך אינעווייניג וואס האט זיי אלע באגלייט דורכאויס די יארן, די וואונדערליכע התקרבות צום געטרייען פאסטוך, די ערשטע נסיעה צום הייליגן ציון, זייערע מניעות און נעימות איבער זייערע נסיעות אויף אומאן ראש השנה.

נ. גאלינסקי
באארבעט: הערשל מאיער.



זיצענדיג ביי א טיש מיט דריי אידן יעדער איינער פון אן אנדערע סארט און קאליר, יעדער מיט זיין שפראך, טראכטן גאנג און זיינע אייגנארטיגע מנהגים. שווימט אויטאמאטיש ארויף די שאלה, וואס ברענגט זיי דא צוזאמען? וועלכע קלעב פאראייניגט זיי אלע צו זיצן ארום איין טיש?

מיר פרובירן צו דערגיין דעם באהאלטענעם סוד. מיר ווענדן זיך צו זיי מיט דעם פראגע, "וואס האט אייך געמאכט אוועקגיין פונעם פלאץ ווי איר זענט אויפגעוואקסן? ווי אזוי האבן ענק געמאכט דעם וועג קיין ברסלב?"

## די אינערליכע חסרון און דארשט

**הר"ר מרדכי שלום ראזענפעלד:** אונז לעבן היינט אין א מורא'דיג צומישטע דור. עס לאזט זיך זאגן אז אונזער דור שטעלט פאר א געמיש פון צוויי קעגנזייטיגע פאקטארן. פון איין זייט הערשט א געדעכטע פינסטערניש, שווערע ביטערע נסיונות און אן אויסטערלישע הפקרות. דקעגן פונעם צווייטן זייט זעהט מען אן אומגעהויערע דארשט, א אינערליכע רוחניות'דיגע הונגער און זוכעניש, וואס איז נאך קיינמאל נישט געזען געווארן.

יעדער איינער פון אונז פארמאגט אן אינעווייניגסטע טרייב קראפט. אמאל איז שווער פאר מענטשן דאס אליינס צו אידענטיפיצירן, אבער עס עקזיסטירט. די טרייבקראפט זוכט און פארשט נאך אביסל פנמיות, נאך אביסל חיבור, אביסל מער טיפקייט. עס איז שווער צו בארואיגן דעם זוכעניש נאך זיך אליינס, און אוועק קוקן דערפון.

איך, איך מיט דעם וואס איך בין אויפגעצויגן געווארן אין א ירושלימ'ע קהילה – ווי מיין לבוש זאגט עדות, איך האב באקומען א הייליגע ריינע חינוך אויפן העכסטן שטאפל פון פרומקייט און ערליכקייט, דאך האב איך נאך אין מיינע בחורי'ש יארן אנגעהויבן שפירן א לאך, א חסרון אין מיר. דאס האט מיר זייער ענג געמאכט און נישט געלאזט מנוחה, איך האב אנגעהויבן זוכן און נישטערן, איך האב מיר געדרייט אין פארשידענע פלעצער, איך האב געבענקט צו דינען דעם אויבערשטן, איך האב געגארט און געגלוסט אבער איך האב נישט געפונען, מיין זעהל האט זיך נישט בארואיגט.

איך האב געהערט איבער די עצה פון התבודדות, איך האב עס פרובירט – זיצן אליינס מיטן באשעפער און רעדן צו אים, אבער איך האב מיר געטראפן אנשטאט רעדן רייכערן א ציגאר...

אזוי האב איך געשפירט פאר עטליכע יאר אז איך שטיי אויף דעם זעלבן פלאץ אן לייגן א טריט פאראויס, אן צו מאכן קיין שום פארשריט אין עבודת השם.

**הר"ר מרדכי שלום ראזענפעלד:**
יעדער איינער פון אונז פארמאגט אן אינעווייניגסטע טרייב קראפט. אמאל איז שווער פאר מענטשן דאס אליינס צו אידענטיפיצירן, אבער עס עקזיסטירט. די טרייבקראפט זוכט און פארשט נאך אביסל פנמיות, נאך אביסל חיבור, אביסל מער טיפקייט. עס איז שווער צו בארואיגן דעם זוכעניש נאך זיך אליינס, און אוועק קוקן דערפון.

אין יאר תש"ע נאך מיין חתונה, בין איך אריבער וואוינען אינעם געגנט חפציבה אין בית שמש, די געגנט איז דאן געווען אין אנפאנג פון איר גרינדונג, עס איז געווען ממש ווי א קליין דארף. דארט איז נישט שייך געווען צו אנטלויפן פון זיך אליינס, דארט האט די אינעווייניגסטע "חסרון" אנגעהויבן פייניגן פיל שטערקער, אזש איך האב געשפירט ווי איך מוז זאפארט זיך אנקניפן אין א רוחניות'דיגע מהלך וואס וועט זעטיגן מיין זעהל.

איך האב זיך דורכגערעדט מיט עטליכע חברים דארט, און מיר זענען געקומען צום אויספיר אז כאטשיג די אופן ווי אזוי די חסידיי'שע הויפן פירן זיך היינט איז טאקע זייער גוט און וואונדערליך, דאך וואלט לכאורה די ריכטיגע מהלך – צו שטילן די דארשט – געווען, צו טרעפן א משפיע וואס מיט אים וועלן מיר זיך קענען דורך רעדן און זיך מתייעץ זיין אויף טריט און שריט, שפירן א פרעזענדליכע קשר מיט אים און אזוי ארום נישט פארלירן ווערן צווישן די פארצווייגטע מוסדות, טישן, מעמדים און טויזנטער משפחות פונעם חסידות.

איך האב געוואלט עימיצן וואס מיט אים וועל איך קענען וועכנטליך זיך אראפזעצן, איבערגיין די וואך זעהן ווי אזוי עס איז אריבער געגאנגען, ווי רוקט מען זיך ווייטער פון דא. למעשה האט אבער אויך דעם פלאן נישט מצליח געווען.

נאכאמאל האבן זיך די אלטע געפילן אויף געוועקט, די 'חסרון' האט ווידעראמאל מיר נישט צורוה געלאזט. איין מחשבה האט מיר געפייניגט; וואו געפונט מען דעם וואונדערליכן קוואל וואס אירע ריינע וואסער קענען אנטרינקען מיין דארשטיגע נשמה.
אין יענעם זומער איז געקומען דא קיין ארה"ק, כ"ק אדמו"ר מסטוטשין שליט"א,

אזוי ווי זיין מנהג מידי שנה בשנה. איך האב אויסגענוצט דעם געלעגנהייט, און אנגעפילט מיינע קעשענעס פון זיינע תורות און הדרכות. ווי נאר אבער ער האט פארלאזט דעם באדן פון ארה"ק, האט זיך צוריק באנייט אין מיר יענע נאגנדע געפיל וואס האט מיר דערקוטשעט, 'נעמליך ר' מאטל איז צוריק קיין אמעריקע, ער וועט נישט זיין דא צוריק ביז איבער א יאר ביי זיינע צוויי קביעות'דיגע חדשים, וואס וועט זיין מיט מיר אינצווישן??? וואו קען איך טרעפן איינעם מיט וועם זיך צו באהעפטן, און ער וועט מיר באגלייטן טריט נאך טריט?!'.

## די תפילות וואס האבן גע'פועל'ט

אינמיטן יענעם ביטערן געפיל איז אנגעקומען ראש השנה, איינע פון מיינע שוואגער'ס וואס איז מקורב צו ברסלב האט זיך געגרייט צום גרויסן נסיעה קיין אומאן, האב איך אים געבעטן ער זאל מתפלל זיין פאר מיר דארט אין אומאן.

אויף איך זעלבסט האב אסאך מתפלל געווען אויף מיר פון טיפעניש פון הארץ, בפרט ביי די תפילות פון ימים נוראים. כאטש אין יענע תקופה בין איך געווען שטארק פארטיפט אין תורת חב"ד, דער 'מח' האט פארנומען ביי מיר אסאך מער פלאץ ווי דער 'הרגש', דאך האב איך נישט געקענט איינהאלטן מיינע טרערן, זיי זענען גערינען ווי פון זיך אליינס. "רבונו של עולם" - האב איך געבעטן - "איך זוך דיר דאך אזוי שטארק, אזוי לאנג, און איך טרעף נישט. העלף מיר טרעפן דעם ריכטיגן וועג וואו צו גיין און ווערן נאנט צו דיר, להתהלך בקרבתך ולהנות מנועם זיווך!"

ווי עס שיינט זענען מיינע תפילות אנגענומען געווארן, אין יענעם יו"ט סוכות ווען די משפחה איז זיך צאם געקומען האט מיין שוואגער מיטגעטיילט די איבערלעבענישן פון אומאן  ראש השנה, כאטש איך האב נישט געשפירט אז עס האט עפעס פרעזענדליך מיט מיר, דאך האב איך געהאט א מהלך צו הערן איבער וואס מער מהלכים אין עבודת השם, כדאי צוזאם צונעמען ביי מיר ווי מער גוט'ס פון אלע פלעצער.

דא האב איך אבער געשפירט אז עס איז פארהאן דא עפעס אינטערעסאנט וואס איך האב ווייזט אויס נישט צופיל געהערט איבער דעם, איך האב פארשטאנען אז איך דארף דאס מער אויספארשן. דעריבער ווען איך האב געהערט אז די יארצייט פון ר' נחמן געפאלט אין די נאנטע טעג, בין איך יענעם חוה"מ ח"י תשרי אריבער צום בהמי"ד אנשי הצדיק אין מיין געגנט, צוצוזעהן פון די נאנט ווי אזוי די ברסלב'ע חסידים פראווען דעם יארצייט פון זייער רבי'ן.

ווי נאר איך בין אריינגעקומען האב איך געהערט ווי מען זינגט די שיר ידידות פון הרה"ח ר' יצחק ברייטער ז"ל, די ניגון פון ליבשאפט און בענקעניש האט מיר געכאפט. נאך מער האט אויפגעוועקט מיין נייגער די ברייטע געמיש פון קאלירן וואס האבן זיך דארט געפונען, עס זענען געזיצן צוזאמען חסידיש'ע מיט ליטפישע, ירושלימ'ע מיט בעלי תשובה, אשכנזים און ספרדים מיט אזא אהבה, מיט א געפיל פון ברודער פון איין טאטע, עס האט געגעבן א געפיל אז עס איז דא איינער וואס נעמט אויף זיי אחריות זיי צו פירן אויפן ריכטיגן וועג, טראגט זיי אויף זיינע אקסלען, איך האב זיי ממש מקנא געווען.

אויף צו מארגנס בין איך געפארן קיין ירושלים און כאטשיג געוועגדליך פלעג איך גיין קיין קארלין זעהן די ירושלימ'ע שמחה פון שמחת בית השואבה, האב איך דאסמאל באשלאסן נאך א ביסל צו שפירן 'ברסלב', בין איך געגאנגען צום 'שוהל' אין מאה שערים.

## א טריט נאך א טריט אויפן וועג צום נקודה אין הארץ

עס איז שווער צו אראפגעבן וואס איך האב דאן געשפירט, אבער איך האב געשפירט עפעס א ספעציעלע חיות וואס איך האב נאך



קיינמאל נישט געשפירט אין אנדערע פלעצער, איך האב פארשטאנען אז דא איז פארהאן עפעס מער טיף וואס מען דארף דערשמעקן. עס האט מיר דעמאלסט אזוי געכאפט אזש איך האב דאן געזאגט פאר מיין ב"ב אויפן טעלעפאן, אז ווי עס קוקט אויס וועלן מיר אין צען יאר ארום זיין ברסלב'ע חסידים... עס איז געווען מער ווערטלדיג ווי ערנסט אבער איך האב געשפירט אז דא בין איך זיך מחבר צו עפעס ממשות'דיג און טיף.

איך האב דאן געקויפט אינדרויסן פון ביהמ"ד א קונטרס וואס רעדט איבערן התקרבות צום רבי'ן און זיין ספעציעלע דרך פאר אונזער דור, דארט האט זיך אנגעהויבן מיין וועג צום ליכטיגקייט. שוין אלס בחור האב איך געהאט געקויפט אסאך חסידיש'ע ספרים און צווישן זיי אויך א ליקוטי מוהר"ן, אבער דאן האב איך נישט געשפירט קיין התחברות דערצו, יעצט ווען איך האב עס פריש געעפענט מיט אן אמת'ע "ביקוש וחיפוש" האב איך געשפירט אז די טויערן פון חכמה עפענען זיך פאר מיר. איך מיין אז די סיבה דערצו איז ווייל מען קען נישט לערנען דעם ליקוטי מוהר"ן מיט א ציל צו ווערן ברייטער און אייגקויפן נאך חסידישע ידיעות, מען דארף עס לערנען מיט אן "עין האמת" און נאר דאן איז מען זוכה זיך צו מחבר זיין צו דעם.

איך האב מיר איינגעהאנדלט נאך ברסלב'ע ספרים און איך האב מיר מער און מער מחבר געווען צו דעם.

ווען איך האב געלערנט האב איך געשפירט אז עס איז דא איינער וואס רעדט ממש צו מיר, וואס ווייסט פונקט אלעס וואס גייט איבער אויף אונזער נידריגע דור. אין אנדערע חסידישע ספרים איז אמאל דא א הרגשה אז מען דארף איבערטייטשן זייערע ווערטער צו אונזער שפראך, דא האב איך געשפירט אז ער רעדט מיין שפראך ער פארשטייט מיר און גיבט מיר א גאנצע "תורת חיים".

דארט האט זיך די וועג אנגעהויבן, און ביז היינט האט זיך עס נישט געענדיגט...

## טויזנטער מאל האסטו זיך שוין צוגעזאגט...

**הר"ר איתמר לייפער:** איך האב פרובירט צו דינען דעם אויבערשטן - און די יצר הרע האט מיר געשטערט... בין איך געגאנגען זוכן עצות אין די הייליגע ספרים. איך האב פראבירט די עצה, יענע עצה, אבער די יצה"ר שוויגט נישט ער טוט זיין ארבעט מיר צו פייניגן, איך פאל אראפ איינמאל און נאכאמאל.

## הר"ר איתמר לייפער:

**איך האב געזעהן אז הרה"ק דער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט אסאך ארום גערעדט איבער אויפשטיין חצות און התבודדות, זאכן וואס איך האב קיינמאל נישט געזעהן קיינעם רעדן דערפון א.א.וו.. די קשיות האבן מיר געפייניגט אן קיין ענדע ביז איך האב כמעט אפגעמאכט צו ווערן א ליטוואק...**

דאס איז א באקאנטע בילד, דו זאגסט דיך צו טויזנט מאל "איך גיי נישט אראפפאלן" און עס קומט א נסיון און באמס... ווידער ביסטו אונטן. א ביטערע געפיל באגלייט... אמאל שפירט מען ווי מען וויל ממש טאנצן פון דאך רח"ל, וואס וועט זיין מיט מיר? פארוואס קען איך נישט שטיין אין מיין קבלה? פארוואס פאל איך איינמאל און נאכאמאל?.

איך האב געלערנט ספרי מוסר, איך האב מיר אבער נישט געטראפן דערין. די הייליגע ספרים רעדן דאך פון זעלכע גרויסע מדריגות און השגות, בשעת איך מוטשע מיר מיט זעלכע נידריגע ניסיונות...

איך האב ממש געשפירט ווי מען רעדט דא פון צוויי אינגאנצן אנדערע שפראכן.

א שטארקע שווערינקייט וואס האט מיר באגלייט איז געווען, אז איך בין געווען א מבקש און די שטארקע התעוררות וואס איך האב געהאט האט נישט געדארפט צוקומען צו קיין חיזוק, אבער בשעת א נסיון בין איך נישט בייגעשטאנען. זאל עס זיין אין התמדת התורה און תפילה בכוונה א.א.וו. די ספרי מוסר האבן מיר געגעבן נאך התעוררות, אבער דאס האב איך שוין געהאט גענוג אליינס. איך געשפירט דארף עפעס וואס זאל מיר העלפן אין "עולם המעשה", עפעס וואס זאל מיר געבן די פאסיגע און ריכטיגע כלים זיך צו קענען שלאגן מיטן יצר.

ווען איך האב געטראפן דעם הייליגן רבי'נ'ס ספרים האב איך געשפירט אז דא איז דא איינער וואס פארשטייט מיין מצב, מיינע נסיונות, ער רעדט מיין שפראך!

## ריינע אמת

עס איז געווען נאך עפעס וואס האט מיר געכאפט. אויב ביז היינט – כאטשיג איך קום פון א רבי'ש'ע משפחה – האב איך געשפירט אז עס איז דא עפעס וואס האקט אפ פון די ריינע דרך הבעש"ט צו די וועג ווי אזוי חסידות פירט זיך היינט, האב איך דא אבער געזען א ריינע אמת. מען האט מיר מחנך געווען אז די דרך החסידות גייט איבער פון דור צו דור, א טאטע צו זיין קינד, א רבי צו זיין תלמיד, אבער ווען איך בין נאכגעגאנגען אביסל נאך שלשלת החסידות איז מיר אנטפלעקט געווארן אז אסאך זאכן וואס זענען אמאל געווען פשוט פאר יעדעם איז היינט פארשוואונדען געווארן.

צום ביישפיל: איך האב געזעהן אז הרה"ק דער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט אסאך ארום גערעדט איבער אויפשטיין חצות און התבודדות, זאכן וואס איך האב קיינמאל נישט געזעהן קיינעם רעדן דערפון א.א.וו.. די קשיות האבן מיר געפייניגט אן קיין ענדע ביז איך האב כמעט אפגעמאכט צו ווערן א ליטוואק... דא אבער האב איך געזעהן א ריינע אמת. די זעלבע חסידות ווי פאר צוויי הונדערט יאר צוריק אן קיין שום שינוי, דאס איז וואס איך האב געזוכט...

דורך אויס די אלע יארן פאר איך האב אנדעקט תורת ברסלב האב איך כמעט נישט געקענט לערנען, איך האב געפייניגט אלע מיינע חברותות מיט מיינע קשיות און שאלות וואס האבן מיר נישט געגעבן קיין רוה.

די תשובה וואס איך האב אלעמאן באקומען איז געווען "זיי אזוי ווי יעדעם, וואס דארפסטו די פארדרייען מיט קשיות און פלאנטערנישן?". איך האב געזעהן אז עס איז נישטא קיין קלארערע תשובה אויף מיינע קשיות, ביז איך בין אנגעקומען צו ברסלב און איך האב געהערט איבער די עצה פון התבודדות. דא האב איך געשפירט אז איך האב א פלאץ ווי אפצולאדענען אלע מיינע קשיות, פון יעצט און ווייטער יעדער שוועריגקייט אין וואס איך וועל מיר אנשטויסן, ווייס איך אז עס איז דא איינער וואס איז גרייט מיט אן אפן אויער מיר אויסצוהערן.

די וועג איז נישט געווען גרינג, איך האב

אנגעהויבן צו ליינען איבער גדולי ברסלב, ר' שמואל שפירא ז"ל, ר' ישראל בער אודעסער ז"ל. מיין הארץ האט געקלאפט פון פחד אויב מען וועט אויסגעפינען איבער מיין אינטערעסע אין ברסלב, אבער מיט דעם אלעם האב איך אפגעמאכט – פה אשב כי אויתיה.

## ברסלב איז נישט קיין חסידות – ברסלב איז אידישקייט.

**הר"ר אבא צבי גאלינסקי:** איך וויל אנהייבן פון די פארקערטע ריכטונג און פארציילן צוויי מעשה'לעך וואס מען זעהט וואס די התקרבות צום רבי'ן מאכט ביי א מענטש, און דערנאך וועל איך צירוקקומען צו מיין פערזענליכע געשיכטע.

די פארגאנגענע פרייטאג צו נאכטס בין איך געגאנגען שפאצירן מיט א חסידיש איד וואס האט מיר אמאל ארויסגעהאלפן אין א קאמפיין צו שאפן געלט פאר די ישיבה וואס איך האב געפירט. אזוי שמועסנדיג מיט אים בין איך געוואר געווארן אז דער איד מאכט התבודדות און איז מקיים די הייליגן רבינ'ס עצות כאטש אפיציעל געהערט ער צו א געוויסע חסידות. אין זיינע אויגן אבער איז דאס נישט קיין שום סתירה – ברסלב איז נישט א חסידות – זאגט ער מיר – ברסלב איז אידישקייט! אט דאס איז די ריכטיגע אויסדרוק וואס זאגט וואס איז דא ברסלב פאר די וועלט. מען רעדט דא נישט פון קיין פארמאכטע חסידות מיט מוסדות און קהילות וואס דאס איז זייער חשוב פארשטייט זיך אבער עס געהערט נאך פאר געוויסע יחידים און קהילות. דא אבער רעדט מען פון א וועג פון לעבן א וועג וואס ברענגט נאנטקייט צום אויבערשטן און איז געמאכט פאר יעדעם.

די צווייטע אנעקדאטע איז א שארפע ענטפער וואס איז איך האב געהערט פון מיין זוהן א חשוב'ע בחור ווען איינער האט אים געפרעגט וואס ברסלב האט געטוישט ביי אים. "פאר ברסלב בין איך געווען 'איך' מיט מיין 'יצה"ר' קעגן דעם 'אויבערשטן', נאך ברסלב איז עס 'איך' מיטן 'באשעפער' קעגן דעם 'יצה"ר'". די דאזיגע בליק איז אזוי אמת. דער געדאנק וואס ליגט אין דעם איז מורא'דיג טיף אויך א ברסלב'ע חסיד האט ניסיונות און דער יצה"ר לאזט אים נישט צורוה אבער אן דעם רבי'ן שפירט מען אז די ריכטיגע חבר איז דער יצה"ר נאר וואס זאל מען טוען אז עס איז דא א באשעפער וואס מען דארף אים פאלגן ווייל אז נישט כאפט מען פעטש. ווען מען איז זוכה אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן פארשטייט מען פונקט פארקערט דער אויבערשטער וויל נאר אונזער טובה ער האט אונז ליב און ער ווארט מיר זאלן רעדן צו אים פארציילן אלעס וואס גייט איבער אויף אונז, ער איז אונזער גוטער חבר, נאר וואס זאל מען טוען אז דער יצה"ר פראבירט אונז צו שטערן און דערווייטערן פון אים – פונקט דאס איז די וועג פון ברסלב – איך מיטן באשעפער קעגן דעם יצה"ר!

און צו מיין לעבנס געשיכטע: אין אנפאנג איז עס בכלל נישט געווען קיין "געשיכטע" מיין לעבן איז ווי געשווימען אויף רואיגע וואסערן אויבן האט אויסגעקוקט ווי גארנישט פעלט מיר.

איך בין געווען א אינגערמאן וואס האט געזוכט כבוד און געלט און זיך בכלל נישט געשעמט דערמיט, ארבעטן איז נישט געווען קיין אפציע פאר מיר 'עס פאסט נישט', האב איך אפגעמאכט צו עפענען א ישיבה.

דער אויבערשטער האט געמאכט מיט מיר אן א שיעור ניסים ביז איך האב מצליח געווען אויפצושטעלן א ישיבה קטנה און מודיעין עילית. איך בין קודם געגאנגען זיך דורכרעדן מיט הרה"ג ר' מאיר קעסלער שליט"א, ער האט מיר אבער געזאגט אז עס איז דא איינער וואס האט שטארקע קשרים מיט אלע מנהלים פון די חדרים און יענער גרייט זיך אויך צו עפענען א ישיבה קטנה, ממילא איז כדאי אז איך זאל ציווארטן אויף קומענדיגן יאר. למעשה האב אבער איך יא פרובירט צו עפענען יענעם יאר און ב"ה, מיט גרויס סייעתא דשמיא איז די הרשמה אריבער מיט א שטארקע סוקסעס און די גוטע בחורים פון שטאט האבן זיך איינגעשריבן אין די ישיבה. איך האב אנגעהויבן 'שפירן' דעם אויבערשטן

נאך א שטיק צייט וואס איך בין געשטאנען אין שפיץ פון די ישיבה האב מיר אנגעשטויסן אין א געוויסע שוועריגקייט בין איך זיך געגאנגען דורך רעדן מיט ר' רפאל גריינימאן ווען אינמיטן דעם שמועס האט ער אריינגעוואורפן אז ער גייט עפענען א קורס וואס במסגרת די שיעורים וועט מען דארפן מאכן התבודדות יעדן טאג, גלייך ווי איך האב דאס געהערט האב איך אפגעמאכט ביי מיר איך אז איך גיי מיר מתבודד זיין דורכאויס צוויי וואכן יעדן טאג פאר צוואנציג מינוט.

> **הר"ר אבא צבי גאלינסקי:**
>
> „פאר ברסלב בין איך געווען 'איך' מיט מיין 'יצה"ר' קעגן דעם 'אויבערשטן', נאך ברסלב איז עס 'איך' מיטן 'באשעפער' קעגן דעם 'יצה"ר'".

איך האב פאר קיינעם נישט פארציילט מיין החלטה אויך נישט פאר ר' רפאל איך האב געוואוסט קלאר אז די יצר הרע וועט דאס בשום אופן נישט צולאזן, אבער איך האב זיך דאס מקבל געווען אפילו אזוי.

די ערשטע נאכט האב איך זיך געטראפן



צוויי אזייגער ביינאכט נאך א פארנומענע טאג אין ישיבה מיט א קאפ וואס האט געזעצט ווי מיט האמער'ס, איך בין אבער געווען אנטשלאסן איך בין ארויס פון הויז נישט וואוסענדיג אפילו וואס איז דאס התבודדת איך האב אנגעשטעלט א זייגער און פאר צוואנציג מינוט האב איך געקוקט אויפן הימל – און געגאנגען שלאפן

איך בין נאך ווייט נישט געווען א ברסלב'ער אבער מיין לעבן האט זיך שוין אנגעהויבן טושן, פרעה הרשע האט נישט געקענט דעם אויבערשטן, להבדיל איך האב פארשטייט זיך געוואוסט פון באשעפער שוין פון געבורט, אבער צו "שפירן" דעם באשעפער האב איך נאר אנגעהויבן נאכן מאכן התבודדות

אינדערהיים האב איך געהאט א ליקוטי מוהר"ן וואס איך האב באקומען אלס א מתנה ביי מיין בר מצוה איך האב כמעט נישט געקוקט דערין – אביסל נאך וואס איך האב אנגעהויבן מאכן התבודדות בין איך געפארן קיין פראנקרייך שאפן געלט פאר די ישיבה איך וויס נאך אלץ נישט פארוואס – אבער איך האב אריינגעלייגט דעם לקו"מ אין רענצל, אויפן וועג האב איך עס ארויסגענומען און געלערנט תורה ו' איך האב כמעט נישט פארשטאנען קיין אין ווארט איך האב אבער

# ווי אזוי האט איסגעקוקט די ערשטע נסיעה קיין אומאן?

געשפירט ווי מיין הארץ רייניגט זיך אויס ווי אין א וואש מאשין (די ווערטער אליין האבן עפעס געטון אן מיר)

צוביסליך האב איך זוכה געווען אריין צו קומען מער און מער אינעם רבינ'ס זאך. ביז איך האב זוכה געווען אויפצוגעבן די גאנצע כבוד און שטעלע אין ישיבה, און פשוט אנהייבן א לעבן צו דינען דעם אויבערשטן אין אים ליבן, ווען איך בין געווען ראש ישיבה בין איך



געווען פארנומען ביז איבערן קאפ אן קיין רגע צייט פאר ישוב הדעת, יעצט בין איך ב"ה זוכה צו דינען דעם אויבערשטן מיט שלוות הנפש און אינעווייניגסטע רואיגקייט, מיין קינדער האבן באקומען א נאנטע טאטע מען קען צו דעם נישט אנקומען אן דעם הייליגן רבי'ן!

## אן עלטערע בעל תשובה מיט א אינגע ירושלימ'ער

**ר' מרדכי שלום:** אזויווי איך האב דערציילט האט זיך מיין התקרבות אנגעהויבן חודש תשרי דאן האב איך זיך אנגעהויבן פארטיפן אין די לעכטיגע דרך עס איז געווען א שטייטע פראצעדור וואס האט זיך געצויגן במשך לאנגע חדשים די נאכפאלגענדע חודש אדר בין איך געזיצן אויפן מהדרין באס אויפן וועג פון בית שמש צו ירושלים, אזוי זיצענדיג הער איך א אינגערמאן רעדט אויפן טעלעפון גרייטענדיג זיך צו א נסיעה קיין אומאן, איך בין געווארן מורא'דיג איבערגענומען און איך האב אים איבערגעגעבן מיין נאמען ער זאל מתפלל זיין דארט ביים ציון אז זאל זוכה זיין אנצוקומען אהין.

אויף א וואונדערליכע אופן איז די קומענדיגע מאנטאג צוגעקומען צו מיר א אינגערמאן וואס לערנט מיט מיר אין כולל אז ער זוכט א שותף מיט וועם צו פארן קיין אומאן בעצם זענען מיר צוויי גאר ווייטע סארטן. ער איז אן עלטערע איד א בעל תשובה און בין א אינגע טראדיציאנאלע ירושלים'ע אינגערמאן די פארשלאג איז געווען אינטערעסאנט איך האב אבער מסכים געווען.

צום ערשטן מאל אין מיין לעבן האב איך געקויפט א טיקעט און ארויף אויף א פליגער. אויב ביז יעצט האט זיך מיר יעדן טאג געמערט די קשיות און ספיקות אויף ברסלב, ווער זאגט, ווער האט אפגעמאכט, איז יעצט ביי מיין ערשטער נסיעה פארשוואונדן געווארן איך האב ארויסגעקוקט פון פענסטער און געזעהן ווי איך הייב מיר, אלעס ווערט קלענער און קלענער די מענטשן הייזער און ביימער ביז עס ווערט אינגאנצן פארשוואונדן און צוזאמען מיט זיי אלע מיינע קשיות און בילבולים. – אלעס איז אוועקגעפלויגן און פארשוואונדן.

אויב ערווארטסטו צו הערן ווי מיין גאנצע נסיעה איז געווען פיל מיט הרגשים און ווי נאר איך בין אנגעקומען האט זיך געעפענט מיין הארץ און די טרערן האבן געגאסן ווי א טייך ווי אין אסאך געשיכטעס טוט מיר וויי דיר צו אנטוישן אבער ביי מיר איז געווען פונקט פאקערט.

איך בין אנגעקומען אינמיטן א פארשנייטע דאנערשטאג נאכט, איך געדענק אפילו נישט מיין ערשטע תיקון הכללי ווייזט אויס אז איך בין געווען אזוי פארטריקנט אז עס איז בכלל נישט אריין אין מיין זכרון.

אזוי אויך דורך אויס דעם גאנצן שבת האט זיך מיין עצבות'דיגע געפיל געשטארקט מער און מער, איך האב געדארפט פארווען דעם שבת צוזאמען מיט יענעם איד וואס איז אינגאנצן נישט מיין סארט און פארמאגט בכלל נישט מיין סארט געדאנקן גאנג איך האב געשפירט א מורא'דיגע איינזאמקייט.

מוצאי שבת ביי חצות הלילה האב איך ענדליך באקומען מיין ערשטע שלום עליכם... איך בין קיין בעל דמיון קיינמאל נישט געווען און ביז היינט האב איך נישט ליב צו "שפירן" איבערגעטריבענע הרגשים, איך בין אסאך מער א "בעל שכל" ווי א "בעל רגש" אבער דעמאלטס – זיצענדיג דארטן זאגענדיג תיקון חצות ווען פון אינטערוויילעכטס הערט זיך ווי א איד זינגט מיט כלי זמר די הארציגע ברסלב'ע מלוה מלכה מעלאדיעס, האט זיך מיין הארץ פלוצלינג צועפנט...

## שעות פון טרערן און דיבורים

איך האב אנגעהויבן רעדן צום אויבערשטן, איך האב דאן געמאכט התבודדות אנגעהויבן פון צוועלפע אויף דער נאכט און געענדיגט זעקס אזייגער! איך האב נאך זינט דאן נישט געמאכט אזא לאנגער התבודדות, מיין הארץ איז איבער גערינען אלע ברעגן מיין שמועס מיט מיין ליבע געטרייע פאטער האט זיך געצויגן און געצויגן איך האב אויסגעגאסן מיין גאנצע הארץ נישט איבערלאזנדיג אפילו איין ווינקל, ביז היינט לויב איך דעם אויבערשטן אויפן מתנה פון אזא ספעציעלע התבודדות וויילנדיג דעם ערשטן מאל אין אומאן.

אויב ביז דאן האב איך נישט געוואוסט וויאזוי צו צוזאם ברענגען "יראה" און "אהבה" אויף איינמאל, האב איך עס דאן געשפירט מיט א קלארקייט איך האב געהאט אזעלכע אנטאפענדע הרהורי תשובה, מיט אזא ניגון מיט אזא זיסקייט.

דעמאלטס האב איך מיר דערמאנט אלע מיינע לעבנס טעג וואס איז אויף מיר אריבער, איך האב געוויינט און גערעדט, געוויינט און גערעדט, אויף אן אויפן ווי קיינמאל בעפאר און ווי קיינמאל דערנאך.

ווען עס האט זיך געענדיגט די לאנגע ליכטיגע שעות און איך בין ארויס אינדרויסן האט זיך אנטפלעקט פאר מיר א נייע וועלט, א נייע הימל, די גאנצע בריאה האט זיך פאר מיר איבערגעדרייט מיט א טיפע אינערליכע ריינע און לויטערע געפיל.

אך יענע נסיעה האט זיך אנגעהויבן די שטארקע מניעות, אבער נאך אזא נאכט ביים ציון נאך אזעלכע פלאי פלאות צו וואס איך האב זוכה געווען, איז מיר גארנישט געשטאנען אין וועג צו שטערן פון צו גיין אויפן אמת'ן וועג.

## איך האב זיך געשפירט ווי א בעל תשובה

**ר' אבא צבי:** דאס איז געווען א קורצע צייט נאך יענע נסיעה קיין פראנקרייך ווען מיין חבר האט ארגאנאזירט א נסיעה קיין אומאן, איך האב מיר אנגעשלאסן צו די נסיעה אונטער א שווערע נעפל אזש אפילו מיינע עלטערן האבן נישט געוואוסט דערפון.

עס איז מיר זייער שווער צו פארציילן איבער די נסיעה, איך בין ממש נישט מסוגל צו עפענען דעם נסיעה עס געפינט זיך ביי מיר אין זייער פערזענליכע אינעווייניגסטע פלאץ איך וועל נאר פראבירן איבערגעבן עטליכע קרישקעלעך פונעם נסיעה.

איך געדענק דעם וועג איך בין געזיצן אויפ'ן פליגער ווען פלוצלינג בין איך איבערגעגאסן געווארן מיט געפילן. עס איז געווען אזא ריינע געפיל פון בענקשאפט, א געפיל וואס איך האב קיינמאל נישט געשפירט, אזא מין בענקעניש אזא מין "ביקוש" צו עפעס וואס גייט מיר באגלייטן פאר לאנגע יארן. איינער האט אנגעצונדן אויפן וועג א ניגון אויף די ווערטער וואס די הייליגע רבי האט געזאגט איבער "די ליכטיגקייט פון די וועגן" אויף וואס מען פארט צו אים די "אור בהירות הדרך" די ווערטער האבן מיר אויפגעהויבן און זענען נישט ארויס פון קאפ פאר לאנגע טעג.

אויפן וועג פונעם לופטפעלד קיין אומאן איז געזעצן דארט א איד וואס האט מסביר געווען די גאנצע סדר ההשתחות ביים ציון, וואס נעמט אריין א טבילה אין מקוה, פרוטה לצדקה, תיקון הכללי, ווידוי דברים א.א.וו. איך האב אים אויסגעהערט און איך האב מיר געשפירט ממש ווי א בעל תשובה וואס מען איז אים מסביר די פשוטע יסודות, אבער איך האב נישט געשפירט קיין שום פחיתות, פארקערט איך האב געשלינגען מיט דורשט זיינע ווערטער און עס מקיים געווען בפשיטות...

## צוואנציג יאר האב איך געווארט אויף דיר

עס איז געווען טיף אינמיטן ווינטער ט"ו בשבט תש"פ ווען מיר האבן געגרייכט אומאן, די מקוה איז פאר סיי וועלכע סיבה נישט געווען אנגעווארעמט, איך האב מיר גע'טובל'ט אין די אייז קאלטן וואסער, ביים ארויס קומען האט מיר ארום גענומען אזא ספעציעלע ריינע געפיל א געפיל ווי פריש געבוירן ווי א קליין זארגלאזע קינד.

איך האב אנגעהויבן זאגן תיקון הכללי און איך האב אויסגעפלאצט אין א געוויין. איך האב געשפירט ווי די רבי נעמט מיר ארום און זאגט מיר: אבא צבי איךווארט שוין אויף דיר צוואנציג יאר! ( איך בין געווען צוואנציג יאר פארדעם אין אומאן אלס קינד מיט מיין טאטע) עס איז געווען דארט אזא מין וואונדערליכע סארט געפיל וואס מען קען עס נישט איבערגעבן מיט טריקענע ווערטער.

איך האב געבעטן דעם רבי'ן זאל מיר "פארקניפן אין זאק". די בקשה איז נישט געווען גרינג ביים צוריקקומען האט מיר אפגעווארט אזעלכע שווערע מניעות פון אלע זייטן, איך האב אבער זוכה געווען צו ווערן פארקניפט אין זאק פון רבי'ן און אראפ צו בייגן מיין קאפ קעגן אלע כוואליעס וואס זענען מיר קעגן געקומען און זיך שטארק אנכאפן אינעם עץ החיים.

## די אפסטעמפלונג פון די התקרבות

**ר' איתמר:** מען קען זאגן אז ביי אסאך מקורבים איז פארן קיין אומאן די "חיתום הדין" אויף די התקרבות, אין אנהייב ווען מען הייבט אן עוסק זיין אינעם רבינ'ס זאך איז מען זוכה צו אזא שפאטישטע בליק פון די ארומיגע וואס קוקן עס אן מיט א בליק פון "עס וועט אריבערגיין"...

ווען מען רעדט אבער שוין פון פארן אויף אומאן פארשטייט יעדער איינער אז דאס איז עס. עס איז א פארמאכטע זאך, איך פערזענליך האב עטליכע מאל פראבירט צו פארן קיין אומאן אבער יעדעס מאל האב איך געזעהן די שטארקע ווייטאג וואס דאס וועט מאכן פאר מיינע ארומיגע און ממילא האב איך צוריקגעטרעטן.

עס איז אבער אריבער א תקופה און מיינע כיסופון האבן זיך געשטארקט און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טוען. בין ארויס אין פעלד און איך האב פארגעלייגט פארן טאטן אין הימל אלע מיינע ספיקות, איך האב אים פארציילט וויפיל מאל איך האב שוין מוותר געווען אויף די נסיעה, איבער די גרויסע צער וואס דאס קען מאכן פאר מיין משפחה, פון די צווייטע זייט דקעגן איז פארהאן דא א צדיק וואס האט צוגעזאגט אזעלכע הבטחות און איך בין זוכה זיך צו מחיה זיין מיט זיינע תורות און איך בענק אזוי שטארק צו פארן נו אויב אזוי אפשר חייך קודמין?

נאך אסאך התבודדות'ן און אדורך טראכטן בין איך געקומען צו א מסקנה אז פאר יעדעם'ס טובה איז ענדערש איך זאל יא פארן, עשו הרשע האט נאר געווארט אז זיין טאטע יצחק זאל נפטר ווערן אז ער זאל קענען טון וואס ער וויל, איך וועל נישט זיין ווי אים - האב איך געטראכט צו מיר - איך וועל נישט ווארטן אז מיין ארומיגע זאלן שטארבן כדאי איך זאל אויספירן מיין וואונטש. פארקערט, זאלן זיי אלע מאריך ימים זיין און איך וועל שוין יעצט טון וואס איך וויל. איך האב אויך פארשטאנען אז פאר אלעמענ'ס טובה איז בעסער קלאר צו מאכן די זאך און אויף הערן טאנצן אויף צווייטע חתונות, נישט אז זיי זאלן זיך איינרעדן כאילו איך האב אפגעלאזט ברסלב וכדומה, און אזוי טאקע איז די פלאן צו פארן ארויס אין וועג.

איך בין געווען ממש אן "אנוס", פאר ר"ה איז געקומען א חבר און גענומען אלע מיינע פעקלעך אז קיינער זאל מיר נישט זעהן שטיין מיט רענצלעך אין די גאס און פרעגן איבריגע פראגן, ווען איך בין אריין אין קאר האב איך גוט פארמאכט די פארהאנגען, אזוי שטארק זענען מיינע פחדים געווען.

אין לופטפעלד האב איך איבערגעגעבן מיין פאספארט פאר א חבר, ווייל איך האב מורא געהאט אז אויב עס וועט זיין מיט מיר וועט מיר פלוצלינג באפאלן א פחד און איך וועל צוריק אהיים גיין...

ענדליך ענדליך בין איך אנגעקומען קיין אומאן. איך האב פון גרויס התרגשות גענומען שרייען די קאפיטלעך פון תיקון הכללי און נאר נאנט צום זמן פון יו"ט ווען עס איז שוין נישט געווען מעגליך איך זאל קענען אהיימפארן האב איך זיך פארבינדן פארציילן אז איך בין אין אומאן.

עס איז וויכטיג אנצומערקן אז מיין גאנצע התרגשות וואס איך האב געהאט איז געקומען פון מיר. א "אתערותא דלתתא" איך האב נישט באקומען עפעס ספעציעלע הרגשים פון אויבן. איך בין צוגעגאנגען צו די גאנצע זאך פונקט ווי ווען מען גייט לייגן תפילין, אויך אויב מען וועט נישט שפירן עפעס "אורות" און "הרגשים" די זעלבע איז מיטן רבינ'ס ר"ה. איך האב פשוט אמונה, איך גלייב אין די גרויסקייט פון די זאך מיט א מורא'דיגע שמחה אז איך בין זוכה דערצו.



אויפן וועג אהיים בין איך געווען אונטער מורא'דיגע פרעשור און פחד. איך האב געדמיונ'ט וויפיל פסיכעלאגן וועלן זיך פארנעמען מיט מיין "קעיס". איך בין געווען זיכער אז מען וועט מסביר זיין פאר מיינע ב"ב ווי מסוכן עס איז צו וואוינען מיט מיר, כאטשיג איך האב פארשטייט זיך גענומען רשות פון איר צו פארן, דאך בין איך געווען באזארגט טאמער מען וועט איר צו דרוקן איבער די גרויסע סכנה פון ווערן א ברסלב'ער איך האב נישט געוואוסט וואס עס וועט זיין.

למעשה, בין איך אהיים געקומען איך האב מיר געפרייט צו זעהן אז מען רעדט ווייטער צו מיר, און חוץ עטליכע שפאטישע קאמענטארן איז אלס אריבער בשלום ובשלום בהשקט ובטח.

פחד הענגט אין די לופט אין הילט איין דעם ביהמ"ד אין א איום'דיגע לחץ איז אין אומאן די געפיל אינגאנצן אינגאנצן אנדערש. נישט אז מען רעדט דא פון א פריקת עול יום הדין ח"ו, פארקערט אז סארט "וגילו ברעדה" א שטארקע יראה ביינעזאמס מיט א ספעציעלע שמחה – איך האב מיר זייער מחבר געווען צו דעם סגנון.

היינט איז דא א ריזיגע חסידיש'ע ציבור אין אומאן אזוי אז יעדער קען טרעפן א פלאץ צו דאווענען ווי אים גלוסט זיך, דעמאלטס אבער איז דאס נאך נישט געווען און מיט דעם אלעם האב איך געשפירט רואיג, איך האב געוואוסט אז איך בין א "יחיד" איך האב מיר אבער נישט געשפירט פרעמד. יעדער איז דא א יחיד דא איז א קיבוץ פון טויזנטער יחידים.

דער צוזאמשטעל פון אזויפיל סארטן מענטשן האט מיר נישט געשטערט. איך בין געווען אין א מוחין דגדלות און איך האב בכלל נישט געקוקט אויף די חיצוניות'דיגע בילד, דא איז פארהאן אזא מין אמת'ע פנימיות וואס מען קען קלאר זעהן.

איך האב געשפירט ווי א בן יחיד מען קען זאגן אז ביים רבי'ן איז דא דער בחינה פון "כל אחד נדמה לו כאומתו" (תורה א תנינא) יעדער שפירט ווי די רבי איז נאר דא פאר אים דאס געווען גאר אן אנדערער ראש השנה א ר"ה פון תקוה א פרישע התחלה.

**ווי אזוי האט אויסגעקוקט אין ענקערע אויגן ראש השנה אין אומאן? עס זענען געווען געוואוינט צו א גאנצע אנדערע סארט דאווענען און פלוצלינג באגעגענען ענק א נייע סארט דאווענען און הלוך ילך?**

## א לעכטיגע ונתנה תוקף

**ר' אבא צבי:** די תפילות ראש השנה ביי מיר זענען אלץ געווען באגלייט פיל מיט פיין כפשוטו. איך געדענק דעם "מי בחרב ומי בחיה" וואס האט מיר ממש צוקוועטשט עד כדי כך אז איין יאר ר"ה בין איך פשוט ארויס פון ביהמ"ד ביי ונתנה תוקף איך האב ממש נישט געקענט פארנעמען די דאזיגע שרעקעדיגע פחד, עס איז נישט געווען קיין געפיל אז דער באשעפער האט אונז ליב עס איז ליבערשט געווען א הרגשה אז דא טיילט מען עונשים מען דארף נאר אויסוועלן פון די ליסטע "מי בחרב ומי בחיה"...

מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן פאר צוויי יאר צוריק איז געווען וואונדער איבער וואונדער – פלאי פלאות אזא נוסח התפילה מיט אזעלכע השתפכות הנפש, מען רעדט צום אויבערשטן ווי א קינד רעדט צו זיין ליבע מאמע, דאס איז עפעס וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער. אויך דער קאלירטע ציבור האט געפאנגען מיין הארץ פארשטייט זיך ווען מען רעדט פון אינגע בחורים און קינדער דארף מען זיי זייער אפהיטן דארט, אבער די גרויסע געמיש פון קאלירן פון אידן פון אלע שיכטן און קרייזן דאס איז די פאר און די יופי – פונעם קיבוץ הקדוש.

## א שפיטאל פיל מיט אפטיילונגען

**ר' איתמר:** ווען מען רעדט פון דער גרויסער ציבור אין אומאן דערמאן איך זיך א פאסיגע משל וואס איך האב געהערט עס איז באוויסט אז אומאן איז א שפיטאל. דארט קומען אן אלע רוחניות'דיגע חולים צום "רופא נפשות" אזוי ווי אין א גשמיות'דיגע שפיטאל איז אויך אין אומאן דא אפטיילונגען, איינער וואס ליידט אויף די אויגן וועט נישט גיין צו די אפטיילונג פון די הארץ קראנקע זוכן א רפואה, אזוי אויך אן ערליכע ייד דארף זיך נישט אויסמישן מיט אזעלכע וואס זענען ווייט פון זיין השקפה, מיט דעם זענען מיר אבער אלע אייניג אז מיר אלע דארפן א רפואה ב"ה עס זענען פארהאן עספעקטן וואס דארט זענען מיר נישט קיין "חולים" אונזער לבוש – למשל -איז א אידישע א.א.וו. אבער למעשה זענען מיר אלע אינעם זעלבן שיף, מיר אלע דארפן א תיקון הנפש, מיר אלע זוכן הילף צו שטייגן אויף העכערע מדריגות אין קרבת ה' און קיום המצוות.

נאך א נקודה איז כדאי אנצומערקן, ווען איך בין אנגעקומען צום ערשטן מאל אין אומאן איז מיר געווען שווער מיטן נוסח וואס איך בין נישט געווען געוואוינט דערצו, אבער איך האב געוואוסט אז עס איז א פראגע פון א יאר צוויי ביז איך וועל מיר צוגעוואוינען צו דעם נוסח און קענען דאווענען מיט ישוב הדעת ווי עס פאסט.

## יעדער איז ווי א בן יחיד

**ר' מרדכי שלום:** אויב יעדע יאר איז אין מיינע אויגן דער ונתנה תוקף געווען א סטאנציע וואס מען האט געדארפט "אדורך גיין בשלום" ווען א שרעקעדיגע פחד נעמט מיר ארום זייענדיג איינגעהילט אין אן איום'דיגע לחץ, איז אין אומאן מיין געפיל אינגאנצן אנדערש. נישט אז מען רעדט דא פון א פריקת עול יום הדין ח"ו, פארקערט אז סארט "וגילו ברעדה" א שטארקע יראה ביינעזאמס מיט א ספעציעלע שמחה – איך האב מיר זייער מחבר געווען צו דעם סגנון.


די מצב המלחמה אין אוקריינע פארערגערט זיך נאך אן אטאקע פון די רוסישע קרעפטן די וואך
גרויס זארג ביי אחינו בני ישראל איבער די וועלט אויף די אנגעצויגענע מצב אין ארה"ק
פארנעפלטע פאראויסגעזעענע מצב ביי די אוקריינישע גרעניץ אין די טעג פאר ראש השנה
אין ליכט פון די גזירת הגיוס אין ארה"ק הונדערטער ברסלב'ע בחורים אין אנגלייט פארפלאנטערט מיטן מיליטער
שוברים על זה מניעות עצומות
אויף וואס ווארטן מיר?!
ברסלב'ע חסידים דערהערן דעם רוף!
מיר נעמען זיך אינאיינעם צאם איינצודרייסן רחמי שמים אויפן קיבוץ הקדוש וואס די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין דעם.
אלע וואס קומען צום קיבוץ הקדוש שרייבן זיך יעצט איין!
און נעמען זיך אונטער בל"נ צו זאגן יעדן טאג תפילה ע"ז
רופט שוין מערכת ברסלב
605-313-1800 3>9>2
צו פארזיכערן מיטן אויבערשטנ'ס הילף די שלימות פונעם קיבוץ הק'
מתגעגעים ללב העולם
הכנה לאומאן ראש השנה תשפ"ה
ברסלב'ע חסיד!
'רייס איין בתפילה ותחנונים אויפן קיום פונעם קיבוץ הקדוש'



# פֿארשטעלט
# אונטע
# ארעס

שלמה יעקב וואלדמאן

ר' יואל פריעדמאן הי"ו פירט אונז צוריק צו יענע שווערע טעג אלול תש"פ ווען וועלט איז געווען אויס וועלט. ער טיילט אונז מיט די הערואישע געשיכטע פון א גרופע אנ"ש וועלכע זענען ארעסטירט געווארן און ארייגעשלייכט געווארן אין טורמע פארן הארבן פארברעכן פון ווילן פארן קיין אומאן, נאכן פארהאלטן ווערן לאנגע שעות אויף א פליגער. ער שילדערט די וואונדערליכע ניסים ווי אזוי צום סוף טראץ אלע סטראשונגען האט ער זיך אריינבאקומען אין די אוקריינישע טעטעריע פארשטעלטערהייט און געציילטע טעג פאר ראש השנה דערגרייכט דעם אויסגעבענקטן שטיין. מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה.

# קאראנע

לאנג וועט נאך געדענקט ווערן די תקופה פון שנת תש"פ, ווען די קליינע אומזעבארע ווירוס וועלכע האט ארויסגעוואנדערט פון טשיינע האט איבערגעקערט די גאנצע מאדאנעזירטע וועלט. אנגעברעגט א מגיפה פון טויט, שרעק און פילע רעגולאציעס פון די געזונטהייט באאמטע. נישט אזוי שנעל וועט פארגעסן ווערן די שוועריגקייטן מיט די פארמאכטע בתי מדרשים, מקוואות, מוסדות התורה און די מצב אין די שפיטעלער. די וועלט איז געקומען צו א געוועלדיגע אפשטעל אין אלע הינזיכטן.

באזונדער אבער איז די תקופה איינגעקריצט געווארן ביי ברסלב'ע חסידים. פון איין זייט מיט שווארצע אותיות, איבער די שווערע צער און פיין פון אלפים ורבבות אידן, וועלכע זענען געווען געצוואונגען צו פארווילן די געהויבענע ראש השנה טעג ווייט אוועק פון הייליגע ד' אמות דארטן אינעם שטאט אומאן, וועלכע האט זיך געפונען אונטער אייזערנע ווענט און שטיינערנע מויערן. אין אלע פלעצער איבער די וועלט ווי די אנשי הנחל נובע האבן געפראוועט דעם יו"ט ראש השנה, האט זיך געפרעגט די פארוויטאגטע פראגע 'איך אשיר את שיר ד' על אדמת נכר???'..

פון די אנדערע זייט אבער, ווערט איינגעקריצט מיט גאלדענע אותיות די אומבאשרייבליכע אויסערגעוועדליכע מסירות נפש וואס חסידי ברסלב פון איבער די גאנצע וועלט האבן דאן באוויזן. די נסיעות די לעצטע רגע הערענדיג אז אוקריינע פארמאכט אירע גרעניצן, די לאנגע וואכן וואס טויזענטער אידן זענען אפגעזיצן בצל הקודש אין אומאן. ווער רעדט נאך פון בענקעניש פון אונזערע לייט, די וועלכע האבן פארווילט טעג און וואכן און באלארוס און אין אלע אייראפעאישע לענדער, ווען אין זייער הארץ טליעט אן האפענונג כולי האי ואולי וועט זיך די אייזערנע וואנט אויפשפאלטן, און מען וועט זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן. ווער קען דען באשרייבן די שעשועים וואס זענען ארויף למעלה, פון די צענדליגע טויזענטער דאלארס וועלכע האבן זיך געגאסן ווי וואסער, פון אידן וואס האבן פרובירט אלע מעגליכע און נישט מעגליכע וועגן זיך אריינצוזעהן אין די אוקריינישע טעטעריע.



פון צווישן די פילע וואונדערליכע געשיכטעס פון די לייט פונעם בעל תפלה וואס האבן פארוויילט אויף די וועגן לאנגע טעג און וואכן, פארנעמט אן עקסטערע פלאץ די העראישע געשיכטע פון א גרופע אנ"ש פון אמעריקא וואס זענען אריבער א שענדליכע התעללות דורך די אוקריינישע באאמטע און דערנאך אויך פון די פראנצויזישע. זיי זענען אויפגעהאלטן געווארן לאנגע שעות אינעם פליגער אויפן ערד - א זאך וואס איז נישט געהערט געווארן זיינס גלייכן אינעם פארגעשריטענעם וועלט, און איז קעגן די פלי געזעצן וועלכע פארבאטן צו אויפהאלטן רייזנדע אינעם פליגער אויפן ערד מער פון דריי שעה אין א ציה - און זענען צום סוף אויך איינגעזעצט געווארן אין טורמע פאר צענדליגע שעות נישט באגייענדיג קיין שום אומרעכט.

איינע פון די באטייליגטע ביי דעם נסיעה ר' יואל פריעדמאן הי"ו וויקלט אויף די פארסירונגען וואס האבן זיך דאן אפגעשפילט:

## מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג

"עס איז געווען יענע מיטוואך נאכט ווען עס איז פארשפרייט געווארן די שמועה אז אוקריינע גרייט זיך צו פארמאכן אירע גרעניצן דעם קומענדיגן זונטאג. האב איך גענומען א קאר צוזאמען מיט נאך עטליכע מענטשן און אריבערגעפארן צום אפיס פונעם טרעוול אגענט.

דער אגענט האט אונז פארגעשלאגן א פליגער וואס פארט ארויס תיכף, אבער ס'איז געווען צי נאנט און מיר האבן געזען אז מיר וועלן עס נישט אניאגן. צום סוף זענען מיר ארויסגעפארן אויף צומארגנס ליל שישי. אויפן וועג צום עירפארט האבן מיר זיך דערוואוסט אז די אוקריינער האבן שוין פארשלאסן זייערע טויערן פריער ווי זיי האבן געמאלדן איינאנהייב – אבער מיר האבן אפגעמאכט צו פארן פאר יעדן פרייז. צוזאמען מיט אונז זענען געווען נאך טייערע אינגעלייט פון אנ"ש פון וויליאמסבורג קרית יואל וכו'.

מיר האבן געהאט א קענעקשאן דורך פאריז און אנקומענדיג דארט האבן מיר שוין באקומען די קלארע באריכט אז אוקריינע לאזט נישט אריין קיין אויסלענדישע. אלע זענען געווארן צובראכן אויף פיצלעך, געוויסע האבן געטאצנט כדי צו ממתיק זיין די דינים און אנדערע האבן געוויינט און מתפלל געווען.

ס'איז נאך געווען איין האפענונג אז ווער עס פארמאגט אן אוקריינישע וויזע וועט יא קענען אריינגיין. ווי שטארק האט מען מקנא געווען די וואס האבן זוכה געווען צו דעם טייערען וויזע...

## די פליגער ווערט אפגערופן

נאך עטליכע שעות איז אנגעקומען די ידיעה אז די פליגער קיין אוקריינע איז געקענסעלט! ס'איז שוין דאן געווען פרייטאג נאנט צום זמן קבלת שבת און רוב פונעם ציבור האבן באשלאסן צו פארבלייבן אינעם עירפארט איבער שבת. וויפיל מיר האבן פרובירט צו רעדן מיט די באאמטע זיי זאלן אונז צושטעלן א אנדערע פליגער בעפאר שבת האבן זיי דאס נישט ערמעגליכט.

דאן האט זיך די גרופע צוטיילט אויף עטליכע קבוצות; די מער עלטערע זענען צוריקגעפארן קיין נוי יארק, טייל זענען געפארן קיין לאנדאן, דארטן האט זיך אפגעטון אן איבערקערעניש פיל מענטשן זענען אהין געפארן. אבער איך און נאך עטליכע זענען געבליבן אינעם לופטפעלד צו זעהן וואס עס וועט זיך אויסלאזן.

די שווערסטע זאך איז געווען די פאקט אז אפילו אויפן פליגער קיין קיעוו האבן זיי נישט ארויפגעלאזט פאר ווער עס האט נישט פארמאגט קיין וויזע. מיר זענען געווען גאר אנגעצויגן צוליב וואס עס איז אנגעקומען די מעלדונג פון די עסקנים אז ווער עס קומט אן פאר שבת קיין אוקריינע וועט זוכה זיין אריינצוגיין און ס'איז געווען כמעט צוגעזאגט. אבער מיר האבן געזען אז די השגחה פירט אנדערש און ס'איז נישט געווען קיין שום וועג צו טרעפן א פליגער און זיכער נישט ארויפגיין דערויף אן קיין וויזע.

מיר האבן פרובירט אלע סארטן וועגן און פארשידענע תירוצים ארויפצוגיין אויפן פליגער אבער ס'איז נישט געווען וואס צו רעדן, אונזערע ווערטער זענען געפאלן אויף פארשטאפטע אויערן.

## שבת אין פאריז

דער ארטיגער עסקן, הרב לעווין, איז אנגעקומען אונז צו ערלעדיגן אן איינטריט קיין פאריז וויבאלד גאנץ אייראפע איז דאן געווען פארמאכט פאר פרעמדע בירגער. מיט זיין השתדלות זענען מיר אלע אריין אין פאריז אויף שבת בחסדי ה'. דאס איז געווען א

> **עטליכע סאלדאטן האבן זיך אוועקגעזעצט אויף אים און אים אריינגעקלאפט מכות רצח, ביז ער האט שוין געשפירט אז ער קען מער נישט אטעמען און זיין נשמה גייט שוין ארויס רח"ל. דאן אינעם לעצטן רגע האבן זיי אים בחסדי שמים אפגעלאזט.**

וואונדער ווייל עס איז נישט געווען מעגליך אינעם קראונע עפאכע ארייצוגיין אין פאריז אן קיין ספעציעלע וויזע.

די שבת אין פאריז איז געווען עפעס עקסטער. מען דארף באצייכענען די איבערגעגעבנקייט פון די שלוחי חב"ד וואס האבן געווידמעט פאר אונזערט וועגן אויף אן אויסנאם פארנעם. איין גרופע איז געווען ביי הרב לעווין און די צווייטע ביי הרב ביטאן. אזא איבערגעגעבנקייט, אזא ברייטקייט, זיי האבן נישט איינגעשטימט צו נעמען פון אונז קיין שום אפצאל.

מוצאי שבת האבן מיר אנגעהויבן אויסרעכענען אונזערע טריט. מיר האבן באקומען א ידיעה אז עס איז בעסער נישט אויסצוזען ווי א איד ווייל ווער עס זעהט אויס ווי א איד ווערט גלייך באצייכנט דורך זיי אלץ איינעם וועמען מען טאר נישט ארויפנעמען אויפן פליגער.

ס'איז געווען דארט אינעם בית חב"ד א שטיבל וואס ווערט גערופען 'גמ"ח שטיבל'. עס איז פארהאן דארט פיל אלטע קליידער וואס איז געאייגנט פאר די ארימע פון שטאט און אין די איבערגעבליבנע קליידער האט קיינער נישט פארמאגט קיין אינטערעסע. מיר האבן גענומען וואס עס איז אונז אונטערגעקומען און זיך אנגעטון דערמיט. ס'איז געווען דארט 'ששון ושמחה'.

צומארגנס האבן מיר געדאווענט, געגאנגען אין מקוה און זיך געגרייט ארויסצוגיין אויפן וועג פון פאריז קיין קיעוו. הרב לעווין - וואס זיין איבערגעגעבנקייט איז געווען אומגלויבליך - האט אונז באגלייט א גאנצע וועג און זיכער געמאכט מיר זאלן קענען ארויפגיין אויפן פליגער. ער האט זיי ממש געצוואונגען אונז ארויפצונעמען.

## פאראהאלטן אין פליגער.

ווי נאר מיר האבן געגרייכט קיעוו זענען די אוקריינישע זעלנער און פאליציי ארויף אויפן פליגער, אראפגעלאזט אלע גוים און אלע אידן איבערגעלאזט אין פליגער. עס האט אונז נישט געהאלפן די גאנצע פארשטעלאכטץ, זיי האבן אונז גלייך אינפעדעצירט אלץ אידן און אונז אלע געהייסן ווארטן.

פארשטעגדליך אז דא איז געקומען דער בראך. מיר האבן מער נישט געקענט, נאך אלע מוטשעניש כיסופים און מניעות, נאך וואס מיר האבן שוין פארלאזט אמעריקע עטליכע טעג צוריק. און דא גיבט מען אונז נישט אפילו די מעגליכקייט אראפצוגיין אין לופטפעלד.

מיר געשפירט ווי דאס הארץ רינט שוין איבער פון פיל בענקשאפט.

אלע סאלדאטן וואס זענען געווען אויפן

**דער עסקן האט נישט אויפגעהערט אונז צו ווארענען, אז ער ווייסט קלאר אז די גאנצע גרופע וואס איז געפארן מיט אונז האבן באקומען שווארצע זיגלען. אין אוקריינע ווארט מען אונז אפ און אין די מינוט וואס מיר וועלן זיך דארטן באווייזן, וועלן זיי אונז ארעסטירן, מיר וועלן מער נישט זעהן דעם שיין פונעם זון...**



ר' יואל אין פאריז מיטן שליח חב"ד ווי ער איז איינגעשטאנען

פליגער האבן זיך געשטעלט פארנט פונעם פליגער, כאילו כדי אכטונג צו געבן מיר זאלן זיך חלילה נישט דערוואגן צו פרובירן אריינברעכן אין זייער 'באשיצטע' לאנד.

אין יענע שעות וואס מיר זענען דארט געווען האבן מיר חלילה נישט פרובירט איינצוברעכן מיט קראפט וכו', אזוי ווי זיי האבן פרובירט צו טענה'ן נאכדעם. מיר האבן נאר געדאווענט, געטאנצען און געשריגן מיט געשרייען פון טיפענישט פון הארץ צום אויבערשטן ער זאל זיך דערבארעמען און רחמנות האבן אויף אונז און אונז געבן די זכיה צו אנקומען צום הייליגן ציון. איך האב דאן געענדיגט גאנץ שמות הצדיקים.

זיי האבן זיך באצויגן צו אונז מיט א שרעקליכע אכזריות. זיי האבן געשלאגן און פארוואונדעט עטליכע ביז בלוט. איין אינגערמאן וואס האט זיך געשטעלט נעבן דעם

טיר האבן זיי אנגעכאפט און אוועקגעפירט אינדרויסן פונעם פליגער וואו קיינער האט נישט געזען. אים אוועקגעלייגט אויפן ערד בפישוט ידים ורגלים, עטליכע סאלדאטן האבן זיך אוועקגעזעצט אויף אים און אים אריינגעקלאפט מכות רצח, ביז ער האט שוין געשפירט אז ער קען מער נישט אטעמען און זיין נשמה גייט שוין ארויס רח"ל. דאן אינעם לעצטן רגע האבן זיי אים בחסדי שמים אפגעלאזט.

די גאנצע געשיכטע האט שטארק פארלענגערט די צייט צום אפפליען. בעצם האבן די אוקריינער אונז פשוט געוואלט צוריקשיקן מיט דעם פליגער צוריק קיין פאריז, נאר וויבאלד מיר האבן נישט מיטגעארבעט מיט זיי האט זיך עס פארצויגן אויף א לאנגע ווײלע - ארום 6-7 שעה.

ענדע האבן אנגעהויבן ארויפקומען אויפן פליגער די אנדערע מיטרייזנע וועלכע האבן געזאלט פארן קיין פאריז, ווען די סאלדאטן גיבן אכטונג אויף אונז די גאנצע צייט מיר זאלן זיך נישט אוועקרירן פון אונזערע פלעצער וואס זיי האבן באשטימט פאר אונז אינעם אונטערשטן טייל פליגער. זיי האבן זיך באגאנגען מיט אונז ממש ווי נידריגע פארברעכער.

אונזער הארץ איז צובראכן געווארן אויף פיצלעך ווען די פליגער האט זיך דערנענטערט צום ראנוועי... און אזוי זענען מיר געזעצן ביזן לאנדן אין פאריז.

## ארעסטירט.

ווי נאר מיר האבן געלאנדעט אויפן פאריזן באדן, דערזעהן מיר א גאנצע גרופע פון פראנצויזישע פאליציי זיך דערנענטערן צום פליגער, צוטרעטענדיג גלייך צו די אידן וואס האבן זיך געפונען דארטן. דאן האבן זיי גענומען פון צווישן אונז זעקס מענטשן - צווישן זיין אויך מיר - אן קיין איבריגע ערקלערונגען, באגלייט מיט א קורצע מעלדונג

## “עטס זענט ארעסטירט!”

וואס עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט איז - וויבאלד די געשעניש האט געשאפט פארן עירליין א שטארקע פארשפעטיגונג, וועלכע האט גורם געווען א צומישעניש אין די גאנצע סדר פון די פליגער'ס, זענען זיי געווען געצוואונגען צו באשטראפן עמיצן דערפאר. איז ווער איז שולדיג אין דעם פאל? די אידן פארשטייט זיך! אזוי זענען מיר גענומען געווארן צום ארעסט.

עס איז וויכטיג צו דערמאנען ווידעראמאל דעם הרב לעווין, וואס ווי נאר מיר זענען ארעסטירט געווארן איז ער שוין געווען אינעם לופטפעלד און אונז בארואיגט. ער האט אונז ערקלערט אז ווי עס זעהט אויס וועלן זיי אונז האלטן אין ארעסט נישט מער פון פיר און צוואנציג שעה, און דערנאך באפרייען זיי געוועינדליך.

צום ערשט זענען מיר אריינגעשטעלט געווארן אין א גרויסן צימער דארט אין לופטפעלד, און פון דארטן זענען מיר גענומען געווארן געקייטעלט די הענט און פיס, אונטער א שווערע וואך ווי די ערגסטע פארברעכער, צום צענטראלן ארעסט הויז אינעם הויפט שטאט פאריז. ווען מען האט אונז אריינגעטראגן אין די תפיסה צעלן זענען מיר צוטיילט געווארן אויף פארן, צוויי צוויי באזונדער, אן קיין גלעזער, אן קיין שום ספר, אויף א דינע מאטראץ.

## מבטן שאול שיוועתי.

מיר זענען געווען אינגאנצן צושאסן. נאך עטליכע טעג זיך וואלגערן אויף די וועגן אן וויסן וואס עס גייט זיין, האט אונז אפגעווארט יעצט נאך צענדליגע שעות פון ארעסט.
אבער אויף די דיבורים און געשרייען וואס קומט ארויס פון אזא ארעסט, אויף דעם בין איך נישט גרייט צו מוותר זיין. "מבטן שאול שיוועתי". איך האב געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל זען מיין פיין, ווי איך האב געטון אלץ וואס איך האב געקענט צו אנקומען צום ציון, און דאס איז וואס איז ארויסגעקומען. יעצט שמאכט איך דא צווישן פיר צעמענטענע ווענט, אין אזא נידריגע שטאנד.

נאך א שטיק צייט האט מען אונז אנגעהויבן נעמען צום אויספארשונג וועלכע זענען געווען גאנץ לייכט, איך האב ערקלערט אז איך האב גארנישט געטון עס איז סתם א בלבול, און אזוי נאך 20 שעה איז אנגעקומען איינע פון די עסקני חב"ד כדי אונז צו באפרייען.

נאך איידער מיר זענען באפרייט געווארן - נאך וואס עס איז פארלאפן א ווײלע פון אונזער ארעסט - האבן מיר געבעטן די פאליציאנטן אז מיר ווילן לייגן תפילין. מיר האבן ממש געוויינט צו זיי, וויבאלד די געזעץ אין פראנקרייך לויטעט אז אויב קומט נישט אן קיין שופט צו דן זיין אויפן באפרייאונג, גייט מען אוטאמאטיש אריין אין ארעסט פאר פרישע 24 שעה. דאן קומט אויס אז עס גייט אריבער אויף אונז א טאג אן לייגן תפילין חלילה!!. נאר פון זייער זייט איז ממש נישט געווען וואס צו רעדן איבער דעם, אזוי אז אונזער באפרייאונג איז געווען א נס און אויך צוליב דעם וואס מיר זענען געראטעוועט געווארן פון א טאג אן לייגן תפילין.

שפעטער איז קלאר געווארן, אז עס איז גארנישט געווען אזוי פשוט אראפצושאקלען די בלבול וואס מען האט אויף אונז ארויפגעלייגט. זיי האבן געזוכט א קרבן פאר יעדן פרייז, אויף אזוי ווייט אז דער פילאט אליין האט עדות געזאגט אז מיר האבן דורכגעפירט א פראוואקאציע אינעם פליגער, און צוליב אונז האט פארסירט פארן פירמע אזא גרויסן שאדן.



נאר א דאנק די איבערמידליכע באמיאונגען פון ר' משה דוד נידערמאן הי"ו, ר' נחמן האלפערין און די רבנים הרב לעווין, הרב האלפערין און נאך חשוב'ע גוטע אידן, זענען מיר באפרייט געווארן.

דער לויער און דער אויספארשער האבן מסביר געווען פארן עסקן וואס איז אונז געקומען באפרייען, אז וויבאלד מען האט נישט געפונען קיין שום סתירה צווישן די ווערטער פון אלע ארעסטירטע ביים אויספארשונג, און אזוי אויך צוליב אונזער איידעלע אויפפירונג וואס זיי זענען נישט געוואוינט דערצו (געוועינדליך א נישט אידישער ארעסטאנט וואס געפונט זיך אזויפיל צייט אין א פארמאכטן צעל ווערט ער צושפילט האקט און שרייט אן אויפהער...), ווי אויך די וועג ווי

מיר האבן גערעדט, האט זיי איבערצייגט אז עס רעדט זיך פון תמימות'דיגע מענטשן וואס זענען פארפלאנטערט געווארן, און נישט ווי די אנדרייער פונעם איבערקערעניש.

## די וואונדערליכע באפרייאונג

די בשורה אויפן באפרייאונג האט דערגרייכט איינצעלנע מינוט נאך וואס איך האב געטראכט אז ס'איז כלו כל הקיצין. מיר



האבן זיך געפונען אין א שרעקליכן פחד, מיר האבן געציטערט אז נאך אביסל וועט עפעס פאסירן מיט אונז.

תיכף נאכן באפרייאונג זענען מיר געלאפן אין מקוה - וואס מען האט געעפנט ספעציעל פאר אונז. מיר האבן געלייגט תפילין און געדאווענט, דערנאך האבן אונז די שלוחי חב"ד גענומען מיט באקוועמע קארס צו עסן א רייכע מאלצייט וואס איז געווען כמים קרים על נפש עייפה, דערנאך האבן זיי אונז גענומען צו א האטעל, און אלץ אן קיין שום אפצאל.

אין דעם שטאפל האבן אונז די עסקנים געראטן זיך צו דערווייטערן פון פראנקרייך וואס גיכער מעגליך. זיי האבן אונז אנגעשראקן אז די אלע וואס זענען געפארן מיט אונז האבן באקומען א שווארצע זיגל פון אוקריינע און פראנקרייך, דעריבער אויב מיר וועלן פרובירן אריינצוגיין אין איינע פון די אייראפעישע לענדער זענען מיר אויסגעשטעלט צו א באלדיגע ארעסט. (שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיר האבן ב"ה נישט באקומען קיין שום שווארצע זיגל).

איינע פון די עסקנים דארטן וועלכער האט אונז שטארק ארויסגעהאלפן, האט אונז אנגעווארנט אז קיין איינער פון אונז זאל זיך נישט וואגן נאכאמאל צו פארן קיין אוקריינע. ווייל דאס איז ממש א בחינה פון 'מאבד עצמו לדעת', ווער עס וועט אהינפארן וועלן זיי תיכף איינזעצן און אריינשליסן אין טורמע פאר צוואנציג דרייסיג יאר!...

דער עסקן האט נישט אויפגעהערט אונז צו ווארענען, אז ער ווייסט קלאר אז די גאנצע גרופע וואס איז געפארן מיט אונז האבן באקומען שווארצע זיגלעך. אין אוקריינע ווארט מען אונז אפ און אין די מינוט וואס מיר וועלן זיך דארטן באווייזן, וועלן זיי אונז ארעסטירן, מיר וועלן מער נישט זעהן דעם שיין פונעם זון... און ווען ער האט באמערקט אז מיר צווייפלען נאך אין דעם, האט ער אונז אנגעשריגן דערויף וואס מיר זענען נישט זיכער אין דעם.

פארשטענדליך אז נאך אזעלכע ווארנונגען זענען מיר גלייך צוריקגעפלויגן קיין אמעריקע, וואוסענדיג אז לכאורה טארן מיר נישט פארן דעם יאר צום רבי'ן, און אפשר גאר עטליכע יאר.

## א 'נסיעה לצדיק' קיין קערעסטיר

פון דא שילדערט ר' יואל זיין פרעזענדליכע נסיעה, ווי אזוי ער האט ב"ה צום סוף יא זוכה געווען אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן:

ס'איז א אריבער א וואך פון ווען איך בין צוריק קיין אמעריקע, און מיין חבר זאגט מיר אז יעצט לאזן זיך ארויס א גרופע אידן קיין קערעסטיר אין אונגארן, דארטן וועלן זיי פרובירן אנצוקומען קיין אומאן. דער איבערשטער מיט זיין פיל גוטס האט מיר אריינגעגעבן אין געדאנק; 'זיין אין קערעסטיר איז דאך לכו"ע נישט קיין פראבלעם, איז וואס האב איך פון בלייבן סתם אין דערהיים? לאמיר כאטשיג פארן א 'נסיעה לצדיק' צו ר' ישעי'לע, און אפשר דארטן וועל איך דערגרייכן צי ס'איז טאקע פארהאן א סכנה פאר מיר אריינצוגיין




קיין אוקריינע.

גלייך מיט גרויס יאגעניש אין די לעצטע רגע האב איך מיר צוגעשטעלט צום גרופע, און געפארן קיין קערעסטיר אויף שבת. דארטן האבן מיר פארברענגט א געהויבענעם שבת, אינאיינעם מיט פיל אנשי שלומינו - נאנט צו הונדערט אידן.

תיכף מוצ"ש האבן מיר געזאגט סליחות פונעם ערשטן טאג. הר"ר משה אהרן שטויבער הי"ו איז צוגעגאנגען צום עמוד, מיט א קול געשטיקט פון טרערן האט ער פארגעזאגט די סליחות. יעדע ווארט איז ממש געווארן אויסגעטייטשט אויף אונזער יעצטיגע מצב.

נאך סליחות האב איך באמערקט ווי עטליכע גרופעס שושקען זיך צווישן זיך, איך האב פארשטאנען אז זיי וועבן פלענער ווי אזוי צו אנקומען קיין אומאן.

עס האט זיך געפונען דארט מיין ידיד הר"ר אברהם אהרן מארמארשטיין הי"ו. איך האב מיר צוגעשארט צו אים, און ער האט זיך פארבונדען צו די עסקנים הר"ר איתמר לייפער שליט"א, און הר"ר שמחה האס הי"ו. זיי האבן אונז געזאגט איבער א וועג, וואס מען קען דורך גרויסע שוחד געלטער אנקומען קיין אומאן.

איך האב זיך נאך געפונען אונטער דעם שרעק וואס מען האט מיר אנגעזאגט אין

פאריז ח"ו נישט צוריקצוגיין קיין אוקריינע, אבער נאכן הערן די דעטאלן און די צוגאנג פון דעם אונטער-וועג, האב איך פארשטאנען אז עס לויערט נישט אויף מיר קיין געפאר. ווייל דאס איז צוגעגאנגען אז מען פארשטעלט זיך מען זאל נישט דערקענען אויף אונז אז מיר זענען אידן, און ווי נאר מען גייט אראפ פונעם פליגער גייט מען אריין אין א באזונדערע אפטיילונג וואס ווערט גערופען VIP (א סערוויס וואס איז פארהאן אויך סתם אזוי פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין כח אריבער צו גיין די גאנצע איבערקערעניש פון לופטפעלדט), דארטן געפונען זיך נאר די מענטשן וואס ווייסן איבער אונז, וואס זיי באקומען די שוחד. האב איך פארשטאנען אז קען זיין אפילו אויב האב איך א שווארצע זיגל, וועלן זיי זיך פארהוילן דערפון.

## בדרך לא דרך

נאך וואס מיר האבן זיך דערוואוסט פונעם וועג אריין קיין אומאן, איז ארויפגעשווימען די שאלה 'כסף מנלן?'. כאטש מיר האבן געהאט געלט אין באנק און קרעדיט-קארד'ס, אבער די וואס האבן גענומען די שוחד האבן פארלאנגט 'קעש געלט'. איז וואו שאפט מען דא אין קערעסטיר קעש?... בלית ברירה האב איך מיר ארויסגעלאזט אינאיינעם מיט ר' אברהם אהרן, מיר זענען געגאנגען א גאנצע נאכט פון איין ATM מאשין צו צווייטן, ב"ה איך האב פארמאגט עטליכע קרעדיט קארטלעך און געבארגט פאר עטליכע מענטשן, אזוי נאך פילע טרחות און יגיעות האבן מיר עררייכט דעם גאנצן גרויסן סכום.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג א גרופע אינאיינעם, מיר זענען געפארן צו עטליכע קברי צדיקים. ווען מיר זענען געווען אין ליזענסק - נאכן איינרייסן ביים ציון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך - זענען מיר געגאנגען אין א ווינקל, און דארטן זיך פארשטעלט מען זאל נישט דערקענען אז מיר זענען אידן וואס פארן קיין אומאן.

עס איז געווען א מורא'דיגע חסד השם, אז דאן איז געווען די תקופה פון קאראנע וואס יעדער האט געדארפט גיין מיט א מאסקע אויפן פנים, איז געווען דארט אזא מאסקע אזוי ווי א שטיקל סחורה, וואס האט פארדעקט די גאנצע בארד און רוב פונעם פנים.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין לעמבערג. ר' שמחה האט אונז איבערגעגעבן פארשידענע אנווייזונגען ווי אזוי זיך צו פירן; נישט רעדן איינער צום צווייטן, נישט גיין צוזאמען, און אזוי ווייטער. ווען מיר זענען אנגעקומען צום טשעק-אין און איבערגעגעבן דעם פאספארט (דארטן האט מען דאך געזען אויפן בילד אז מיר זענען אידן), האט מען אונז נישט געוואלט געבן קיין רשות ארויפצוגיין אויפן פליגער. גלייך האבן מיר זיך פארבונדען מיט ר' שמחה, ער האט אונז געזאגט מיר זאלן ווארטן מיט געדולד און אלעס וועט פאלן אין פלאץ. נאך א קורצע צייט זענען מיר ווי עס קומט אן דארטן א צווייטער איינגעשטעלטער, און ער האט באשטעטיגט אז מיר פארמאגן ערלויבעניש און ב"ה מיר זענען ארויף אויפן פליגער.

## אריבער די גרעניץ

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין אדעסע, האבן מיר שוין געזען פונעם פענסטער, ווי איינער שטייט מיט א גרויסן שילד אויפגעשריבן אלע נעמען פון אונזער גרופע אז מיר דארפן גיין צו די ווי איי פי. גלייך האבן מיר זיך צוגעשארט צו אים, ער האט אונז אריינגעטראגן מיט אלע רענצלעך צו א ספעציעלע צימער, וואס דארטן איז שוין געווען א בחינה פון 'דינא רפיא'. איך בין נאך אבער געווען אונטער א היבשע פחד, אז אפשר ווען זיי וועלן זעהן דעם שווארצן זיגל וועלן זיי מיר נישט געבן קיין רשות אריבערצוגיין.

אלע זענען אריבער איינער נאכן צווייטן, דער אויפזעהער האט געזיגלט זייערע פאספארטן, זיי זענען אריבער דעם גרעניץ. איך בין געווען איינער פון די לעצטע, איך האב געגעבן מיין פאספארט און דער איינגעשטעלטער האט זיך פארטיפט דעריין א לענגערע ווייליע, ס'איז שווער צו פארשטעלן די אנגעצויגענקייט און שרעק וואס איך בין דאן אריבער, נאכ'ן איבערקוקן האט ער ברוך השם געזיגעלט און איך בין אריבער דעם גרעניץ.

מיר זענען געפארן קיין אומאן. מיין געפיל אנקומענדיג קיין אומאן איז געווען ווי איך גיי אריין אין גן עדן. ווער עס איז נישט דארט געווען קען דאס נישט פארשטיין.

ברוך השם עס אריבער אויף אונז א געהויבענע ראש השנה, וואס מיר האבן זוכה געווען בחסדי השם און מאוצר מתנת חנם צו אנקומען קיין אומאן.

אויפן וועג צוריק אינעם לופטפעלד ווען איך בין אריבער די גרעניץ, האבן זיי מיר געשטעלט אין א זייט און אויסגעפרעגט ווי אזוי בין איך אריין ווען די גרעניץ איז געווען פארמאכט?!

איך האב געענטפערט: "עטס זעעסט דאך אז מען האט מיר געזיגלט מיין פאספארט"! אבער זיי האבן מיר נישט אפגעלאזט, און מיר געפרעגט: "וואס איז געשטאנען אינעם באשטעטיגונג אריינצוגיין? וועלכע ארבעט האסטו געארבעט אין אומאן?" (ווייל דארט איז געשטאנען עפעס א געזעצליכע סיבה איבער וואס זיי האבן מיר אריינגעלאזט). איך האב אבער נישט געוואוסט וואס דארט איז געשטאנען, האב איך זיי געענטפערט: "עטס דארפסט וויסן! ענק האבן מיר געלאזט אריינגיין..." אזוי בין איך געזעצן דארטן אונטער גרויסע שרעק, ציטערנדיג אז יעצט וועלן זיי באמערקן דעם שווארצן זיגל און מיר ארעסטירן... ווייל ביים אריינגיין בין איך דאך אריין דורך די וואס האבן גענומען שוחד... אבער ברוך השם נאך א שטיק צייט האבן זיי מיר געלאזט גיין פריי.

**חסדי השם כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו.**



ביים גרעניץ פון באלערוס (ברסלב נייעס)



בס"ד
זיי זאלן מיך הערן איין תורה מיט'ן נגון און מיט'ן טאנץ וואלט
די גאנצע וועלט אויס געגאנגען מגודל עצם התענוג המפלא
אהההה!!
איך שפיר ממש ווי א נייע מענטש, זייט איך לערן די תורה הזמנית
גאר א רייכע אויסוואל פון שיעורים
אין די 'תורה הזמנית' אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן
רופט 'מערכת ברסלב'
605.313.1800
ארץ ישראל: 02.5.808.321
ענגלאנד: 0330.390.0487
פאר די תורה הזמנית אפטיילונג דרוקט: 700
מערכת ברסלב
שאלות ותשובות | שיעורי הדרכה | שיעורים למתחילים | שיעורי בקיאות | שיעורי עיון | שיעורי תמצית | שיעורים בספה"ק ביאור הליקוטים



# א ריכטיג פלאנירטע רייזע

ר׳ ישראל יואל עלעק הי״ו טיילט
אונז מיט איבער די אומצאליגע אק־
טיוועטעטן פונעם בארימטע ׳פלען
איט רייט׳ טרעוול

Plan it Rite
Travel the right way




שטראלן שטאט אפ א באזוך אין די אפיסעס פונעם טרעוול אגענטור וואס איז א גאנץ יאר פארנומען מיט די אומאן ראש השנה פראיעקט. אויך אונטער שווערע מלחמה אומשטענדן, איבער לאנגע וועגן און ענדלאזע גרעניצן - שטעלן זיי צו די בעסטע און באקוועמסטע סערוויס פאר די צענדליגע טויזענטער רייזנדע וועלכע זענען א טייל פונעם גרעסטן אידישע פלי-רייזע פראיעקט איבער די וועלט, אלעס מיט די גרעסטע מאס היימישקייט און העפליכקייט. אעופה ציון הקדוש אמונה.

נישט גרינג איז געווען פאר די שטראלן שטאב אנצוקומען צו די הויפטקוואטירן פון די בארימטע פלען איט רייט, אין אט די פארנומענע טעג - די טעג פון פאר ראש השנה, די הויכפונקט פון זייער טרעוועל אפערעישאן.

אויך ווען מיר האבן שוין ענדליך מצליח געווען צו שאפן אן אנפוינטמענט ביים בעל הבית ר' ישראל עלעק, האבן מיר נאך אלץ געדארפט צוווארטן עטליכע מינוט. ר' ישראל איז פארנומען יעצט מיט א וויכטיגע פאון קאל. ווארשיינדליך עפעס א וויכטיגע עסק פאר די באקוועמליכקייט פון די רייזנדע.

די אפיסעס פונעם טרעוול אגענטור פיבערט מיט פארשידענע אקטיוויטעטן. עטליכע ארבעטערס ליגן אריינגעטון אין די עבודת הקודש מיטן ציל צו העלפן אידן אנצוקומען צום אויסגעבענקטן ארט, 'אומאן ראש השנה'.

מיר באגענען דארט די באקאנטע טרעוול אגענט ר' לייבי ראזענבערג וועלכע איז פארנומען צו ערקלערן פאר א קאסטומער מיט געדולד אלע איינצלהייטן איבער די נסיעה. נאך עטליכע ארבעטערס זיצן דארט יעדער מיט זיין חלק אין די מאסיווע ארבעט. ר' שאולי פינטער איז אינמיטן העלפן איינעם באשליסן ווען עס לוינט זיך אהיימצוקומען פון אומאן, ר' אלי קנאל איז אויפן פאון מיט די קעטערינג צו מאכן זיכער אז די פרישטאג אויפ'ן פליגער קומט נאך די פלעין איט רייט סטאנדארטן.

עס איז אן עקסערע געשמאק צוצוזען פון די נאנט ווי אזוי עס גייט צו די ארבעט צו העלפן די צענדליגע טויזענטער רייזנדע וואס פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

די מינוט איז אנגעקומען, מיר זעצן זיך אראפ מיט ר' ישראל. צום ערשט טיילט אונז ר' ישראל אביסל מיט איבער די ברייטפארצווייגטע פעולות וואס ווערן אפגעראכטן לקראת ראש השנה תשפ"ה אינערהאלב די אפיסעס פון פלען איט רייט און גיבט אונז א קורצע איבערבליק איבער די סערוויסעס וואס פלען איט רייט שטעלט צו דעם יאר פאר די רייזנדע קיין 'אומאן ראש השנה':




"

**ווען עס קומט צו אומאן דארף מען אוועקלייגן אלע ערווארטונגען ווען מען דארף אנקומען קיין אומאן. ווען מען קומט אן איז אויך באשערט. מען קען פרובירן די בעסטע השתדלות, די בעסטע קאמפאניס און אזוי ווייטער מען דארף אבער וויסן אז עס איז באשערט.**










"ב"ה די הכנות גייען אן אויף אלע פראנטן – אזוי ווי מען זעט. מיר ארבעטן צוזעשטעלן פארן עולם וואס עס פעלט זיך אויס מען זאל קענען אנקומען רואיג און באקוועם צו הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. מען ארבעט פון פארשידענע זייטן. מען זיצט סיי מיט די פוילישע זייט און אזוי אויך מיט די אוקריינישע זייט, צוזעשטעלן טשארטער באנען און אזוי ווייטער וואס עס פעלט זיך אויס.

אין קורצן וואס מיר שטעלן צו דעם יאר איז: קודם כל ביליגערע טיקעטס מיט גרופס. מיר האבן איינגעקויפט הונדערטער טיקעטס פון פילע קאמפאניס וואס פארן קיין מאלדאווע אדער פוילן. מיר האבן פון פארשידענע עירליינס; לופטאנזא, אויסטריען, סוויס, לאט, היי סקיי, טורקיש... געוויסע פון די גרופס קומען אויך מיט טראנספארטאציע. די וואס קומען פון מאלדאווע באקומען צוגעשטעלט א באס מיט עסן. פאר די וואס קומען אהיים פון פוילן האבן מיר א באן צום גדלי' צופרי וואס פארט אריבער קיין פוילן. דארט אין פוילן שטעלן מיר צו האטעלן מיט עסן אין קראקע.

קיין מאלדאווע האבן מיר אויך באסעס אויפן וועג צוריק. גראדע האבן מיר געארבעט אויף אויף א כשר'ע האטעל אין מאלדאווע. מיר האבן ארויסגענומען א האטעל נישט ווייט פונעם עירפארט מען זאל קענען דארט עסן, כאפן א שויער און אזוי ווייטער, למעשה איז עס אויסגעקומען זייער טייער ממילא זענען מיר אראפ דערפון. אבער מיר האבן נאך האטעל צימערן דארט פאר צום גדלי' ביינאכט, כדי די מענטשן וואס פארן מיט די פליגערס פון טורקיש, היי סקיי אדער לאט מאנטאג, זאלן קענען זונטאג נאכט איבערשלאפן אין מאלדאווע אין דעם האטעל.

אזוי אויך רעזערווירן מיר פשוט'ע טיקעטס פאר מענטשן. אויב איינער האט א געוויסע ספעציפישע טיקעט וואס ער דארף, קענען מיר אים עס רעזערווירן.

פארשטייט זיך אז אונזער עיקר סערוויס איז די טשארטער וואס מיר מאכן בעזרת השם. די טשארטער פארט ארויס פון נוי יארק זונטאג אכט אזייגער אויף דער נאכט דירעקט קיין ריישא. פון דארט וועט מען פארן קיין פשעמישל עסן א נארהאפטיגע פרישע מיטאג און זיך גלייך ארויסלאזן קיין אומאן מיט די ספעציעלע טשארטער באנען.

גלייך מוצאי יו"ט ארום 11:30 ביינאכט לאזט מען זיך ארויס פון אומאן קיין פשעמישל מיטן טשארטער באן. פון דארטן האבן מיר באסעס קיין ליזענסק, בערך א שעה צו פארן. דארט גייט זיין צוגעשטעלט זיך אפצורוען. מיר האבן ארויסגענומען די גאנצע פלאץ זיך אפצוכאפן ביז די פליגער פארט ארויס. ארום זעקס אזייגער לאזט מען זיך ארויס פון ריישא קיין נוי יארק ווי מען וועט זיין צוריק אום זונטאג נאכט בעזרת השם, אזוי ווי די פארגאנגענע יאר.

**דאס איז אין קורצן וואס מיר שטעלן צו דעם יאר.**

**וואס איז בכלל די מצב מיט טיקעטס,** עס וועט נאך זיין צו באקומען ביז די לעצטע מינוט?

עס איז דא די ברסלב'ע עולם וואס קויפט פרי און האבן שוין געקויפט פאר א פאר וואכן אדער א פאר חדשים צוריק - גלייך ווען מען האט געקענט קויפן. די צווייטע כוואליע פון מענטשן - מער די לעצט מינוטיגע חברה - הייבן אן קויפן פון ראש חודש אלול.
מיר האבן אוועקגעלייגט א שיינע פאר טויזענט טיקעטס און נאך א שיינע פאר הונדערט גרופס. דעריבער בין איך נישט באזארגט איבער טיקעטס. אפילו אויב מען וועט דארפן נאך א טשארטער זענען מיר גרייט צו מאכן נאך א טשארטער. דערווייל איז נישט געווען אזא גרויסע פארלאנג דערויף אבער אויב עס וועט נאך זיין די לעצטע מינוט זענען מיר גרייט דאס צוצושטעלן.

**וואס זעט אויס וועט זיין** די מצב ביי די גרעניצן?

מניעות איז ברוך השם דא. יעדעס יאר פרובירן מיר צו זיצן מיט די באהערדע צו פארשנעלערן די גרעניצן פראצודער אבער עס פארלאנגט שעות פון ארבעט. מען דארף אסאך קאאפעראציע פון זיי. אפילו מיט די באנען איז יעדעס יאר א פרישע פרשה. ספעציעל ווען א צווייטער פרובירט ארייננקומען אין דעם מארקעט, כאטש וואס יענער מיינט פשוט זיין הצלחה, קען ער אבער אויפן וועג שעדיגן די ארבעט און באציאונגען וואס מיר האבן ארייגעלייגט יארן. אזוי מאכן זיך כסדר שטרויכלונגען אין וועג.
מיר האבן פרובירט אזוי ווי אלע יארן צו זיצן מיט די אינסטאנצן, רעדן, שמירן און אזוי ווייטער, טון אלעס וואס מען קען צו גרינגער מאכן די מצב. כאטש עס איז געקומען די אנטווארט אז עס גייט זיין בעסער דאס יאר, וויל איך אבער זייער קלאר זאגן זיך נישט צו פארלאזן אויף די אלע הבטחות און ארויספארן גענוג פרי פון אומאן. די גרעניצן קענען נעמען מורא'דיג לאנג, אפילו אויב אמאל געלונגט אז נעמט בלויז א פאר מינוט, איז דאס נישט קיין ראיה אויף אלעמאל.

**וואס איז די מלחמה צושטאנד אין אוקריינע,** עס איז דא וואס מורא צו האבן?

די מצב המלחמה איז נישט שייך צו פאראויסזאגן וואס עס גייט זיין, עס טוישט זיך יעדע מינוט. ספעציעל נאך וואס אוקריינע האט אינוואדירט רוסלאנד, האט עס געפירט אז רוסלאנד זאל זוכן צו אטאקירן ציווילע אינפראסטראקציעס. איין זאך איז אבער זיכער אז די פחד ווערט וויניגער פון יאר צו יאר. אלץ ביישפיל קען מען קוקן אויף די מצב המלחמה אין ארץ ישראל, די פליגערס זענען די גאנצע צייט געפלויגן, קיינער האט זיך נישט צוריקגעהאלטן פון פארן טראץ די מלחמה צושטאנד. מענטשן זענען שוין צוגעוואוינט דערצו.

**וויפיל מענטשן** שאצט מען אז עס גייען קומען די יאר?

שווער צו זאגן. אבער אזוי ווי פריער ערווענט ערווארט מען דאס יאר א גרעסערע עולם ווי זייט די מלחמה האט זיך אנגעהויבן, צוליב וואס מענטשן האבן שוין שלום געמאכט מיט די מצב. עס זעט אויס ווי עס גייען קומען פיל מער מענטשן ווי אין די פריערדיגע יארן, צווישן זיי גאר אסאך וואס קומען היי יאר צום ערשטן מאל.

# די גרינדונג פון 'פלען איט רייט'

Plan it Rite
Travel the right way

**נאכן כאפן א קורצע איבערבליק אויף די היי יעריגע טרעוול פראיעקט אינערהאלב 'פלען איט רייט', אנטדעקן מיר מער איבער די היסטאריע פונעם טרעוול אגענטור. ווער האט דאס אויפגעשטעלט?! ווען איז דאס צושטאנד געקומען?! און וואס אלץ האט שוין פלען איט רייט אויפגעטון אינעם וועלט פון טרעוול.**

ר' ישראל יואל עלעק הי"ו, א היימישע חסידישער איד פון מאנסי וועלכער באשעפטיגט זיך מיטן צושטעלן טיקעטס פארן היימישן עולם, האט גענומען פאר א מיסיע צו פארגרינגערן פאר די צענדליגע טויזנטער היימישע אידן וואס פארן קיין אומאן ראש השנה.

ר' ישראל'ס נסיעות קיין אומאן אויף ראש השנה האט זיך שוין אנגעהויבן פון ווען ער איז געווען בלויז עלעוו יאר אלט. זיין טאטע זייענדיג א מקורב צו ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א האט זיך געדרייט אין ברסלב און אויך אנטייל גענומען אין די נסיעה הקדושה צום הייליגן רבי'ן. אזוי ארום איז שוין ר' ישראל אויפגעוואקסן אין ברסלב און געפארן יאר יערליך צום קיבוץ הקדוש אין אומאן.

ארום צען יאר נאך זיין חתונה לערנענדיג אין כולל 'זכרון מנחם' ביי הגה"צ ר' חיים פלאהר שליט"א, האט ער געפענט דעם טרעוול אגענטור 'פלעין איט רייט' אויסצושטעלן נסיעות און וואקאציעס פארן היימישען ציבור. זייענדיג פון די מתפללים אין ברסלב מאנסי איז ר' ישראל געווען דער וואס האט אנגעהויבן מאכן גרופעס און טשארטערס פאר אונזערע לייט צו פארן אויף אומאן ראש השנה.

אזוי האט זיך אנגעהויבן די רייכע קאריערע פון 'פלען איט רייט' צו סערווירן דעם היימישן ציבור צושטעלנדיג יעדעס יאר די נויטיגע גרופ טיקעטס פארן עולם. אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז ווען יוקרעין אינטערנעשענאל האט געקראכט. דאן האט פלען איט רייט זיך ארייננגעלייגט צום ערשטן מאל צו מאכן טשארטערס דירעקט קיין קיעוו. דורך אויס די קראונע עפאכע האט פלען איט רייט געהאט א טשארטער גרייט ביז די לעצטע מינוט. עסקנים האבן פיבערהאפטיג געארבעט ארום די זייגער צו קענען אריינלאזן דעם עולם, אבער צום סוף איז ליידער געווען וואס עס איז געווען.

ר' ישראל שילדערט ווייטער די אנטוויקלונג פון די פלען איט רייט דערגרייכונגען און די פילע שטרויכלונגען און שוועריגקייטן וואס קומען כסדר אונטער:

"דעם קומענדיג יאר ראש השנה תשפ"ב האט מיר געהאט צוויי טשארטערס קיין אומאן וועלכע זענען געפארן דירעקט פון נוי יארק קיין קיעוו. יענעם יאר, כדאי צו קענען פליען דירעקט קיין ניו יארק האט מען געדארפט האבן טי. עס. עי. עפראוול אגענטן. אין אוקריינע האט שוין דאן מער נישט עקזיסטירט אזא פירמע, האבן מיר געדארפט אויף אונזערע קאסטן אריין ליפערן אגענטן פון אייראפע. יענעם יאר איז אויך געווען די שוועריגקייט מיט קאוויד טעסטינג, דעריבער האבן מיר געעפעט א טעסטינג צענטער אין אומאן ווי מיר האבן צוגעשטעלט עכטע טעסטס כדאי דער עולם זאל קענען צוריקפארן אין צייט. אין עירפארט האט דער מענעדזשער אנגעהויבן קרומען מיט די נאז אויף געוויסע טעסטס און מען האט זיך ברוך השם אויסגעקומען מיט אים. אזוי אויך האט יענע יאר ליידער פאסירט א טראגישן עקסידענט און די טרעפיק צום עירפארט איז געווען גאר שווער. איינע פון אונזערע רייזענדע איז געווען אין דעם ווען מיט וועלכע עס האט פאסירט די עקסידענט און מען האט אפגעהאלטן דעם פליגער לכבודו.

א יאר דערויף ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן האבן מיר צוגעשטעלט א טשארטער קיין ריישא און אזוי אויך ערלעדיגט צום ערשטן מאל טשארטער באנען דירעקט קיין אומאן. פאריאר אויף די וועג צוריק איז געווען קאראפציע מיט די באנען און זיי האבן געקענסעלט די באנען אריבער די גרעניץ, מען האט נאר געקענט רייזן ביזן גרעניץ.

# די סאמע גרעסטע אינעם

# 'אומאן' פעלד

מיט די יארן איז אומאן געווארן די הויפט מיסיע פונעם פלען איט רייט פירמע. רוב יאר זענען זיי פארנומען זיך צוצוגרייטן אויף ראש השנה און ברענגען די בעסטע פרייזן, פראדוקטן און די באקוועמסטע וועגן פאר די חשוב'ע רייזנדע. היינט שטייט פלען איט רייט אינעם שפיץ פון די אומאן ראש השנה אינדערסטרי זייענדיג די סאמע גרעסטע טרעוול אגענטור וואס שטעלט צו טיקעטס און טשארטערס פאר די אומאן רייזנדע פון אמעריקע.

אויף אונזער פראגע צו ר' ישראל וואס טאקע האט געברענגט 'פלען איט רייט' צו גרייכן דעם שפיץ און זיך ציילן אלץ נומער איינס אינעם ליין פון אומאן ראש השנה? ענפטערט ער אונז אז דעמאלטס פאר צען יאר צוריק איז נישט געווען עכט איינער וואס זאל זיך אפגעבן ספעציעל מיט אומאן ראש השנה, עס האט זיך דרינגענד פארלאנגט איינער וואס זאל זיין אריינגעטון אין דעם און געבן די ריכטיגע סערוויס.




עס איז גראדע געווען אזעלכע וואס האבן יא געטון דערין, אבער עס איז נישט געווען מיט די גרעסטע מאס איבערגעגעבנקייט און עס האט זיך פארלאנגט איינער וואס זאל סערווירן דעם עולם בסבר פנים יפות. דאס האט פלען איט רייט פרובירט צו צושטעלן - סערווירן באמת יעדע מענטש מיט די גרעסטע מאס העפליכקייט. מענטשן האבן דערפון זייער הנאה געהאט ענדליך איז דא איינער וואס גיבט סערוויס, א היימישער וואס פארשטייט דעם ברסלב'ן עולם. עס האט געברענגט אז איינער האט געברענגט א צווייטן און אזוי נאך און נאך, ביז זיי האבן זיך צעוואקסן און דערגרייכט צו ווערן נומער איינס אינעם פעלד פון אומאן ראש השנה.

אלס א ביישפיל ווי וויט עס גייט, פארציילט אונז ר' ישראל א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט א געוויסע טרעוול אגענט וואס פלעגט נישט טון אין די ליין פון אומאן, ער האט מער געפאוקעסט אויף 'היי ענד' - ווי מען רופט עס - צושטעלן ביזנעס קלאס טיקעטס מיט רייכע האטעלס. איין יאר האט ער באשלאסן אריינצושניידן אין די מארקעט פון אומאן ער האט אפגעמאכט לאמיר נעמען 500 טיקעטס און זען ווי אזוי עס וועט גיין, ווען עס איז געקומען למעשה האט ער עס נישט געקענט פארקויפן, ער איז געבליבן שטעקן דערמיט. צוויי דריי וואכן פאר ראש השנה האט ער זיך ארומדערזען אז ער האט נישט וואס צו טון דערמיט, האט ער זיך געווענדן צו פלען איט רייט זיי זאלן דאס פארקויפן און ביז עטליכע טעג איז עס געווען אויסגעקויפט, ווייל מענטשן זענען שוין צוגעוואוינט אז פאר אומאן קומט מען צו פלען איט רייט.

ר' ישראל מערקט אויף אז אלעמאל זענען פאראן נאך אזעלכע וואס פרובירן צו פארקויפן גרופס, עס איז א פרי מארקעט. פלען איט רייט איז נישט די איינציגסטע וועלכע פארקויפט, אבער דאך זענען זיי די גרעסטע מיט די מערסטע אפציעס און פרובירן יעדעס יאר צו זען ווי קען מען מאכן בעסער, וואס דארף דער עולם, און דאס פרובירן זיי צו צושטעלן אויפן בעסטן פארנעם. איבערהויפט מיטן געבן גוטע סערוויס, דאס איז נומער איינס ביי פלען איט רייט.









# אומאן א גאנץ יאר

**יעצט ווענדן מיר זיך צו ר' ישראל מיט עטליכע שאלות צו דערגיין אביסל מער פון הונטער די קוליסן וואס נעמט אלץ אריין די פראיעקט פון צושטעלן טיקעטס פאר אומאן ראש השנה.**

## צום ערשט לאמיר הערן ווען הייבט זיך עס אן, וויפיל צייט פאר ראש השנה הייבט מען אן צו טון אין דעם?

עס איז באוואוסט וואס די הייליגע רבי האט געזאגט, אז פון א טאג נאך ראש השנה לייגט ער שוין צו דעם אויער צו הערן ווי מען קלאפט אויפוועקן צו סליחות דעם קומענדיגן יאר. מען קען זאגן אז בי אונז איז אויך אזוי. דאס הייסט אז בעצם הייבט מען שוין אן ארבעטן אין די יעצטיגע טעג אויף קומענדיגע יאר, עס נעמט איבער א יאר צו ארבעטן צו באקומען געוויסע זאכן. ביי יעדע עירליין איז עס אביסל אנדערש, אבער בערך פון א יאר פריער הייבט זיך עס אן און במשך דעם יאר האלט מען אין איין נאכקוקן די מצב.

מען הייבט טאקע אן א יאר פריער, מען דארף אבער א גאנצן צייט זיין אויפן וואך און האלטן אן אויג אויפן מארקעט צו זען וועלכע עירליין הייבט אן צו פארן, וועלכע הערט אויף צו פארן, וואו קען מען טרעפן נאך א מהלך צו פארברייטערן און אזוי ווייטער.

איך וועל געבן א געוויסע ביישפיל. דעם יאר האבן מיר געהאט אפאר הונדערט זיצן מיט לופטאנזא צו פארן קיין מאלדאווע, למעשה האט לופטאנזא געקענסלט אלע זייערע מאלדאווע פליטס און מיר זענען געבליבן אן קיין טיקעטס צו מאלדאווע. דעריבער האבן מיר געדארפט אויפקומען מיט מאכן גרופס קיין קראקע.

מיר האבן פארמאגט במשך די יאר פילע אפציעס וועלכע זענען קיינמאל נישט געקומען לידי מעשה. מיר האבן געוואלט צאמשטעלן געוויס עירליינס און געוויסע טשארטערס און נאך פארשידענע אויפטועונגען, אבער עס איז נישט צושטאנד געקומען.

אזוי אויך דארף מען אייביג וויסן וואס די טשעלענזשעס זענען ווייל אייביג מאכט זיך פארשידענע זאכן. היינט ארבעטן די באנען, מארגן קומט אונטער א געוויסע קאראפציע און פלוצלינג ארבעט עס נישט. אייביג דארף מען וויסן ווי זאכן רוקן זיך, מען דארף א גאנצן צייט זיין אויפן וואך.

פארשטייט זיך אז דער עיקר איז צו משקיע זיין אסאך אין תפילה און התבודדות. אבער די נקודה איז אז מען דארף א גאנצן צייט וויסן וואס קען מען יא טון און וואס קען מען נישט טון. למשל אינעם ארץ ישראל'דיגע מארקעט איז מען די יאר אריבער קיין סאטשאבא. יעדע מארקעט האט זיך זיינע זאכן וואס מען דארף א גאנצן צייט קוקן. מיר האבן פרובירט צו ארבעטן אויף די גרעניצן אין **מאלדאווע** אויך. מיר האבן געהאט איינער וואס איז געווען גרייט אונז אריבער צו טראגן די גרעניץ שנעל, אבער מיר זענען נישט געווען זיכער אז מיר קענען זיך פארלאזן אויף דעם, ממילא זענען מיר נישט איינגעגאנגען דערויף.

מען דארף זיין רעאליסטיש. אייביג זענען דא חידושים און אזוי אויך טשעלענזשעס, זאכן וואס מען דארף יא טון און נישט טון א.א.וו. ממילא איז די אויגן אפן א גאנצן צייט. כסדר האפט מען אז מען וועט שוין קענען פארן צוריק פון קיעוו. יעדער ווארט שוין אויף די גוטע נייעס מען זאל קענען מאכן א געהעריגן טשארטער אזוי ווי פארן קריג גלייך קיין קיעוו, עס זאל זיין געשמאק. אבער דערווייל ארבעט מען יעדן טאג מיט די איצטיגע מציאות און מיט די פרישע נייעס, די קאראפציעס און טשעלענזשעס וואס מען האט, און מען פרובירט צו מאכן די בעסטע וואס מען קען.

## וויפיל מענטשן נעמען א חלק אין אזא פראזשעקט?

**ארום פינעף און צוואנציג ארבעטערס!**

מיר האבן אפיסעס אין אוקריינע, פוילן און אין נאך לענדער. אונזער הויפט אפיס איז דא אין מאנסי, אבער מיר האבן מענטשן איבער די גאנצע וועלט, אידן און להבדיל נישט-אידן וועלכע ארבעטן ארום דעם זייגער. מיר האבן אינגעלייט וואס ארבעטן אין ארץ ישראל, ליבערטי און לעיקוואוד.

## ווען איז די קלימאקס פון די אנגעצויגנקייט?

די לעצטע חודש, פון ראש חודש אלול. דעמאלטס הייבט זיך אן די ארבעט מיטן פולסטן קראפט.










# טשארטערס

## לאמיר אריבערגיין צו די נושא פון טשארטערס. וואס בכלל זענען די מעלות פון פארן מיט א טשארטער?

א טשארטער פארמאגט אסאך מעלות און אסאך חסרונות. די גרעסטע חסרון פון א טשארטער איז אז עס איז זייער א טייערע זאך. טייער מיינט אז מען דארף נעמען א ריזקע פון ארום 700,000 דאלער, געוואנדן וויפיל עס קאסט, און אויב מען פארקויפט עס נישט האבן מיר די שאדן. אז עס איז טייער הייבן מענטשן אן צו קרעכצן פארוואס איז עס אזוי טייער.

אבער פון די אנדערע זייט ווילן מענטשן האבן א טשארטער, סיי ווייל זיי ווילן די באקוועמליכקייט. די טשארטערס פון אמעריקא זענען צוגעשטעלט אויף א מורא'דיגע פארנעם - היימישע מענטשן נעמען דיר אויף און געבן זיך אפ מיט דיר. יעדן דעטאל ווערט אזוי שיין צוגעשטעלט, מיט פארשידענע באקוועמליכקייטן אויף יעדע זיץ. מען שטעלט צו רייכע מאלצייטן, קאווע, מזונות און נאש דורכאויס די גאנצע רייזע.

מענטשן ווילן דאס ספעציעל ווען מען קומט צום רבי'ן אויף ראש השנה, מען וויל זיך נישט דרייען אין עירפארטס, אדער זיצן אויפן פליגער צווישן גוים מיט תערובות. דא איז אלעס א ריינעם אופן, מען שטעלט צו נאר מענער-סטואיד און אזוי ווייטער, ממילא זענען פארהאן געוויסע מענטשן וואס אפילו עס איז היבש טייערער ווי א געווענדליכע פליגער, זענען זיי גרייט צו צאלן פאר די באקוועמליכקייט און פאר די טהרת הקודש צו היטן די אויגן הייליג און ריין.

## וואס נעמט אלץ אריין די פראיעקט פון צושטעלן א טשארטער?

עס גייט אריין אין דעם אסאך קאפ ווייטאג און מוטשעניש. אנגעהויבן מיט די עסן, מען קען נישט לייגן אלע סארט עסן, און נישט צופיל, עס איז דא א סכום וויפיל עסן מען קען ארויפנעמען אויפן פליגער. די אלע זאכן דארפן ווערן אויסגערעכנט פון פאראויס. מען דארף באקומען א פלאץ אינעם עירפארט וואו מען קען לאנדן, באקומען א באשטעטיגונג דערויף, אויסלייגן געלט. דער עיקר איז די ריזיקאלישקייט אז מען ווייסט נישט וואס עס גייט זיין, מען באשטעלט א טשארטער א יאר פריער און מען לייגט אויס איבער 700,000 דאלער, אויב בלייבט מען שטעקן מיט צען זיצן דערלייגט מען די גאנצע פארדינסט.

עס איז גארנישט קיין ביליגע זאך טשארטערס. עס איז נישט ווי אין ארץ ישראל א וועג פון צווי דריי שעה און מען קען פארקויפן אהין און צוריק. דא איז עס א טייערע מעשה, עס איז גרויסע פליגער, מען לייגט אריין אסאך קאפווייטאג און ארבעט צו מסדר זיין און מאכן זיכער אז יעדע דעטאל קלאפט. סיי מיט די עסן, סיי מיט עירפארטס וכו' וכו'. ביי אונז שטעלט מען צו גאלדען פלאץ ארענזש זשאוס, אלעס פון היימישע קאמפאניס. ווארעמע עסן, מיט אלע מיני טרינקען. יעדע זאך נעמט אריין גאר אסאך ארבעט. יעדע סארט טשארטער האט זיך זיינע שוועריגקייטן און זאכן וואס מען דארף ארבעטן, אלעס זאל קלאפן הונדערט צוואנציג פראצענט.

**ר' ישראל מערקט אן א וויכטיגע נקודה איבער די היי-יעריגע טשארטער:**

דאס יאר האבן מיר געמאכט די טשארטער פון ריישא. די ארץ ישראל'דיגע עולם קומט בעיקר מיט טשארטערס און זיי האלטן זיך בעיקר מיט די פאר עירפארטס ווי די טשארטער קאמפעניס לאנדן, סאטשאווא, מאלדאווע און ריישא. די אמעריקאנע מארקעט איז אביסל אנדערש. גרויסע טשארטערס קענען נישט לאנדן אין סאטשאווא. מיר האבן געארבעט די לעצטע האלבע יאר צו קענען ברענגען א גרויסע טשארטער קיין מאלדאווע, אבער רוב גרויסע פליגערס קענען נישט לאנדן אין מאלדאווע, דערפאר האט מען דערוויילט נישט געמאכט קיין טשארטער קיין מאלדאווע.

ממילא איז מען צוריק צום פלאן פון די לעצטע פאר יאר פון מאכן טשארטערס קיין ריישא, טראץ וואס עס איז היבש ווייטער פון מאלדאווע. צוליב וואס דאס איז די איינציגסטע פלאץ ווי מען קען פארן דירעקט פון אמעריקא אן זיך דארפן אפשטעלן און מען קען ברענגען א גרויסע פליגער, דעריבער בלייבט עס נאך אלץ די ערשטע אפציע.

די צווייטע סיבה פארוואס מען איז נאכאלץ געבליבן מיט ריישא; ווייל פון דארטן גייען מיר קענען האבן די באנען. אין מאלדאווע, אפילו מיר וואלטן געקענט באקומען די באנען פון מאלדאווע, וואלט עס געווען א מורא'דיגע לאנגע וועג. מען האט אונז געהאט פארגעשלאגן צו געבן באנען, אבער ס'איז אויסגעקומען א מורא'דיגע טלטול הדרך. האט מען אויסגערעכנט אז מאכן די טשארטער פון ריישא און האבן די באן פון פוילן נישט צו דארפן שטיין ביים גרעניץ, איז א מורא'דיגע פלאס.

אוודאי וועט א יחיד פארט פאר זיך פון מאלדאווע און ער וויל אליינס נעמען א קאר, וועט ער מן הסתם אנקומען שנעלער ווי א באן פון ריישא מיט די גאנצע זאך ארום. אבער אלץ א פירמע קענען מיר זיך נישט אונטער נעמען צוצושטעלן 500 קארס פאר אלע מענטשן, וועט יעדער איינער פארשטייט די מצב פון קארס וויאזוי עס קוקט אויס ערב ראש השנה אפילו מיט די נארמאלע גרויסע קאמפאניס, אומאן עקספרעס און אזוי ווייטער. עס קומט יא אן, עס קומט נישט אן, עס איז אזא כאאס און עס איז נישט שייך זיך צו פארלאזן אויף דעם. מיר דארפן צושטעלן פאר א ציבור, ממילא דארפן מיר טראכטן די מערסטע רעאליסטישע וועג צו קענען פירן א ציבור - אפאר הונדערט מענטשן אויפאמאל, אויף די געזונטסטע וועג מיט די וויינציגסטע קאפווי.

איז למעשה, פון מאלדאווע האבן מיר נישט געקענט האבן נאר א קליינע טשארטער און נישט דירעקט. אזוי אויך וואלטן מיר געדארפט לייגן דעם עולם אויף באסעס. אין די מינוט וואס מיר דארפן לייגן דעם עולם אויף באסעס, קען מען דאך נישט וויסן וויאלאנג עס וועט נעמען. פאריאר זענען מענטשן געשטאנען ביי די גרעניץ אכט צען שעה אין געוויסע צייטן, איינמאל עס איז באסעס איז עס שוין נישט תלוי בידינו, עס ווערט שוין צו קאמפלאצירט. ממילא פאר א ציבור מענטשן האט די איינציגסטע זאך וואס האט געמאכט סענס, מיר זאלן צוריקגיין צו אונזער אלטע פלאן וואס מיר האבן אלע יארן געטון, פארן דורך ריישא און דערנאך מיט די באן.

עס איז באוואוסט וואס די הייליגע רבי האט געזאגט, אז פון א טאג נאך ראש השנה לייגט ער שוין צו דעם אויער צו הערן ווי מען קלאפט אויפוועקן צו סליחות דעם קומענדיגן יאר.

מען קען זאגן אז ביי אונז איז אויך אזוי. דאס הייסט אז בעצם הייבט מען שוין אן ארבעטן אין די יעצטיגע טעג אויף קומענדיגע יאר

# קוק
# און
# פרעג

**די זייגער רוקט זיך די צייט לויפט פארביי, מיר בעטן רשות פון ר׳ ישראל צו פארלייגן**
**נאך עטליכע פראגן און מיט זיין צושטימונג פרעגן מיר אים:**

## אויב איר קענט אויסשמועסן אביסל וואס זענען די ספעציעלע מעלות פון גיין דורך א טרעוול אגענט און נישט בוקן אליין.

קודם כל געווענדליך איז א טרעוועל אגענט נישט צופיל טייערער און צומאל נאך אפילו ביליגער. בפרט ווען עס קומט צו גרופ טיקעטס און אפגערעדט פון די נושא פון א טשארטער, וואס ביי דעם דארף מען אינגאנצן צוקומען צום טרעוול אגענט.

איך זאג נישט אז עס איז בכלל נישטא קיין טיקעטס וואס זענען ביליגער. איך זאג אייביג, בעסער קוק טאקע אליין און רוף אריין דעם טרעוועל אגענט, ער וועט דיר זאגן צו ער וויל עס פארקויפן, צי ער האלט דערפון. קיינער גייט דיר נישט בייסן פאר פרעגן ווען דו קוקסט אליין. אדרבה קוק וואס דיינע אפציעס זענען, זאג אים איך האב געטראפן דאס און דאס און הער וואס ער האט צו זאגן. צומאל איז דא א מענטש וואס טרעפט א ביליגע טיקעט וואס איז טאקע א ביליגע טיקעט, אבער מען קען עס נישט ריפאנדן, נישט טוישן דעם דאטום, מען דארף צוצאלן נאך 200 דאלער פאר די פעקלעך און נאך 50 דאלער פארן זיץ. אין אזא פאל וועט ער דיר זאגן, איך האב א צווייטע זאך וואס איז טאקע טייערער אבער עס גיבט דיר מער בויגזאמקייט, מער וועגן וויאזוי דו קענסט מצליח זיין פאר דיין געלט.

איך בין א גרויסע חסיד פון באשטעלן אליין. אדרבה גלייב נישט דעם טרעוול אגענט רוף אים אן און זאג אים איך האב געטראפן דאס און דאס, אויב איז עס א גוטע זאך וועט ער דיר זאגן נעם עס, כאפ עס מיטביידע הענט. און אויב נישט וועט ער דיר אויפקלערן די שאדן דערפון. דאס איז די קלוגסטע וועג; קוק און פרעג.

נאך א מעלה איז דא, אויב מאכט זיך סיי וואסערע פאנטשער, מען האט געקענסלט א פליגער, אפגעשטופט און אזוי ווייטער, אויב א מענטש האט געבוקט דורך א טרעוול אגענט, וועט אים דער אגענט פרובירן ארויסצוהעלפן און על פי רוב לעזן דעם פראבלעם. ווען א מענטש בוקט אבער אליין, קען ער זיך טרעפן אינגאנצן פארלוירן און נישט וויסן וואס צו טון. דעריבער איז כדאי אלעמאל צו גיין דורך א טרעוול אגענט, אז אויב עס מאכט זיך סיי וואס זאל מען האבן צו וועם זיך צו ווענדן.

## אויב מעג מען פרעגן צי איז די גאנצע פראזשעקט בכלל אזוי מאני מעיקינג אז עס לוינט זיך נאר פאר די געלט אליין, אדער ליגט דא נאך עפעס אונטער דעם?

מענטשן פרעגן עס בכלליות אויף טרעוול אגענט. דער אמת איז אז עס איז נישט קיין גרויסע מאני מעיקינג ביזנעס. מען קען עס אנרופן מער א פעני סטאק, עס ליגט נישט קיין גרויסע געלטער דערין. אפשר אין ארץ ישראל מער, אבער אין די אמעריקאנע מארקעט פארדינט מען נישט קיין גרויסע געלטער צוליב צוויי סיבות; קודם כל די טיקעט קאסט דאך וואס עס קאסט אויך פארן טרעוול אגענט, און אפילו די גרופ טיקעס וואס מען






קויפט פריער, דארף מען אויסלייגן געלט וואס צומאל מאכט מען נישט צוריק. למשל פאריאר האבן מיר געקויפט גאר אסאך טיקעטס און מיר זענען צום סוף געבליבן שטעקן מיט איבער הונדערט טיקעטס. אפילו מיר האבן גענומען די ריזקע און אויך געמאכט אביסל געלט, האבן מיר זיך געטראפן די לעצטע מינוט מיט איבערגעבליבענע טיקעטס. די מעשה איז געווען אז אין די לעצטע מינוט איז געווארן אוועליבעל ביליגע טיקעטס און מיר אליין האבן אויך פארקויפט פון די טיקעטס, ממילא זענען מיר געבליבן מיט א איבעריגע 100 טיקעטס.

עס איז אייביג דא א ריזקע און זאכן וואס קענען גיין ראנג. מיר האבן ליב צו סערווירן מענטשן. באמת באמת אז די פרעגסט א טרעוול אגענט פארוואס ער טוט עס, איז ווייל ער האט הנאה! לויט די צייט און די געלט וואס גייט אריין דא. ווען איינער לייגט זיך אריין אין ריעל עסטעיט מאכט ער מער געלט. עס איז א געוויסע געשמאק פון די מענטשן וואס ארבעטן דא. א גרויס חלק זענען ברסלב'ע אינגעלייט וואס האבן א שייכות מיטן רבי'נס זאך און שפירן פאר א זכיה צו העלפן מענטשן אנצוקומען. דאס איז די עכטע אמת, די חלק הרוחני וואס דרייוועט די מענטשן דא.

אוודאי פרובירט מען צו מאכן געלט פון געוויסע זאכן. פאריאר זענען געווען צוויי טשארטערס און מיר האבן גערעכנט אז די ביזנעס קלאס טיקעטס וועלן דעקן די הוצאות, למעשה איז מען געבליבן שטעקן מיט אפאר ביזנעס קלאס טיקעטס, אזוי אז למעשה האט מען נישט געמאכט קיין געלט פון די פאריאריגע טשארטערס. מיר זענען געליגן א גאנץ יאר מיט געלט אינדרויסן און געארבעט שווער, צום סוף האט מען כמעט נישט געמאכט קיין געלט. ממילא, זיכער איז דא אין דעם א גרויסע ריזקע און א נקודה פון ארבעטן שווער. אפילו ווען מען מאכט יא געלט איז עס אויך נישט קיין גרויסע ריזיגע געלטער, מען שארט נישט קיין גאלד. מען קען אמאל מאכן עפעס, מען לעבט דערפון, אבער צומאל קען מען אפילו דערלייגן.

אבער דאס איז זיכער אז די צאל כוחות און ענגעריע וואס גייט אריין אין דעם קומט סיי ווייל די מענטשן האבן א געפיל אין סערווירן, און אזוי אויך ווייל ווי געזאגט זענען א גרויס חלק פון דעם טיעם אנשי שלומינו, און פארקויפן טיקעטס צו פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן האט א ספעציעלע חשיבות ביי זיי.

## ווען געדענקט איר איז געווען די אנגע־צויגנסטע מינוט במשך אייער קאריע, א קאטאסטראפע וואס איר האט געשפירט אז

## עס איז נישט שייך צו האנדלען?

מען דארף זיך אייביג קענען האלטן שטארק. פאריאר האבן מיר געהאט א שטארקע פארמעסטונג נאך וואס מען האט געקענסלט אונזערע באנען ממש פאר ראש השנה און מיר זענען געווען געצוואונגען צו פירן דעם עולם מיט באסעס. מיר האבן אפגעמאכט מיט די גרעניץ באאמטע אז זיי גייען דורכלאזן שנעל אונזערע באסעס קיין ריישא, מיר האבן דאן געהאט צוויי טשארטערס, למעשה זענען געווען אפאר גוטע אידן וואס האבן מיטגענומען ציגרעטלעך אויף די באסעס און לכבוד דעם האבן די גרעניץ וועכטער גענומען אלע באסעס אין א זייט און אנגעהויבן אלעמען אויסצופאקן.

די זאך האט זיך געצויגן עטליכע שעות און מיר האבן שוין געדארפט פארן, למעשה האבן זיי מיטגעארבעט מיט אונז און מען האט מצליח געווען אפצושטופן דעם פליגער. נאר וואס עס איז געשען איז, אז ביז מען איז געווארן גרייט זיך צו הייבן, איז געווארן שפעט פארן פילאט, עס איז אריבער זיינע שעות, און מיר האבן געדארפט אריינברענגען נאך א פיילאט פון ווארשא און געצאלט דערפאר א פרייוועט זשעט. דאס איז שוין אלץ געווען נאכן זיין ביים גרעניץ אזויפיל שעות און ווערן אזוי לאנג אויפגעהאלטן. ב"ה דער אויבערשטער האט געהאלפן און מען האט געברענגט א פיילאט, מען האט זיך געהויבן און אפגעפלויגן קיין אמעריקע. לכבוד דעם האבן מיר צוגעשטעלט באסעס אויפן וועג אהיים פארן עולם, צוליב דעם וואס מיר זענען אנגעקומען שפעטער ווי געפלאנט.

אייביג זענען דא פארמעסטונגען און אסאך מאל קען מען שפירן אז עס איז נישט מעגליך אנצוגיין. מען דארף אסאל מתפלל זיין אויף יעדע זאך. דער עיקר איז אז מען האלט זיך שטארק. יעדע זאך האט א לעזונג מען טאר נישט ווערן פארלוירן. מען פרובירט זיך צו האלטן און טון די בעסטע וואס מען קען, דאס איז די נקודה.

## וואס איז אייער געפיל ראש השנה אין אומאן וואוסענדיג אז איר האט געהאט א חלק ארויסצוהעלפן אזויפיל טויזענטער מענטשן צו אנקומען?

עס איז א דערהויבענע געפיל. איך וועל זאגן דעם אמת, אסאך מאל קום איך טאקע אן די לעצטע מינוט צוליב וואס איינער דארף דא בלייבן מאכן זיכער אז אלעס קלאפט, און איך זאג פארן רבי'ן די ווערטער: "קוק אהער איך האב טאקע נישט קיין ישוב הדעת, איך האב אבער געהאט די זכיה און א חלק אז טויזענטער מענטשן זאלן יא אנקומען מיט ישוב הדעת, בעט איך אז די ישוב






הדעת וואס איך האב נישט, זאל זיין א שטיקל מליץ יושר פאר מיר"

איך פיל עס פאר א מורא'דיגע זכיה. אויך ווען איך רעדט צום רבי'ן איז עס א זאך וואס איך קען קומען בעטן און זאגן: "קוק רבי איך האב אינוועסטירט אז מענטשן זאלן קומען מיט ישוב הדעת. די מענטשן האבן שוין גענוג מניעות און איך האב געטון די בעסטע וואס איך קען, בעט איך עס זאל זיין א שטיקל זכות פאר מיר איך זאל קענען ווייטער העלפן מענטשן, און אהיימנעמען וואס מען דארף אהיימברענגען פונעם רבי'נס ראש השנה".

## עס האט זיך שוין געמאכט אזעלכע זאכן אז מענטשן האבן געוואלט פארן די לעצטע מינוט און האבן שוין נישט מצליח געווען?

אויב איז שוין געווען גאר נאנט צום יום טוב דאן איז שוין געווען צי שפעט, אבער קיינמאל איז נישט געווען אזא זאך אז עס איז נישט געווען קיין פליגערס. אלעמאל איז דא, נאר די לעצטע מינוט ווען עס איז שוין צי נאנט צום יום טוב איז שוין נישט שייך, אבער כמעט אייביג איז געווען א וועג צו אנקומען.

איך וועל געבן א דוגמא פון פאר די מלחמה. איינער האט געוואלט מנדב זיין טיקעטס פאר 600 דאלער, האב איך אים געזאגט אז ער קען ברענגען דעם עולם קיין מאלדאווע. יעצט פארט דער עולם אפיציעל פון מאלדאווע, אבער עס איז אלעמאל געווען וועגן - אפילו אין די פריערדיגע יארן - פאר ווער עס האט נישט געוואלט צאלן קיין קיעוו-געלט, האט געקענט פארן פון מאלדאווע, מען דארף טאקע פארן 6-7 שעה אבער מענטשן זענען געווען גרייט דערויף.

עס איז אייביג דא א וועג אויב עס איז נישט צי נאנט צו שבת אדער יום טוב קען ער עס מאכן אויב ער איז גרייט זיך צו אנשטרענגען.

## וואס קענט איר פארציילן עפעס אינטערעסאנטע מעשיות וואס האבן זיך אפגעשפילט במשך די יארן?

מען קען רעדן און רעדן, נאר איין קורצע געשיכטעלע; פאראיר האבן מיר געהאט באנען אריין קיין אומאן, און כדרכנו האבן מיר צוגעשטעלט ברייט צו עסן צו די זעהט, דאס האט איבערגעלאזט א מורא'דיגע שמוץ. מיר האבן צוגעצאלט פאר מער ארבייטער מען זאל עס רייניגען, אבער אינדערמיט האט איינער ארויסגעלאזט בילדער פון דעם סאמאטוכע, וואס איז געגאנגען אויף אלע גוי'אישע אוקריינישע טשענעלס. דאס האט געפירט אז די ספעציעלע פלאץ וואס מיר האבן אפגעדינגען פאר מוצאי יום טוב אלס א קרעטשמע פאר די רייכע איינפאסטן האבן די אייגענטומער אונז אפגעזאגט ממש ערב יום טוב, און מיר האבן געדארפט ארבייטן גלייך אויף א נייעם פלאן. ב"ה עס האט זיך מורא'דיג שיין אויסגעשטעלט, אבער כהנה וכהנה, צרכי עמך ישראל מרובים, יעדער ברענגט זיינע צרכים ספעציעל אונטערוועגנס ווי דער מענטש האט נישט זיין ישוב הדעת, יעדע זאך קען אים שווער באריךן, אבער מען פרובירט אז אלעס זאל קלאפן אויפן העכסטן און שענסטן פארנעם.

## צום שלוס וואס קענט איר איבער געבן עפעס אנווייזונגען פאר מענטשן וואס פארן בפרט די ערשטע מאל, וואס דארף מען וויסן אויף די וועגן און אזוי ווייטער?

מען דארף וויסן און זיין גרייט אז אפילו אויב דיין חבר האט דיר געזאגט אז ער האט געמאכט אין אפאר מינוט די גרעניץ און פינעף שעה נאכן לאנדן איז ער שוין געווען אין אומאן, - א זאך וואס קען טאקע געשען, דארף מען אבער זיך אייביג גרייטן אויף די ערגסטע. אויב א מענטש גייט צו מיט פלענער און ערווארטונגען, ער גייט פארן דא און מאכן אזוי, קען ער צום סוף בלייבן שטעקן צי פרי אדער צי שפעט.

ווען עס קומט צו אומאן דארף מען אוועקלייגן אלע ערווארטונגען ווען מען דארף אנקומען קיין אומאן. ווען מען קומט אן איז אויך באשערט. מען קען פרובירן די בעסטע השתדלות, די בעסטע קאמפאניס און אזוי ווייטער מען דארף אבער וויסן אז עס איז באשערט.

אויך ברויך מען וויסן, אז די פארן אויף די וועגן איז א חלק פון די תיקונים וואס מען דארף דורכגיין. פונקליך וואו מען דארף גיין, זיך אפשטעלן מאכן אן אשר יצר און אזוי ווייטער. די רבי רעדט דערוועגן אז אסאך מאל אידן פארטריבען אויף א געוויסע פלאץ, וואס איז פשט פון דעם גירוש? נאר אידן האבן געענדיגט פאררעכטן וואס זיי דארפן אויף יענעם פלאץ, יעצט דארפן זיי גיין צו א צווייטע פלאץ צו מאכן זייערע תיקונים דארטן.

די זעלבע זאך איז מיט די וועגן דא, עס איז א חלק פון די תיקונים. די טורח הדרך און דאס אז מען דארף זיך אפשטעלן אויף א פלאץ און ווערן אפגעהאלטן ערגעצוואו. אלעס האט חשבונות און די מענטש האט תיקונים וואס ער דארף דורכגיין. ווען א מענטש ווייסט אז דאס איז א חלק פון זיין תיקון ווערט ער נישט אזוי אנגעצויגן. ער ווייסט אז עס נעמט ווי לאנג עס נעמט, מען נעמט מיט אויפן וועג וואס צו טון צו לערנען, ליינען און דאס גלייכן.

מען דארף זיין גרייט אויף די שוועריגקייטן און נישט לעבן מיט קיין ערווארטונגען אז ביז אפאר מינוט זענען מיר דארט, און נאכדעם ווערן אנטוישט און פארלירן דעם אפעטיט צו קומען נאכאמאל.

**ר' ישראל ענדיגט צו:**

"א הערצליכן דאנק פארן געבן די געלעגנהייט ארויפצוקומען אויף אייער הייליגע פלאטפארמע און אויפדעקן אביסל איבער די פעולות וואס ווערן געטון פארן הייליגן רבי'נס ראש השנה. דער אויבערשטער זאל העלפן אז אלע זאלן פארן בשלום און אהיימקומען בשלום און מיטנעמען אלע השפעות אויף א גאנץ יאר און זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה."

אמן. א גרויסן ש'כח פאר אייך, פארן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט מיטצוטיילן מיט די ליינער אייערע וואוילטעטיגע אויפטועונגען און אייערע באמיאונגען צו פארגרינגערן פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. דער אויבערשטער זאל אייך געבן כח אנצוגיין ווייטער מיט אייער עבודת הקודש.

**מיר שטעלן זיך אויף פונעם שמועס אינגאנצן איבערגענומען מיטהאלטענדיג פון די נאנט די ברייטפארצווייגטע אומאן ראש השנה פראיעקט וואס ווערט אהערגעשטעלט דורך פלען איט רייט. עס איז גאר אינטערעסאנט צו הערן אז שוין פון א יאר פריער הייבן זיך אן די פיבערהאפטיגע הכנות צום קומענדיגן ראש השנה, אנדעקן איבער די פילע שטרויכלונגען און שוועריגקייטן וואס באגלייט די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש אין לויף פונעם יאר. עס בלייבט נישט מער ווי צו וואונטשן פאר אלע אידן מען זאל אנקומען גרינגערהייט צום הייליגן רבי'ן און אויס'פועל'ן א גוט געבענטש יאר.**


Plan it Rite
א זיסע און לעכטיגע יאר,
אין יעדע דעסטענאציע.
ash @ pinexteam



# תיקון הכללי

# נוסח לעלוב

די שטענדיגע וואונדערליכע התקשרות פון האדמו"ר הגה"צ **רבי שמעון נתן נטע בידערמאן זצ"ל** צום הייליגן רבי'ן, וואס האט זיך ארויסגעוויזן א גאנץ יאר און איז אין די טעג פון ראש השנה איינגעפלאמט געווארן מיט א פלאם פייער | טראץ זיינע שוועריגקייטן מיטן אטעמען און זיין שווערע מצב, האט רבי שמעון איסגעוועלט יאר יערליך צו וואנדערן אינאיינעם מיט צענדליגע טויזנטער חסידים וואס פארן קיין אומאן ראש השנה צו מקיים זיין רצון צדיק | די ספעציעלע 'בר מצוה מתנה' וואס ער האט געבעטן די טאג וואס ער איז אריין לעול התורה והמצוות | די זעלטענע אויסדרוקן און די באהאלטענע שייכות פון בית לעלוב צום הייליגן רבי'נס זאך

אהרן אייזנבאך
געשריבן דורך: נ. שווארץ


תקון
טז א מִכְתָּם לְדָוִד,
חָסִיתִי בָךְ:

**והזהיר לעשות כרוז שכל מי שסר אל משמעתו ומקורב אליו יהיה על ראש השנה אצלו (חיי מוהר"ן אות תג).**

א לעבעדיגעביישפיל פון מסירות נפש צו מקיים זיין דעם הייליגן כרוז, איז געווען די נסיעה פון האי נפש נקי וצדיק כ"ק אדמו"ר מלעלוב–ביתר זצ"ל. מיט דעם וואס ער איז געשטאנען אין די הנהגה פון עדת קהל מרעיתו און כאטש זיין שוואכן געזונט צושטאנד, האט ער געזען פאר ריכטיג צו מקיים זיין בתמימות ופשיטות די ציווי פון הייליגן רבי'ן, צו זיין ביי אים אויף ראש השנה.

דעריבער איז נישט מער ווי פאסיג שטייענדיג פאר ראש השנה, צו פאראייביגן אויפן פאפיר א קליין ביסל פון זיינע הייליגע לעבנס טעג וואס איז געווען איין שטיק התקשרות צום צדיק האמת מיטן גאנצן זעהל. דער פרט פון זיין נסיעה אויף אומאן איז על הכלל כולו יצא און דינט אלץ באגלייבטע עדות אויף זיין וואונדערליכע לעבן פון א שטארקע התקשרות און דביקות אינעם הייליגן רבי'ן, פון זיין פריערסטן יונגנט ביז זיינע לעצטע מינוטן.

## א ירושה פון זיין הייליגע ווירע

גאר א דערהויבענע דמות איז געווען כ"ק אדמו"ר הרה"צ רבי שמעון נתן בידערמאן זצוק"ל מלעלוב–ביתר, ער איז באקאנט מיט זיינע איידעלע מידות און איבערהויפט האט זיך דערקענט ביי אים די מידת האמת וואס איז געווען די נר לרגליו, מיט זיין גרויס השתוקקת איז ער נאכגעלאפן יעדע פינטל פון אמת און טאקע די ביקוש האמת האט אים געברענגט זיך צו שיצן אינעם שאטן פונעם הייליגן בוים, טרינקען פונעם וואסער פונעם נחל נובע, און זיך אינגאנצן מבטל זיין צום צדיק האמת.

דער קשר פונעם הייליגן לעלובער רבי זי"ע האט זיך שוין אנגעהויבן פון זיין הייליגן זיידע הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, וואס איז כידוע געווען גאר שטארק מקושר מיט די הייליגע ספרים פונעם רבי'ן. זיינע ווערטער און עבודות זענען געווען באהאלטן און פארשטעלט פון מענטשן פון די וועלט, און אויב ביי אלע זיינע זאכן איז געווען אזוי, אוודאי ווען עס רעדט זיך פון אזא דערהויבענע אינערליכע קשר.

## זיך איינגעקוקט אינעם הייליגן בענקל מיט א פלאם פייער

א באהאלטענע עבודה האט דער דערהויבענע צדיק פארמאגט, יאר יערליך אינעם טאג 'תשעה באב' ווען כלל ישראל טרויערט און קלאגט אויפן חורבן בית קדשינו ותפארתינו, פלעגט ער ארויפגיין אין בית מדרשינו הגדול אין מאה שערים, זיך דערנענטערן צום הייליגן בענקל פונעם הייליגן רבי'ן וואס געפונט זיך דארט, און א לענגערע ווייליע האט ער זיך איינגעקוקט דערויף זייענדיג איינגעהילט אין א פלאם פייער. פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין זיינע געהויבענע עבודות, אבער ווען איינער פון זיינע מקרובים האבן אים אנגעפרעגט דערויף האט ער געענטפערט אז "הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע איז געווען פון די איינציגסטע צדיקים וואס האבן עוסק געווען אין קירוב הגאולה און ביאת משיח צדקינו דורך ארץ ישראל".

זיינע שטוב מענטשן האבן עדות געזאגט אז ער פלעגט אסאך עוסק זיין אינעם ספה"ק ליקוטי מוהר"ן וועלכע איז נישט אראפ פון זיין טיש, א געוויסע תקופה פלעגט ער אפילו פארלערנען דערין ביי יעדן סעודת שבת פאר די אנוועזנדע, אין א געלעגנהייט האט ער זיך אויסגעדרוקט אז אין איין בלאט פון ליקוטי מוהר"ן קען מען טרעפן א תמצית פון אסאך ספרי חב"ד!

הגה"ח רבי בן ציון גראסמאן שליט"א פארציילט אז ער האט געהערט פון הגה"ח רבי בן ציון אפטער זצ"ל אז אמאל ווען עס איז אים שווער געווארן א טיפע ענין אין ליקוטי מוהר"ן, האט ער זיך געוואנדן צו רבי משה מרדכי זי"ע און ער האט ערקלערט דעם רבי'נס דיבורים בטוב טעם ודעת.

א זעלטענע אויסדרוק איז געהערט געווארן פון אים אויפן הייליגן רבי נתן זי"ע זאגנדיג אויף אים: "ער איז געווען דער גרעסטער בעל מח אין חסידות..."

ביי א ברית פאר זיין אייניקל א זון פון האדמו"ר רבי אלתר זצ"ל האט ער געהייסן געבן א נאמען "נחמן" נאכן הייליגן רבי'ן. (היינט איינע פון די באקאנטע משפיעים הרה"צ רבי נחמן בידערמאן שליט"א).

## די בר מצוה מתנה

פון דעם הייליגן אפשטאם האט אויפגעשיינט די ליכט פון האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע זי"ע, אינעם טאג ל"ג בעומר תש"כ, צו זיין טאטע האדמו"ר רבי אברהם שלמה זי"ע מלעלוב, וואס ער איז געווען די עלטסטער זון און ממלא מקומו פון האדמו"ר רבי משה מרדכי זי"ע.

אין די אינגע יארן האט זיך רבי שמעון נתן נטע געדרייט ביי זיין גרויסן זיידן הרה"ק רבי יהודה זונדל האגער זי"ע מסאווראן. ער האט געוואוינט בשכינות פון הרה"ח רבי אברהם נחמן שמחה וויצהענדלער זצ"ל און האט מיט אים אסאך פארברענגט און ארומגערעדט פונעם תכלית און פון די גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן. רבי שמעון זוכנדיג דעם אמת מיטן גאנצן הארץ איז געווארן אנגעווארעמט הערנדיג די דיבורים און אנגעהויבן לערנען די ליכטיגע ספרים פונעם רבי'ן און גיין אין זיינע



א באהעלטענע קשר צו חסידי ברסלב. האדמו"ר ר' משה מרדכי מלעלוב זיע"א



איש קדוש וטהור. רבי שמעון נתן נטע
ביים זיך משתתח זיין אויף קברי צדיקים

ווענן.

אינעם טאג פון זיין בר מצוה האט אים זיין פאטער הרה"ק רבי אברהם שלמה געפרעגט וועלכע מתנה ער דארף, האט ער געענטפערט אז ער וויל פארן קיין אומאן... אין יענע יארן ווען די טויערן פון רוסלאנד און אוקריינע זענען געווען פארשלאסן איז דאס נישט מעגליך געווען, אבער שפעטער ווען די קאמוניסטישע רעגירונג איז בטל געווארן האט ער אנגעהויבן פארן קיין אומאן אויף ראש השנה און אין געוויסע יארן האט אים זיין טאטע אויסגעצאלט די קאסטן פון די נסיעה.

אין זיינע בחורישע יארן האט ער אסאך עוסק געווען אין הייליגן רבי'נס ספרים און אין די ספרים פון הייליגן ר' נתן. אויך שפעטער אלץ אינגערמאן האט ער פארגעזעצט צו גיין אין די לעכטיגע וועגן פון הייליגן רבי'ן, ער האט פיל עוסק געווען אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן אויף אזוי וויית אז זיינע נאענטע האבן עדות געזאגט אז ער האט דאס געקענט אויף אויסענווייניג פונעם אנהויב ביזן ענדע.

## אין ברסלב האט איך געטראפן דעם הארץ

ווען איינער א דערהויבענע איד פון א געוויסע קהילה האט אים פרובירט צו שלעפן צו זיין פלאץ, האט ער זיך איידעלהייט ארויסגעדרייט פון אים. ווען יענער האט אים געפרעגט וואס ער האט געטראפן אין ברסלב, האט ער געענטפערט: "אין ברסלב האב איך געטראפן די הארץ..."

במשך א געוויסע תקופה האט ער געוואוינט אינעם געגנט 'רמת שלמה' אין ירושלים. דארטן האט זיך קובע געווען צו דאווענען יעדן שבת אינעם ארטיגן ברסלב'ן בהמי"ד, ווען מען האט אים געוואלט מכבד זיין ווי עס פאסט פאר א בנש"ק און א זון פון א חשוב'ע רבי, האט ער זיך אפגעזאגט מיט די גאנצע שטארקייט. טאקע די וואס האבן אים נישט געקענט איז נישט בייגעפאלן בכלל אז בנן של קדושים שטייט פאר זיי, צוליב וואס ער האט זיך אויפגעפירט ווי א פשוט'ע ברסלב'ע חסיד; ער האט געזאגט תיקון הכללי, געזיצן ביי די שיעורים אין ליקוטי מוהר"ן און ספורי מעשיות, גערעדט שיחת חברים און ארויס אין פעלד זיך מתבודד זיין.

שפעטער ווען ער איז אריבער וואוינען אין ביתר, האט ער געדאוונט בקביעות אין בהמי"ד הנקרא על שם הצדיק "עטרת הנחל" וואס איז געגרינדעט געווארן אין יענע יארן. דארטן האבן אנשי שלומינו געהאט די זכיה צו הערן פון אים גאר וואונדערליכע געשמאקע שיעורים אין ספה"ק 'ליקוטי מוהר"ן' אין די וואכן טעג. אזוי אויך אין די שבתים פלעגט ער צומאל איבערגעבן די שיעור אין ספה"ק סיפורי מעשיות שבת אינדערפרי, אדער די שיעור אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן ביי שלש סעודות, ווי די מנהג ביים אנ"ש אומעטום.

ווען זיינע משפחה מיטגלידער האבן אים געפרעגט אויב ער איז געווארן א ברסלב'ער, האט ער זיך צוקאכט און אויסגעשריגן: "זיך צו רופן א ברסלב'ער חסיד איז נישט קיין דבר של מה בכך, איך ציטער און פארכט זיך און איך וויים נישט אויב איך בין בכלל ראוי צו ווערן אנגערופן בשם ברסלב'ער חסיד..."

> "זיך צו רופן א ברסלב'ער חסיד איז נישט קיין דבר של מה בכך, איך ציטער און פארכט זיך און איך וויים נישט אויב איך בין בכלל ראוי צו ווערן אנגערופן בשם ברסלב'ער חסיד..."

## אומאן ראש השנה

רבי שמעון נתן נטע האט אסאך געליטן אין זיין קורצע לעבן זייענדיג געלעמט רח"ל אויף א טייל פון זיין גוף. אבער טראץ דעם ווען די אייזערנע פארהאנג איז געפאלן און די וועגן צום ציון הקדוש האבן זיך געעפנט, האט ער זיך מוסר נפש געווען צו פארן ראש השנה קיין אומאן.

אין די ערשטע יארן נאך וואס די וועגן האבן זיך געעפנט, האבן די רייזנדע געדארפט אליינס מיטברענגען מיט זיך כשר'ע עסן פראדוקטן. צוליב זיין גרויס שוואכקייט האט ער נישט פארמאגט די מעגליכקייט זיך צו שלעפן מיט עסן, האט ער זיך פארלאזט אויפן באשעפער אז ער וועט אים שיקן זיינע געברויכן. ער האט גענומען מיט זיך נאר א טעפל מיט א שיסל פאר 'נעגל וואסער', א ספר 'משנה ברורה' און א ספה"ק 'ליקוטי מוהר"ן'.

א הייליגע מנהג האט ער פארמאגט אין אומאן, ער האט זיך נישט געלייגט שלאפן אין קיין בעט די נאכט פון ראש השנה. אין לויף פונעם נאכט איז ער געזעצן און עוסק געווען אין לערענען 'ליקוטי מוהר"ן' מיט א געוואלדיגע חיות. ער האט זיך ניטאמאל באדעקט מיט א דעקע, טראץ די ביטערע קעלט, צוליב א חשש פון שטענז. די זאך האט געווירקט אויף זיין געזונט, פיל מאל האט ער געליטן פון א לונגען אנטצינדונג נאכן זיך צוריקקערן קיין ארה"ק.

## ביים קיבוץ ווי א פשוט'ע מענטש

מה נהדר איז געווען די וואונדערליכע מראה, ווען רבי שמעון נתן נטע זי"ע האט זיך משתתף געווען ביים קיבוץ אייניג מיט אלעמען, אזוי ווי איינע פון אנשי שלומינו. ער האט געגעסן די סעודות צוזאמען מיטן גאנצן ציבור, זיך משתתף געווען מיט אלעמען מיט שיחות חברים מלב אל לב, ווען זיין געזיכט לייכט מיט א טוב לב און ער נעמט אויף יעדעם בסבר פנים יפות.

אויך אין די יארן וואס ער האט געדינט אלץ אדמו"ר, און זייענדיג אין ארה"ק איז ער געווען ארומגענומען מיט חסידים און מעריצים, האט ער בשום אופן נישט צוגעשטימט מען זאל אים באדינען און זיך באגיין צו אים ווי א רבי ווילנדיג אין אומאן. ווען עמיצער האט אים איבערגעגעבן א צו ליינען א קוויטל האט ער זיך אנגערופן: "ווי קען איך נעמען קוויטלאך אויף דעם פלאץ, דער 'הייליגע רבי'



אין אומאן גיט מען די קוויטלאך פאר רבי נחמן.
רבי שמעון נתן נטע ביים לייענען קוויטלעך

געפונט זיך דאך דא..."

איינע פון די יארן ביים זיך צוריקקערן פון אומאן נאך ראש השנה, האט איינער פון אנ"ש אים געבעטן ער זאל אנוואונטשן זיין זון פאר א זיווג הגון. רבי שמעון נתן נטע האט זיך פארוואונדערט: "נאך וואס דו האסט זוכה געווען צו זיין ביי אזא גרויסע רבי, דארפסטו נאך א ברכה פון מיר?!"

עס האבן זיך געמאכט אויך געוויסע יארן וואס צוליב זיין שווערן געזונט צושטאנד איז ער געווען געצוואונגען נישט צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. די זאך האט אים געשאפן גרויס עגמת נפש, ער האט זיך אויסגעדרוקט מיט א פארווייטאגט הארץ אז ער פארפעלט צו זיין ביים קיבוץ הק' נאך צוליב פיקוח נפש ממש. איינע פון די יארן האט ער גאר משלים געווען די נסיעה יו"ט שבועות, וואס איז אויך גערעכנט אלץ א זמן התקבצות ביים הייליגן רבי'ן.

אויך זיינע קינדער – צווישן זיי בנו ממלא מקומו האדמו"ר שליט"א – האט ער גענומען אויף אומאן איידער זיי זענען געווארן זיבן יאר, אזוי ווי די הבטחה פון הייליגן רבי'ן אז ווער עס קומט צו אים פאר די זיבן יאר וועט זוכה זיין צו זיין אפגעהיטן פון עבירות.

## איבן שטול פון אדמורו"ת מיט א ביטול צום הייליגן רבי'ן

נאכן פטירה פון זיין טאטע אינעם טאג ט"ז שבט יאר תש"ס, האט ער אפגעזאגט צו ערפילן זיין פלאץ מיטן אננעמען די עול פון די הנהגה. אבער נאך פילע געבעטן פון די חסידים און אנשי מעשה, האט ער איינגעשטימט דערויף און זיינע חסידים און מעריצים זענען אנגעקניפט געווארן אין אים בעבותות אהבה, אויך פילע אידן פון חוץ לארץ האבן אים אנגענומען אלץ זייער רבי און וועג ווייזער.

אויך אין די טעג דינענדיג אלץ מנהיג עדה בישראל, האט ער ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש מיט א גענצליכע ביטול צום הייליגן רבי'ן. ווען מען פלעגט אים פרעגן ווי אזוי איז געווען די מנהג אין לעלוב ביי די זאך וכו' האט ער נישט איינמאל געענטפערט: "בעסער פרעגסטו מיר ווי אזוי עס איז געווען די מנהג אין ברסלב". ביים פירן טיש פלעגט ער פיל מאל בעטן די חסידים מען זאל אים פארלייענען פון ספה"ק 'ליקוטי מוהר"ן'.

ווי געזאגט אויך נאכן געקרוינט ווערן אלץ רבי האט ער פארגעזעצט מיט די נסיעות קיין אומאן אין די טעג פון ראש השנה, און זיך אויפגעפירט דארט ווי איינע פון אנשי שלומינו אן קיין שום גינוני כבוד און ראביסטיווע.

מיט א שוואכע קול האט ער געציילט די ווערטער און ארויסגעזאגט מיט זיינע לעצטע פארבליבענע כוחות: "נישט אזוי זינגט מען נאר אזוי..." אנהייבנדיג דערביי די ניגון פון אנ"ש ביי של"ס "ויזכו לראות בנים ובני בנים ברסלב'ע חסידים צדיקים יראים ושלמים..." אזוי ווי ער פלעגט זיך טאקע פירן יעדע וואך.

## די לעצטע ניגון

אינעם לעצטן תקופה אין זיין לעבן איז ער קראנק געווארן זיין לעצטן קרענק פון וועלכע ער איז שוין נישט אויפגעשטאנען. אויב במשך זיינע לעבנס טעג האט ער באוויזן צו באהאלטן זיין גרויסקייט און דערהויבענקייט, האט ער דארטן אין שפיטאל זייענדיג שוואך נישט געהאט די כוחות זיי עס צו פארהוילן און עס איז אנדעקט געווארן זיינע הויכע מדריגות מיטן פולסטן פראכט.

ליידענדיג שטארקע יסורים האט מען אים געדארפט געבן מעדעצינען צו באראויגן זיין ווייטאג, ער האט נישט מסכים געווען בשום אופן צו נעמען אינמיטן נאכט, צוליב א חשש אז ער וועט דורכדעם פארפאסן צו ליינען קריאת שמע אין צייט. אזוי האט ער מסכים געווען צו ליידען צו ביטערע יסורים, דער עיקר נישט צו קומען צו א חשש פון דערלייגן א מצוה.

ווען זיין קרענק האט זיך געשטארקט, זענען זיינע חסידים און מעריצים גערופן געווארן צו זיין מיט אים זיינע לעצטע שעות. זיין ליכטיגע געזיכט האט געשיינט ביז די לעצטע מינוט. די ארומיגע האבן אנגעהויבן מיט א חדרת קודש צו זאגן פסוקי וידוי, נאר אינמיטן האט זיך די מצב סטאבלאזירט, רבי שמעון נתן נטע האט זיך אויפגעוועקט אביסל און געעפנט זיינע אויגן. גלייך האבן די פארזאמלטע אויסגעפלאצט מיט א ניגון פון תקווה און תפילה אויף די ווערטער "ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות".

ווען עס זענען פארלאפן עטליכע מינוט איז ער גאווארן מער וואך און געוויזן מיט די האנט מען זאל אפשטעלן דעם ניגון. מיט א שוואכע קול האט ער געציילט די ווערטער און ארויסגעזאגט מיט זיינע לעצט פארבליבענע כוחות: "נישט אזוי זינגט מען נאר אזוי..." אנהייבנדיג דערביי די ניגון פון אנ"ש ביי של"ס "ויזכו לראות בנים ובני בנים ברסלב'ע חסידים צדיקים יראים ושלמים..." אזוי ווי ער פלעגט זיך טאקע פירן יעדע וואך.

אזוי האט ער אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן ארויסגעוויזן זיין צוגעבינדנקייט צום הייליגן רבי'ן. קורץ דערנאך אינעם טאג כ"ו אייר שנת תשס"ח לפ"ק – אינעם טאג וואס ער איז געווארן אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו 48 יאר פריער – האט ער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה און איר צוריקגעקערט צום לעטיגן גן עדן. זיין זכות זאל מגין זיין אויף אונז און גאנץ כלל ישראל אמן.

נאכן הערן די אויבערדערמאנטע סיפור פון הגה"צ האדמו"ר מלעלוב ביתר זי"ע, איז נישט מער ווי פאסיג צוצוצייכענען נאך עטליכע גדולי ישראל, רבנים, אדמורים און ראשי ישיבות וועלכע האבן דערהערט דעם רוף פונעם צדיק הדורות וואס האט אויסגערופן, אז ווער עס רעכנט זיך מיט זיינע ווערטער מוז זיין ביים אים אויף ראש השנה (חיי"מ תג). צו זייערע אויערן האט דערגרייכט דעם כרוז וואס האט שוין געשלעפט צענדליגע טויזענטער אידן פון אלע עקן וועלט. אלע סארטן נשמות ישראל – פון בארימטע גדולי תורה און דערהויבענע עובדי השם, ביז גאר נידריגע פארווארפענע נשמות, פון אלע קאלירן פון כלל ישראל וועלכע זענען א טייל פונעם 'קיבוץ' ראש השנה אין אומאן.

# מיר וועלן דא אראפברענגען טייל פון די גדולים וואס די איינצלהייטן פון זייערע נסיעות זענען באוואוסט און געווארן איבערגעגעבן מפי עדות נאמנים:

## הגה"ק רבי שמעון ישראל פאזען זצ"ל – אבד"ק שאפראן ובעל תורת אל"ף

צום ערשט וועט זיין שטוינענד מיטצוטיילן איבער די נסיעה פון א ווילאמסבורגער רב צום ציון פון הייליגן רבי'ן - דער שאפראנער רב וואס האט אויך געדינט אלס חבר אין התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדה, ווי אויך אלס ראש ישיבת סאטמאר אין ווילאמסבורג.

אין די יארן פונעם ביטערן ערשטע וועלטס קריג, ווען רבי שמעון ישראל איז געווען געצוואונגען צו דינען אין מיליטער, פארציילט זיין תלמיד הרה"ג רבי יצחק שלמה אונגאר זצ"ל (אין זיין ספר רשומים בשמך) אז אויף ראש השנה איז ער געקומען זיך משתתף זיין ביים קיבוץ הק' אין אומאן און זיך אויסגיסן דאס הארץ אויפן הייליגן ציון ערב ראש השנה.

עס איז גאר אינטערעסאנט צוצולייגן וואס הרה"ג רבי שמעי גרינבוים זצ"ל האט דערציילט, אז דער שאפראנער רב איז נתקרב געווארן צו חסידות דארט ווילנדיג צווישן אונזערע לייט אין אומאן צוזעהנדיג די מסירת נפש'דיגע עבודת השם פון די ברסלב'ע חסידים און דורכדעם איז ער אנגעקומען צו חסידות.

**מיר זענען אלע קראנק ברוחניות און בלויז דער הייליגער רבי נחמן איז דער איינציגסטער וואס האט צוגעזאגט צו פארעבטן ווער עס קומט צו אים און אים ארויסשלעפן פון שאול תחתית... און ווער איז דער רבי נחמן? א גרויסע הייליגער און פארבטיגער צדיק וואס אלע צדיקים האבן געציטערט פאר אים!**

## הגאון רבי שבתי יודלעבין זצ"ל – המגיד הירושלמי

דא גייען מיר אריבער צו גאר אן אנדער סארט. דער בארימטער מגיד פון ירושלים וואס איז ווייט נישט געווען קיין חסיד'ישער, אבער מיט די צוזאמפאל פון די סאוויעטן פארבאנד האט ער נישט געקוקט אויף זיין עלטער און שוואכקייט און נישט געשוינט אויף זיין כבוד און זיינע כוחות און געפארן אין יאר תשנ"א צום הייליגן קוואל דער נחל נובע מקור חכמה אויף ראש השנה.

עס איז פאסיג אראפצוברענגען א ווארט פון די פלאמפייערדיגע דיבורים וואס רבי שבתי האט גע'דרשנ'ט אין אומאן. ער האט ערקלערט אז מענטשן פרעגן אים פארוואס ער מוז פארן ביז אומאן, פעלט דען קברי צדיקים אין ארה"ק? דערויף האט ער געענטפערט ווי זיין שטייגער מיט א געשמאקע משל; א איד וואס פארט קיין חוץ לארץ און פרעגט זיך



פרסום ראשון

'היסטארישע בילד פון ר' שבתי יודעלעוויטש ז"ל אינעם בנין פונעם מעגימעטער אין אומאן'



היסטארישע בילד פון בנש"ק ר' משה בצלאל אלתר

נאך וואו מען קען אנקומען צו א געוויסע גביר פרעגט מען אים, רבי איד פעלט דען נישט קיין גבירים? פראוואס'זשע זוכסטו פונקט דעם גביר? קלערט ער זיי אויף, וואס זאל איך טוהן? דער גביר האט צוגעזאגט מיר צו העלפן און די אנדערע האבן נישט צוגעזאגט... האט רבי שבתי אויסגעפירט מיט זיין זיסע שפראך: מיר זענען אלע קראנק ברוחניות און בלויז דער הייליגער רבי נחמן איז דער איינציגסטער וואס האט צוגעזאגט צו פארריכטן ווער עס קומט צו אים און אים ארויסשלעפן פון שאול תחתית... און ווער איז דער רבי נחמן? אזא גרויסע הייליגער און פארכטיגער צדיק וואס אלע צדיקים האבן געציטערט פאר אים! נו? לוינט זיך דען נישט צו קומען קיין אומאן פון אלע עקן וועלט פאר סיי וועלכע פרייז צו באקומען אזא תיקון?! ווי פארשטענדליך האבן די פערל ווערטער געמאכט א געוואלדיגן רושם אויף די צוהערער.

## די קינדער פון הרה"ק השפת אמת מגור זי"ע – רבי משה בצלאל אלתר און רבי מנחם מענדל מפאוויניץ זצ"ל

רבי יצחק מענדל ראטנבערג ע"ה פארציילט, (אין א ריקארדינג פון שנת תש"ל וואס איז נאך דא צו באקומען היינט) איבער א אינטערעסאנטע ערשיינונג ביים קיבוץ אין אומאן אין די טעג פון די ערשטע וועלט מלחמה, נעמליך צוויי גרויסע זון פונעם הייליגן שפת אמת זצוק"ל האבן זיך באטייליגט ביים קיבוץ יענעם יאר.

אין יענע שווערע טעג זענען זיי פארוואגלט געווארן פון פוילן קיין וויטעפסק אין ווייס-רוסלאנד, און קיין מעגליכקייט זיך צוריקצוקערן קיין פוילן מיטהאלטן א דערהויבענע ראש השנה אין שאטן פון זייער גרויסן טאטן אין גור. ווען זיי האבן געהערט אז אין אומאן געפונען זיך פולישע אידן, האבן זיי געמאכט דעם לאנגן איינגעשטעלטן וועג קיין אומאן צו פראווען דארט די געהויבענע טעג פון ראש השנה מיט די ברסלב'ע חסידים ביים קיבוץ.

רבי יצחק מענדל לייגט צו, אז צו מוסף ראש השנה איז צוגעגאנגען רבי נחמן נעמירובער (אייניקל פון ר' נתן). נאכן דאווענען איז צוגעגאנגען צו אים הרה"ק רבי משה בצלאל, און אים געזאגט: "גלייב מיר איך האב געהערט אסאך גוטע בעלי תפילות אין גור, אבער אזוינס האב איך נאך נישט געהערט".

## הגאון רבי אברהם אלי' מייזעס זצ"ל – אבד"ק מינסק וראש ישיבת תורה ויראה.

א מערקווירדיגע זאך מערקט אן די פייערדיגע חסיד רבי שמואל הורוויץ זצ"ל שילדערנדיג זיין לעצטע ראש השנה אין אומאן. ער שרייבט אז יענעם יאר – ראש השנה תרצ"א - איז געקומען קיין אומאן דער רב פון מינסק, א וועלטס גאון וואס איז נישטא זיינסגלייכן אין גאנץ רוסלאנד!

אונטער די עדות'שאפט שטעקט א גאנצע מעשה:

רבי אברהם אלי' מייזעס זצ"ל איז געווען באקאנט אלץ א גדול בתורה ויראה אין יענע צייט. ער האט עוסק געווען אין פארשפרייטן תורה און אידישקייט און איז צוליב דעם געווען געצוואונגען צו אנטלויפן פונעם שטאט מינסק ווי ער האט געדינט אלץ רב. ער איז אנגעקומען קיין קרימענטשאג וואו ער איז איינגעשטאנען ביים ברסלב'ע חסיד רבי משה בער ראזענפעלד זצ"ל.

וויילענדיג דארט האט ער צוגעזעהן די דערהויבענע לעבנס שטייגער און זעלטענע עבודת השם פון ארטיגע ברסלב'ע חסידים. דער גאון מיט זיין מדת האמת האט שטארק געקלעפט צו די חבורה, אויף אזוי ווייט אז ווען די ברסלב'ע חסידים האבן געגרינדעט זייער אייגן שטיבל ביים עק שטאט נעבן טייך – נאך וואס זיי פלעגן זיך צוזאמנעמען אינעם שטאטישן בהמ"ד נאכן דאווענען רעדן פון רבי'ן און די מתנגדים וועלכע האבן נישט געקענט פארליידן זיי פארטריבן – האט רבי אברהם אלי' אויך אריבער דאווענען אינאיינעם מיט זיי.

א הייליגע מנהג האט רבי אברהם אלי' פארמאגט. יעדעס יאר אין די פערציג טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, די לעצטיגע ימי הרחמים והרצון, האט ער זיך אפגעזונדערט פון מענטשן און זיך פארשפארט ביי זיך אין צימער צו לערנען און דאווענען און אויסער דעם נישט ארויסגערעדט קיין שום ווארט פון מויל.

יענעם יאר וויילענדיג אין קרימענטשאג ווען עס האט זיך דערנעענטערט די הייליגע טעג און אנשי שלומינו האבן זיך אנגהויבן



רבי אברהם אליהו מייזעס בבריית בבית המדרש ברסלב בירושלים (גנזי הנחל)



ר מאיר רוקח (אנגעטון א שטריימל) בבתי מדרשנו בוילמסבורג

גרייטן מיט א ברען צום הייליגן נסיעה קיין אומאן, האט איינער פארגעשלאגן פארן גאון מיטצופארן מיט זיי. רבי אברהם אלי' טראץ זיינע געוואלדיגע רצונות, האט אבער געוואונקען אז דאס איז אוממעגליך צוליב זיין תענית הדיבור און זיין עבודת הקודש אין די טעג. דער חסיד אבער האט אים הייס מבטיח געווען אז ער וועט זארגן דערפאר אז ער זאל קענען אנהאלטן זיין מנהג אומגעשטערט. און טאקע ער האט צוגעשטעלט פארן רב א פארמאכטע וואגן אז ער זאל קענען ממשיך צו לערנען ווי אלע יארן. דער גרויסער גאון האט זיך ארויסגעלאזט מיט הייליגע געפילן און א ברענעדיג הארץ צום הייליגן ציון און זוכה געווען פון יענעם יאר און ווייטער צו זיין אין די הייליגע ימי' דין ביים קיבוץ הקודש אין אומאן.

## הגה"צ רבי מאיר רוקח זצ"ל - אב"ד קאזלאוו

דער בארימטער דערהויבענער רב פון בארא פארק האט זיך שוין באקענט מיטן רבי'נס זאך לערנענדיג אין ישיבת תורה ודעת צוזאמען מיט הרה"ג רבי הערשל וואסילסקי זצ"ל. פון דאן יארן אויף יארן איז ער ארומגעגאנגען מיט ברענענדיגע רצונות צו פארן צום הייליגן ציון אין אומאן. אפילו אין די יארן פון די קאמוניסטן האט ער באשטעלט א וויזע אויף א נסיעה צוזאמען מיט הרה"ג רבי שמואל צ'ציק זצ"ל אבער די מניעות האבן זיך געשטארקט און דאס איז נישט צושטאנד געקומען.

נאכן צוזאמפאל פון די אייזענע וואנט האט ער געהאפט און געווארט צו קענען פארן, ביז איינמאל אינמיטן יאר איז ער טאקע אנגעקומען קיין אומאן. פון דאן זעהנדיג די שוואכע מצב הרוחני פון די אידן אין אוקריינע האט ער גענומען אויף זיך די עול צו ראטעווען די ארטיגע אידן, ובפרט אין שטאט טשערנאוויץ האט ער איינגעלייגט גאר אינטענסיווע ארבעט צו הייבן די ניווא פון אידישקייט.

אין יאר תשנ"ד ווען ער האט געענדיגט בויען א מקוה אין טשערנאוויץ האט ער ספעציעל אויסגערעכנט אז די חנוכת הבית זאל אפגעראכטן ווערן אין די ימי הסליחות אזוי אז פארנדיג צום חנוכת הבית האט ער זיך אריבערגעכאפט אויף ראש השנה צו ווילן מיט דעם רבינ'ס קיבוץ די געהויבענע טעג.

עס איז אוממעגליך צו באשרייבן די געוואלדיגע רושם וואס די יום טוב האט משפיע געווען אויפן רב און זיין אויסערגעוועונליכע התרגשות האט נישט געהאט קיין עק. ער האט פון דאן אויסגעבענקט צו זיין נאכאמאל ביים רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, אבער זיין אומגעהויערע אחריות וואס ער האט געטראגן איבער זיין קהילה דינענדיג אלס בעל תוקע און בעל מוסף און נאך, האט אים דאס נישט ערלויבט.

עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען אז אין זיינע לעצטערע יארן ווען עס זענען ערשינען די ספרים פון להבחל"ח הגה"ח רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א "אוסף מכתבים" און הגרי"מ דערמאנט אים אין א בריוו האבן די ארויסגעבער אים באצייכנט אלס רבי מאיר רוקח - פארצייטנס געווען א ברסלב'ער חסיד און היינט צוטאגס קאזלאווער רבי. ווען רבי מאיר האט דאס געהערט האט ער זיך תיקף פארבינדן צו די ארויסגעבער און זיי געבעטן דאס צו פאררעכטן אז היינט איז ער אויך א ברסלב'ער חסיד...

## הארמו"ר מסאווראן הרב ישכר דוב האגער זי"ע

עס וועט אודאי זיין גאר אינטערעסאנט צו פארצייכענען א חסיד'ישער רבי אין ירושלים וואס האט זיך אויך באטייליגט ביים הייליגן קיבוץ. דער סאווראנער רבי האט זיך באקענט מיט ברסלב אין די יונגע יארן דורכ'ן זעהן פון די נאנט די עבודה פון רבי גדלי' קעניג זצ"ל. אין די שפעטערע יארן האט ער געהאט אויסטערלישע כיסופים צו פאלגן דעם רבי'ן און פארן קיין אומאן אויף ראש השנה ביז ער האט זוכה געווען צו פארן מיט א געוואלדיגער מסירת נפש נישט האבנדיג קיין געהעריגע פלאץ צו עסן און שלאפן. אבער פארט א גאנץ יאר האט ער זיך געפריידט דערמאנענדיג זיך די ליכטיגע ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן.

## הגאון רבי ארי' לייב קאפלאן זצ"ל הי"ד – רב פון קאסבריוו

עס וועט זיין אינטערעסאנט צו צוצייכענען איבער איינע פון די אנגעזעהענע רבנים אין רוסלאנד - פון די חשוב'סטע תלמידים


הרב אריה לייב קפלן

פון רבי ברוך בער זצ"ל - הגאון רבי אריה לייב קאפלאן, וואס האט זיך מוסר נפש געווען צו פארשפרייטן אידישקייט אונטער די קאמאניסטישן רעזשים. טאקע דערפאר איז ער געווען געצוואונגען ארומצוואנדערן איבער רוסלאנד זיך אויסצובאהאלטן פון די לאפעס פון די רעגירונג וועלכע האבן אים כסדר נאכגעפאלגט. אזוי איז דער רב אין א

העלן טאג – אין יאר תרצ"א – אנגעקומען קיין אומאן.

דער רב האט נישט געגלייבט וואס זיינע אויגן זעהן, אזא פארבריק פון אידישקייט פונקציאנירט מיטן פולסטן קראפט אונטער די נאז פון די פארשאלטענע קאמאניסטן. דער רב האט זיך נישט געקענט אפשיידן פון אונזערע לייט. ער איז פארליבן דארט אין אומאן עטליכע יאר, און ווי פארשטענדליך אויך אין די הייליגע טעג פון ראש השנה, אזש אין די יארן פון תרצ"ב און תרצ"ד האט ער אפילו געדינט אלץ בעל תוקע ביים הייליגן קיבוץ.

עס כדי צוצולייגן אז צוזאמען מיט אים איז אויך געקומען אויף ראש השנה זיין דערהויבענע איידעם הגאון רבי יצחק שמחה מקאבעצקי זצ"ל, דער זון פונעם חארקאווע רב, וואס האט שפעטער געדינט אלץ משגיח אין ישיבת מירון.

## הגאון רבי נחום קאהן זצ"ל הי"ד

הגאון רבי נחום קאהן הי"ד, איז געווען באוואוסט אלץ תלמיד חכם עצום, א חסיד און א עובד ה' מופלג, וואס האט געדינט אלס דיין און מורה צדק פון חסידי חב"ד אינעם שטאט חארקוב.

אזוי פארציילט רבי אברהם שטערנהארץ זצ"ל אין א בריוו, שידלערנדיג איבער דעם קיבוץ ראש השנה תר"צ אין אומאן: "עס זענען ברוך השם געווען עטליכע פרישע מקורבים, א רב פון חארקוב און נאך אנגעזעהענע אידן פון קרימענטשאג און עס איז זיי זייער געפאלן דעם גאנצן ענין, אזוי ווייט אז פיל פון זיי זענען פארבליבן אויך אויף יום כיפור".

אינעם כתב יד פון דער הייליגער חסיד רבי אהרן לייב ציגעלמאן זצ"ל געפונען מיר אים זיך אויסדרוקן אויף דעם רב, "ער איז א נייער מקורב און במשך די פיר יאר פון זיין התקרבות איז ער שוין געווען גאנצע זעצן מאל אין אומאן!"

אויך הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל פלעגט פארציילן פון דעם רב און זיין השתתפות ביים קיבוץ הקדוש יאר יערליך, טראץ וואס ער האט זיך גערעכנט פון די חב"דסקע חסידים. ער האט צוגעלייגט אן אינטערעסאנטע אנעקדאט, אז ער האט געהאט יארצייט צום גדלי' און ער האט געדאווונט פארן עמוד. אלע זיינע תפילות זענען געווען אויף דער נוסח פון חב"ד, און קיינער האט אים קיינמאל נישט געפונען פאר וויכטיג אנצומערקן דערויף.

## הגאון רבי יצחק זילבער זצ"ל

פון די גרויסע מוסרי נפש צו איינהאלטן תורה ומצוות אין די קאמוניסטישע רוסלאנד איז הגאון רבי יצחק זילבער זצ"ל – און יא! אויך ער האט זוכה געווען צו פארן צום הייליגן קיבוץ אויף ראש השנה תש"ל. א נישט גרינגע נסיעה פון די פארשטופטע שטאט "טאשקענט" אין אוזבעקיסטאן, וואו ער האט זיך דעמאלט געפונען. פאלגנד זענען געציילטע געשמאקע ציטאטן פון זיין בוך "בלייבן א איד" :

יענע יאר זענען די ברסלב'ע חסידים געפארן פון טאשקענט קיין אומאן אויף ראש השנה און איך בין מיטגעפארן מיט זיי. מיר זענען געפארן מיט א באן ביז קיעוו און פון דארט איז געווען געפלאנט פארצוזעצן מיט א קאר. זייענדיג 10 מענטשן האבן מיר זיך אנגעשטויסן אין א פראבלעם. איין אויטא איז נישט גענוג און צוויי וועט גאנץ מעגליך כאפן אן אויג. אויסערדעם איז געווען שווער צו טרעפן אין די געגנט באגלייבטע שאפערס. די גרופע אבער זענען געווען גרייט צו טון אלעס אין די וועלט אנצוקומען צו זייער ציל.

האבן מיר זיך אריינגעזעצט אין איין קאר ליגנדיג איינער אויפן אנדערן און אזוי זענען מיר געפארן טראץ די שוועריקייט. דאס איז נישט געווען קיין נסיעה פון א פערטל שעה, דאס האט געדויערט לאנגע שעות. מיר זענען ארויסגעפארן אין א פריע צופרי שטונדע און מיר זענען אנגעקומען אין שפעטע שעה ביינאכט.

אין אומאן האבן מיר געפלאנט צו פייערן די הייליגע טעג פון ראש השנה (דאנערשטאג און פרייטאג) און שבת קודש. דאס וויילן אין אומאן איז בכלל נישט געווען פארזיכערט. נישט איינמאל איז אנגעקומען די פאליציי און אנגעהויבן נאכפארשן ווער עס געפינט זיך דארט. זיי האבן אויך פארבאטן פאר די פרוי וואס אין איר הויז זענען על פי רוב איינגעשטאנען פרעמדע אידן, צו אריינעמען געסט. אבער צו אונזער מזל, א שטיק צייט באפאר אונזער קומען האבן באזוכט אויפן ארט עטליכע אידן פון אמעריקע און די רעגירונג אליין האט געבעטן די פרוי זיי אריינצונעמען. זי האט זיך נישט געלאזט זיך וואונדערנדיג: "געוויסע געסט מעג איך יא אננעמען און אנדערע נישט?" און צוליב דעם איז בטל געווארן דעם איסור וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף איר. זי איז געווען גרייט אריינצונעמען געסט אלץ הכרת הטוב – אויף דעם וואס איר טאכטער איז געווען קראנק בנפש און רבי יחיאל מיכל דארפמאן האט איר געגעבן א געוויסע מעדעצין וואס איר מצב האט זיך פארבעסערט צוליב דעם.

מיר זענען געשלאפן אין א הויז וואס איז געווען ווייט פון אן האטעל. מיר זענען געשלאפן צושטופט אויף די ערד מיט גאר שווערע מאסנאמען. לגבי עסן האט גראדע געשפילט אונזער מזל אז איינע פון די וואס זענען געקומען מיט אונז – יעקב גאלאנט – האט געקענט שחט'ן . דאס איז געווען די ערשטע מאל פאר מיינע מיטרייזנדע וואס עס איז זיי ערמעגליכט געווען צו עסן פלייש אום ראש השנה.

און אזוי האבן מיר געדאווענט צוזאמען און פארברענגט צוזאמען דעם יום טוב און שבת. ווען מיר האבן געענדיגט פראווען די סעודת מלוה מלכה אין אומאן האבן זיך די חסידים אויפגעהויבן און געטאנצן מיט א פייער "טייערע ברודער הארציגע ברודער ווען וועלן


הגאון רבי יצחק זילבער



הרב בנימין בצרי

מיר זיך נאכאמאל זעהן? אז דער באשעפער וועט געבן געזונט און לעבן וועלן מיר זיך ווייטער זעהן..."

מוצאי שב"ק נאך הבדלה און מלוה מלכה האבן מיר פארלאזט אומאן מיט א שמחה און צוריקגעפארן קיין קיעוו. שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט אז א קורצע צייט נאכן פארלאזן די שטאט זענען די פאליציי אנגעקומען, אבער ברוך השם מיר זענען שוין נישט געווען דארט.

## הגאון הרב בנימין בצרי זצ"ל

איצט וועלן מיר בסייעתא דשמיא אויפוויקלען איבער א גרויסער ספרד'ישער גדול, דער מייסד און פירער פון די חרד'ישע שטעטל אין באר שבע, וואס אויך אים טראגן זיין ספרד'ישער אפשטאם האט דער רבי מיט זיין מאגנעטישער כח המושך געשלעפט צו



הרב משה סאקס

זיך!

הרב בצרי האט זיך באקענט מיט די הייליגע תורות פונעם אור האורות און דאס אויך ווייטער פארשפרייט און פארגעלערנט פאר זיינע פילע תלמידים. פאר איבער 30 יאר צוריק האט רבי בנימין זיך אויפגעהויבן צום ערשטן מאל און געפלויגן צום רבי'ן אויף ראש השנה. ער האט געהאט דערויף פילע שוועריקייטן סיי פון זיין גאר חשוב'ע און מיוחס'דיגע משפחה אין ירושלים און סיי פון זיין שטעטל וואס ער האט געדינט אלס פאן טרעגער דורך זיינע שיעורים און פעולות. אבער די אלע שוועריקייטן האט נישט אפגעהאלטן דעם גאון פון צוהערן די בפירוש'דיגע אזהרה פונעם צדיק הדורות.

אזוי איז ער געפארן מיט נאך געציילטע אידן פון באר שבע. אין אומאן האט דער געהויבענער רב און משפיע זיך אראפגעלאזט זיך צו מצרף זיין מיטן גאנצן קיבוץ און געדאווענט די הייליגע תפילות מיטן גאנצן ציבור אין די ספרד'ישע קלויז. דער רב איז צוריקגעקומען פון אומאן מיט גאר איבערגענומענע געפילן. ער האט אנגעהאנגען זיין גאנצע הצלחה אין עבודת השם און סייעתא דשמיא מיט זיין קהילה במשך די יאר אין די כח הצדיק וואס באגלייט אים אין זכות פונעם זיין ראש השנה אין אומאן.

פון דאן איז הרב בצרי געפארן יאר נאך יאר צום רבי'ן און אויך מיטגענומען זיינע קינדער. יעדע יאר זענען מיטגעפארן מער און מער פון זיינע תלמידים און ארומיגע. ביז אין זיינע לעצטערע יארן האט מען אנגעפילט א פליגער בלויז פון זיינע תלמידים. היינט צוטאגס פארן טויזענטער אידן פון באר שבע קיין אומאן אויף ראש השנה.

## הגאון רבי יואב בשארי זצ"ל

מיר וועלן צולייגן בסייעתא דשמיא די וואונדערליכע סיפור פון א ספרד'ישער גדול דער גרויסער תלמיד פון הגאון רבי יורם אברג'יל, וואס אויפן באפעל פון זיין רבי האט ער געעפענט כוללים אין באר שבע. רבי יואב האט געווארט 10 גאנצע יאר צו האלזן נאך א קינד. דאן האט ער זיך דערוואוסט די גאוואלדיגע גרויסקייט פון זיין ראש השנה אין אומאן און טאקע געמאכט די ריכטיגע החלטה און געפארן. צום יאר איז ער צו אלעמענס שטוינונג געהאלפן געווארן מיט א צווילינג. פון דאן ביז זיין פטירה פאר 18 יאר, איז ער יאר יערליך געפארן צום רבי'ן און אויך געשטופט זיינע תלמידים צו פארן.

## הגאון רבי משה סאקס זצ"ל – ראב"ד קהילת היריאים ורב קרית מאטערסדארף

נאך א גרויסער גאון פון ארה"ק איז רבי משה סאקס וואס האט אויך געדינט אלס ראש ישיבת נאדבורנא אראד אין חיפה.

דער גאון האט זיך דערוואוסט דורך להבחל"ח הר"ר נתן בורשטיין שליט"א איבער די הייליגע הבטחה פונעם רבי'ן פאר די וואס קומען צו זיין ציון און דער חשוב'ער דיין האט דאס ווי פארשטענדליך בשום אופן נישט געוואלט פארפאסן. ער איז געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה און דארט אויך פארגעלערנט א שיעור אין הלכה און איז געווען גאר פריילך אז ער האט זוכה געווען דערצו.

די ליסטע איז נאך לאנג פאראהאן נאך פילע גדולים וואס מען ווייסט איבער זייערע נסיעות און מסתמא אויך אזעלכע וואס מען ווייסט נישט. דאס איז אויסער די אומצאליגע צענדליגע גדולי ישראל וועלכע האבן זוכה געווען זיך צו משטחח זיין אויפן הייליגן ציון אינמיטן יאר, וואס דאס איז נישט שייך אפילו צו אויסרעכענען.

**עס איז בלויז געבליבן צו ענדיגן מיט די זיסע דיבורים פון דער הייליגער רבי נתן (ליקוטי הלכות הל' פקדון ה---) אז דעריבער לייענט מען פרשת נצבים בעפאר ראש השנה צו מרמז זיין אז אלע סארטן אידן פון אלע דרגות - פון די העכסטע ביז די נידריגסטע - וואס אלע ווערן אויסגערעכנט אנהייב פרשת נצבים, די אלע דארפן זיין אין ראש השנה "נצבים לפני השם אלוקיכם" שטיין פארן הייליגן באשעפער, וואס דאס איז מען זוכה דורכ'ן פארן צום צדיק אויף ראש השנה!**

**ווייל יעדע איינער פון גרויס ביז קליין מוז צוקומען צום הייליגן רבי'ן און זיין ביי אים ראש השנה!** ■




# ספרה נא לי את הגדולות

אברהם שמחה האלד



שטווינענדע
שפאנדע
געשיכטעס פון

# וואונדערליכע
# מופתים

**וואס האבן זיך
ווירקליך אפגעשפילט
ביים הייליג׳ן רבי׳נס
ציון אין אומאן**

ערשטהאנטיג
איבערגעגעבן מפי
די בעלי המעשה

## א וואונדערליכע מעשה וויאזוי א אידיש קינד האט זיך צוריקגעקערט דורך דעם רבינ'ס ציון

א מעשה פלא האט מיר דערציילט דער בעל המעשה און איך וועל עס איבערגעבן וויאזוי ער האט מיר עס דערציילט:

פאר צוויי יאר צוריק בין איך געקומען צום רבינ'ס ציון אינמיטן יאר, און גייענדיג אין מקוה פארן אריינגיין צום רבינ'ס ציון האב איך באגעגנט א אמעריקאנער אינגערמאן, און זעהענדיג אז ער איז א היימישער, האב איך אנגעהויבן א שמועס מיט אים.

פרעג איך אים 'פארוואס ביסטו דא? ביסט א ברסלבר?'. האט ער מיך געענטפערט א תשובה וואס איך האב געמיינט אז איך פאל אראפ... ער זאגט מיך אז ער פלאנט ניטאמאל אריינצוגיין צום רבינ'ס ציון... ער איז דא בכלל נישט געקומען פאר דעם. ער איז דא אינגאנצן 'בטעות'. ער איז ליידער א אפגעפארענער, און ער דרייט זיך ארום אין אייראפע פאר נישטיגקייט. און יעצט איז ער אנגעקומען מיט א פליגער קיין קיוב, און ער האט געהאט אין פלאן דארט איבערצונעכטיגן די נאכט. האט ער גענומען א טעקסי פונעם לופטפעלד און זיך ארויסגעלאזט צו א האטעל אין קיוב.

ווי נאר ער איז אריין אינעם טעקסי, איז ער טיף איינגעשלאפן, און דריי שעה דערנאך האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף ווען דער דרייווער זאגט אים 'מיר זענען אנגעקומען'. ער קוקט ווי ער איז, און ער זעט אז ער איז אין אומאן ביים רבינ'ס ציון....!!! 'בטעות' האט דער דרייווער פארשטאנען אז ער וויל גיין קיין אומאן אזוי ווי רוב אידן וואס קומען אן קיין קיוב, דעריבער האט ער אים אהינגעברענגט...

דער איד האט נאך נישט געכאפט דעם ווינק פון אויבן אז דאס אלעס איז בהשגחה פרטית כדי ער זאל גיין צום רבי'ן וואס ער קען אים העלפן, און ער האט בכלל נישט געפלאנט אריינצוגיין צום רבי'ן, און ער האט נאר געוואלט צוריקפארן קיין קיוב... אבער ער האט באשלאסן אז ער וועט אריינגיין אין מקוה פאר א מינוט צו כאפן א גוטע שויער, און דאן זיך אויסדרייען צוריק קיין קיוב. און דא האב איך אים געטראפן ביים ווילענדיג כאפן דעם שויער און צוריקפארן קיין קיוב.

אבער דא האט איך אנגעהויבן אריינצורעדן אין אים דיבורים איבער די גרויסקייט פונעם רבין און זיין ציון, און איך האב גערעדט מיט אים א לענגערע צייט און פרובירט איבררעדן אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן, ביז ער האט מסכים געווען אריינצוגיין צום רבי'ן און זאגן דארט תיקון הכללי.

עטליכע חדשים שפעטער באקום איך א רוף פון דער איד, און ער זאגט מיך אז ער האט זיך אינגאנצן צריקגעקערט צום אייבערשטן און ער איז היינט א פולקאמע בעל תשובה, און אלעס נאר בזכות די דעמאלטס'דיגע דיבורים און דורך דעם רבינ'ס ציון, וואס אלעס האט זיך אנגעהויבן פון א 'אומאויסגערעכנטע טעות' מיט א 'פינקטליכע חשבון' פון אויבן...

## א סיפור איבערן רבינ'ס ראש השנה

א מעשה וואס מען זעט דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז עס זענען פאראן מענטשן וואס ער קען נישט העלפן א גאנץ יאר, נאר ראש השנה.

א איד וואס איז געווען היבש פארזונקען אין עבירות האט זייער שטארק געוואלט זיך ארויסזען דערפון, ער איז געווען אנגעזעצט און צובראכן, און ער האט געוואלט אנטלויפן דערפון, איז ער געקומען אויף ראש חודש ניסן צום רבינ'ס ציון, ווילנדיג אז דער רבי זאל אים העלפן. למעשה איז ער אהיימגעפארן און איז ווייטער געבליבן ביי דאס אלטע און גארנישט האט זיך געטוישט.

אויף ראש השנה האט ער באשלאסן אז היות ער האט געהערט אז דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט היטן אויף א קינד וואס וועט קומען צו אים פאר די זיבן יאר, וועט ער כאטש ברענגן זיין קינד וואס איז נאך פאר די זיבן, אזוי וועט כאטש זיין קינד זיין ערליך. למעשה האט ער דעמאלטס ענדליך באקומען זיין אויסגעווארטעטע ישועה, און פון יענעם ראש השנה איז ער אינגאנצן ארויס פון אלע שלעכטס און באמת געווארן אן ערליכער איד און א ברסלבר חסיד.

## א דאפלטע ישועה פונעם רבי'ן

דער מעשה האב איך אויך געהערט פונעם בעל המעשה א חשובע ברסלבר אינגערמאן:

איך בין געפארן אינמיטן יאר קיין אומאן פון ארץ ישראל, און אויפן פליגער האט מען מיך געזעצט נעבן א פרייער איד וואס איז דארט געזיצן מיט זיין ווייב. דער אינגערמאן איז געווען פארשטייט זיך זייער פריילעך און אויפגעלייגט, א קלייניגקייט? מען פארט צום רבינ'ס ציון! אבער זיין שכן דער פרייער איד האט דאס נישט געקענט פארשטיין און ער האט אים פארגעהאלטן 'וואס ביזטו אזוי



פרייילעך?'. האט דער אינגערמאן אנגעהויבן צו רעדן און מסביר זיין בטוב טעם ודעת צו ווי ער גייט און וואס דער רבינ'ס ציון באדייט און ווי גרויס עס איז, און אזוי ווייטער.

זאגט אים דער פרייער אז ער גייט יעצט אויך צום רבינ'ס ציון! און ער האט אים דערציילט אז נאך זייער חתונה האבן זיי געזען אז זיי קענען נישט האבן קיין קינדער. זיי זענען ארומגעלאפן צו דאקטוירים און צו יעדער וואס קען זיי נאר העלפן, אבער זיי זענען נישט געהאלפן געווארן. ביז זיין ווייב האט געהערט אז עס איז דא א קבר פון א צדיק אין אומאן וואס דארט ווערן זייער אסאך אידן געהאלפן, האט זי באשלאסן אז זי וועט אויך אהינגיין, אפשר וועט זי אויך געהאלפן ווערן דארט.

אבער איר מאן, דער וואס דערציילט דאס, האט נישט געהאלטן ביים מיטארבעטן, ער האט נישט צופיל געגלייבט אין די ענינים און האט נישט געזען קיין תועלת פון פארן אהין, אבער ער האט געלאזט זיין ווייב גיין קיין אומאן. און אזוי איז טאקע געווען, זי איז געפארן אליינס קיין אומאן מיט א קבוצה, און זיך גוט אויסגעוויינט ביים רבינ'ס ציון פאר א ישועה און אפילו צוגעזאגט צו היטן שבת קודש אז בזכות דעם זאל זי געהאלפן ווערן.

ניין חדשים שפעטער זענען זיי געהאלפן געווארן און עס איז ביי זיי געבוירן געווארן א קינד למזל טוב! דער מאן איז געווארן זייער איבערגענומען דערפון און באשלאסן אז ער מוז אויך אהינפארן אלץ הכרת הטוב. און יעצט איז ער טאקע דא אויפן וועג קיין אומאן מיטן קינד אינאיינעם!

דער איד האט אבער געהאט אסאך קשיות און שוועריקייטן אויף ברסלב וואס ער האט נישט פארשטאנען, און ער האט אנגעהויבן צו פרעגן פון דעם אינגערמאן די אלע קשיות. דער אינגערמאן האט זיך געפרייט צו ענטפערן דערויף, און אזוי האבן זיי זיך אריינגעלאזט אין א ברייטפארצווייגטע שמועס וואו עס איז קלאר אויסגעשמועסט געווארן אלע נושאים פון ברסלב.

נאך דריי שעה פארברענגן, האט דער פליגער דערגרייכט קיוב, און די שמועס איז געקומען צו אן ענדע, און דער מאן איז געווען מורא'דיג איבערגענומען פון די גאנצע שמועס, און ממש זיך גענומען וויינען און געזאגט פאר דער אינגערמאן 'איך האב אסאך געהערט איבער די גרויסקייט פון דיין רבי'ן און וויאזוי ער נעמט ארויס גאר ווייטע מענטשן פון ווייטע פלעצער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן, אבער אזוי גרויס אז שוין אויפן וועג צו זיין קבר, נאך פאר איך בין אפילו אנגעקומען צו אים, זאל ער שוין אנגרייטן פאר מיך א איד וואס זאל אריינרעדן אין מיך אזעלכע דיבורים און מיך אזוי אויפוועקן צום אייבערשטן, דאס איז שוין טאקע א חידוש!'.

דער מאן איז געווען אזוי נתרגש דערפון אז ער האט באצאלט פאר דער אינגערמאן זיין גאנצע נסיעה קיין אומאן! און ער האט אים אויך געזאגט אז ער וויל טאקע אנהייבן מער צו היטן אידישקייט און מער זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן. דעם רבינ'ס כח!

## שתי ישועות הבאין באחת

א מעשה וואס האט פאסירט מיט א פיר יאר צוריק און איך האב עס מיטגעהאלטן פונדערנאנט:




א אמעריקאנער בחור איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן מיט א שטארקייט, ער האט זיך אריינגעווארפן אינעם רבי'נס דרך און געדינט דעם אייבערשטן מיט א פרישקייט און שמחה מיט דער רבי'נס עצות. אלעס איז לכאורה געפארן גאר געשמאק און אנגענעם, אבער איין פראבלעם האט ער געהאט: זיין טאטע וואלט זייער שווער אויפגענומען אזא בשורה אז זיין קינד איז געווארן א ברסלבר... וואס דעריבער האט ער עס זייער באהאלטן פון זיין טאטע אז ער זאל נישט געוואר ווערן די נישט גוטע נייעס, וואס דאס האט אים אנגעברענגט צוויי ערנסטע פראבלעמען.

איינס, אז ער האט נישט געקענט פארן ראש השנה קיין אומאן אן זיין טאטע'ס וויסן, און זיין טאטע ווייסט דאך נישט. און נאכמער, אפילו אויב זיין טאטע וועט יא וויסן, וועט ער אים אבער קיינמאל נישט אויסצאלן די נסיעה קיין אומאן, ווייל ער האט נישט די מעגליכקייטן דערצו. און צווייטנס, אז ער איז געווען א בחור אין שידוכים, און ער האט זייער מורא געהאט אז וויבאלד זיינע עלטערן ווייסן נישט אז ער איז א ברסלבר, וועט ער גאר ווערן אן איידעם ביי א איד וואס ווייסט אויך נישט אז ער איז א ברסלבר, און ער ווייסט נישט וויאזוי יענער וועט רעאגירן צו אזא זאך, און אלעס ארום דעם... און בפרט צו יענער וועט אים חלילה נישט שטערן פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה.

דער בחור איז געווען היבש צוטראגן פון דער שוועריקייט, און ער האט נישט געהאט די כוחות דאס צו מסדר זיין. ער וואלט מיט איין טעלעפאן רוף געקענט וועלן לעזן די אלע פראבלעמען און שוועריקייטן, אבער ער האט נישט געקענט זיך צוזאמנעמען און

טון די פשוטע זאך צו רופן זיין טאטע און איבערגעבן די ביטערע בשורה... בקיצור, די מצב איז געווען היבש פארפלאנטערט און אומבאקוועם.

אבער אלץ א ברסלבר חסיד האט ער געהאט די אמת'ע און ריכטיגע עצה וויאזוי מען איז מסדר אלע פראבלעמען: תפלה! ער אליין קען טאקע נישט, אבער דער אייבערשטער קען אלעס, און ער דארף זיך נאר ווענדן צו אים און ער וועט שוין אלעס מסדר זיין על צד היותר טוב! דער בחור האט נישט געקענט טראכטן קיין דרך הטבע וויאזוי דאס קען ווערן מסודר, אבער ער האט געוואוסט אז ער דארף נישט וויסן... דער אייבערשטער דארף נישט קיין עצות פון אים, און ער וועט עס שוין מסדר זיין וויאזוי ער ווייסט, מיט זיין גרויס רחמנות און חסדים!

און אזוי האט טאקע דער בחור געטון, טאג איין טאג אויס האט ער דערציילט פארן אייבערשטן ביי התבודדות זיין גאנצע פראבלעם, און געזאגט פארן אייבערשטן מיט אן אמת און תמימות אז ער זעט נישט אז ער קען זיך העלפן און נאר דער אייבערשטער קען אים העלפן, דעריבער בעט ער זיך ביים אייבערשטן אז ער זאלן שוין געהאלפן ווערן און ארויסגיין פון זיין אומאנגענעמע מצב גרינגערהייט מיט רחמנות.

און די ישועה איז טאקע געקומען, אינגאנצן אויף אן אומגעראכטענעם אופן...

א געוויסע איד, א ברסלבר חסיד, האט געזען דעם בחור, און געהאלטן אז ער איז גאר פאסיג צו ווערן אן איידעם ביי זיין פאטער וואס איז אויך א ברסלבר חסיד. אומר ועושה, מען האט איבערגעגעבן דעם שידוך פאר א שדכן און דער שדכן איז געגאנגען אנטראגן דעם שידוך פאר די טאטע פון דעם בחור. ווען פארשטייט זיך אז ער שלעפט אויך מיט מיט זיך די בשורה טובה אז זיין זון איז א ברלסבר, וואס דערפאר איז די שידוך גאר פאסיג פאר זיין זון...

די טאטע האט עס געהערט און אויפגענומען די בשורה אביסל שווער, אבער שוין מיט א היבשע לייכטקייט, ווייבאלד מען טראגט אים אן אזא שיינעם געלונגענעם שידוך, און אלעס ווייל זיין זון איז א ברסלבר. און נאכדערצו אז איינע פון די עיקר זאכן וואס וואלט אים געשטערט מיט דעם וואס זיין איז א ברסלבר, איז דאס אז "וואס וועט זיין מיט א שידוך?", אבער דא קומט עס שוין אינאיינעם אויף א גאלדענעם טאץ, דעריבער איז אים געווען פיל גרינגער און לייכטער עס אויפצונעמען.

צוויי וואכן דערנאך איז דער בחור שוין געווען א חתן צו דער ברסלבר און ער האט זיך געטראפן האבנדיג א ברסלבר מחותן גאר, העכער פון אלע זיינע ערווארטונגען! וואס נישט נאר אז ער וועט אים נישט שטערן פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, נאר ער אליין פארט אויך קיין אומאן אויף ראש השנה! און לגבי די געלט פראבלעם, האט דער מחותן גאר אויסגעצאלט פאר דעם חתן זיין גאנצע ראש השנה מיט אלעס ארום!!!

אזוי האט דער אייבערשטער געהאלפן דעם בחור, וואס האט זיך געטראפן אין א מצב פון 'אין לי על מי להישען כי אם על אבי שבשמים', און ער האט זיך אינגאנצן פארלאזט אויף דער אייבערשטנס רחמנות און חסדים, און ביידע פראבלעמען זענען טאקע געלעזט געווארן אין א בחינה פון באין כאחת!



## אצלי לא הפסיד איש!!

צוויי סיפורים איבער די גרויסקייט פון א קרעכץ מיטן כח הצדיק

כידוע האט דער רבי געזאגט אז די עבירות פון זיינע לייט וועלן שוין זיין אן קיין הענט אן קיין פיס. האט מיר טאקע דערציילט א חשובע ברסלב'ע חסיד, אז ער איז אמאל געשטאנען אין די לופטפעלד אין ארץ ישראל בעפאר ראש השנה ווארטנדיג אויף זיין פליגער אויפן וועג קיין אומאן, איז צוגעקומען צו אים א פרייער איגנטליכער און אים געפרעגט 'די פארסט קיין אומאן?'. האט ער אים געענטפערט 'יא'. זאגט אים דער אינג "זאג פאר דיין רבי'ן אז ער זאל מיך לאזן מנוחה... איך בין איין מאל געווען ביי אים, און פון דעמאלטס שפיר איך נישט קיין טעם אין מיינע עבירות... א גאנצע צייט דערקוטשעט מיר מיינע שולד געפילן און עס לאזט נישט נאך. זאג אים אז ער זאל מיך אפלאזן...".

דער פרייער אומוויסנדער איד ווייסט אבער נישט וויפיל ער פארדינט פון די אלע אומבאקוועמליכקייטן און שולד געפילן וואס לויפן אים נאך. צו וויסן טאקע וואס עס טוט זיך אפ אינטער די קוליסן מיט די אלע זאכן, וועלן מיר דערציילן א גאר אינטערעסאנטע געשיכטע וואס האט זיך פארלאפן דעם יאר ארום דעם רבינ'ס ציון.

א חשובער ברסלבער אינגערמאן פון אמעריקא האט געוויילט אינמיטן יאר ביים רבינ'ס ציון, און געזען דארט א געוויסע פרייער איגנטליכער וואס שטייט ביים רבינ'ס ציון מיט א שטארקע ערנסטקייט, וואס פאסט נישט פאר אזא ווייטע מענטש. ער איז געווארן נייגעריג וואס שטייט אינטער דעם, איז ער צוגעגאנגען צו דער איד און אים געפרעגט וואס זוכט ער דא, און פארוואס איז ער אזוי ערנסט?

האט דער איד דערציילט א וואונדערליכע פאסירונג וואס ער האט מיטגעלעבט און דאס האט אים דא אהער געברענגט:

דער איד האט א חבר וואס איז געבוירן געווארן גענצליך פריי, אפגעריסן פון יעדע פינק פון אידישקייט. אבער שפעטער איז ער געווארן א בעל תשובה, און מקורב געווארן צום רבי'ן און אפילו געוועזן ביים רבי'ן עטליכע מאל אויף ראש השנה. אבער שפעטער איז ער ליידער צוריקגעפאלן און אריינגעפאלן אין מקומות רחוקים, און לכאורה האט אויסגעקוקט ווי די גאנצע התקרבות איז פארלוירן געגאנגען אין תהום און אלעס איז צוריק צום אלטן.

איין נאכט לייגט זיך אונזער איד שלאפן, און חלומ'ט זיך ווי זיין חבר קומט צו אים אין חלום און זאגט אים אז ער לעבט שוין נישט און ער וויל אים אביסל דערציילן וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט אים אויף יענער וועלט:

ער איז ארויפגעקומען אויף יענער וועלט און תיכף האבן אים מקבל פנים געווען בסבר פנים רעות די אלע שווארצע מלאכי חבלה און אנגעהויבן אים צו פירן. די מצב איז פארשטייט זיך געווען זייער שמאל און עס האט נישט אויסגעזען אז ער האט סיי וועלכע גוטע האפענונג. אבער פלוצלינג האט ער זיך דערמאנט אז ער איז דאך געווען ביים רבינ'ס ציון און די רבי האט דאך געגעבן א הבטחה, נו, יעצט איז געקומען די צייט עס אפצומאנען. האט ער גענומען זיך פארפירן אז ער וויל דעם רבי'ן, ער וויל דער רבי רבינו נחמן בן פיגא זאל קומען צו אים און אים העלפן!

פלוצלינג האט זיך דער רבי באוויזן, און פארהאנדלט עפעס מיט די מלאכי חבלה און אים ארויסגענומען פון זייערע הענט. און דער רבי האט אים געזאגט "נישט צוליב די תיקון הכללי האב איך דיך געהאלפן, דאס איז א חשבון פאר זיך. אבער איך האב דיך געהאלפן דורך דעם, וואס זינט די ביזט געווען ביי מיר, איז כאטש די ביסט נתרחק געווארן, אבער איך בין שטענדיג מיטגעגאנגען מיט דיר און דיך איבעראל באגלייט, און איך האב צאמגענומען יעדע קרעכץ וואס די פלעגסט קרעכצן צווישן איין עבירה און די צווייטע, און מיט די כח פון די אלע קרעכצן האב איך דיך געראטעוועט און ארויסגענומען!".

דער איד וועקט זיך אויף פון שלאף, און ער געדענקט גוט דעם וואונדערליכן חלום. עס הערט זיך זייער אמת, ווייל פארוואס זאל ער חלומ'ן אזעלכע ווייטע זאכן פון וואס ער טראכט בכלל נישט אינמיטן טאג. אבער עפעס




שטימט דא נישט, זיין חבר לעבט דאך נאך, איז ווי קומט ער צו אים אין חלום?...

ער נעמט זיין טעלעפאן און ער וויל רופן זיין חבר, זעט ער אז ער האט מערערע 'נישט געענטפערטע' רופן. ער רופט צוריק דעם רופער, און אויף די אנדערע זייט רעדט די פאליציי. זיי האבן דא א געהרג'עטער אין א עקסידענט און זיי ווייסן נישט ווער עס איז, און זיי זעהען אז ער איז זיין חבר, ווילן זיי וויסן ווער דער הרוג איז...

נו, צו אזא רבי וואס העלפט אזוי זיינע מענטשן זאלן איך דען נישט קומען?! האט דער איד אויסגעפירט זיין וואונדערליכע געשיכטע.

דער מעשה דערמאנט גלייך דער רבינ'ס ווערטער "הנה יקר גנוחי ונוה שקורין 'קרעכץ' מאיש ישראלי, כי הוא שלימות החסרונות" (תורה ח'). "על כן טוב להרגיל את עצמו להתאנח על מעשיו שאינם טובים, ולכסוף ולהשתוקק בתוקף אנחתו לשוב להשי"ת, כי על ידי אנחה זאת נפסק מחבל דטומאה ונתקשר בחבל דקדושה, הוא יותר טוב מכמה סיגופים ותעניות" (תורה ק"ט) און נאך פילע תורות און שיחות פונעם רבי'ן איבער די גרויסקייט פון אן אמת'ן קרעכץ פארן אייבערשטן.

## א סיפור פון א שידוך מיטן רבינ'ס כח

א היימישער אינגערמאן האט מיר דערציילט א אינטערעסאנטע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט מיט אים ביים רבינ'ס ציון פאר פיר יאר צוריק:

איך בין געווען אן עלטערע בחור, און איך האב שוין היפש מסכים געווען צו ווערן א חתן אין א גוטע שעה... עס איז דאן געווען א וואך פאר ראש השנה, און איך בין שוין געווען אין אומאן ביים רבינ'ס ציון. האב איך באשלאסן אז איך גיי מיך איינ'עקש'נען ביים רבי'ן און איינרייסן אז איך וויל ווערן א חתן. איך בין אריין צום רבינ'ס ציון און דארט געזיצן עטליכע שעה דאווענענדיג דערויף און פרובירנדיג אויסצופועל'ן די ישועה.

ארויסקומענדיג פון דארט האב איך געשפירט אז איך בין א געהאלפענער! איך האב געשפירט אז דער אייבערשטער האט מיך געענטפערט און איך האב שוין געזען פאר מיך ווי איך בין שוין א חתן צו מיין באשערטן.

איך קום אן צו מיין דירה און איך זעה ווי מיין טעלעפאן האט מערערע 'נישט געענטפערטע' רופן פון מיין מאמע. איך רוף איר צוריק און זי פרעגט מיך גלייך "וואס טוסטו דארט?". זי דערציילט אז ממש יעצט, בשעת דער בחור איז געווען ביים ציון, האט א שדכן אנגערופן און אנגעטראגן א געלונגענע זאך וואס קוקט אויס זייער גוט, און זיי האבן נאכנישט געטראפן סיי וואס עס זאל זיי צוריקהאלטן פון גיין ווייטער מיט דעם שידוך!

דער בחור האט שוין פארשטאנען אז דאס איז טאקע זיין שידוך, וואס ער האט יעצט אויסגעפועל'ט ביים רבינ'ס ציון, זעהענדיג די

יד ה' דערין, וויאזוי בשעת ער איז געווען ביים ציון האט דער שדכן גערופן, און זיינע עלטערן האבן שטארק הנאה דערפון, עס קוקט אויס ווי דאס איז זיין באשערטע.

צום גדליה, די טאג וואס ער איז אהיימגעקומען האבן זיך דער בחור געטראפן מיט די טאטע, און חוה"מ סוכות, דעם צווייטן טאג, איז ער בשעה טובה ומוצלחת ענדגילטיג א חתן געווארן. וואס דאס קומט אויס אין דעם רבינ'ס יארצייט! די רבי האט אים געוויזן אז ער איז טאקע דער שדכן דא און ער האט אים אויסגעפועל'ט זיין ישועה.

## א דראמאטישע פאסירונג ארום דעם רבינ'ס ראש השנה

א חשובער היימישער אינגערמאן האט מיר דערציילט זיין אייגענע שטוינענדע געשיכטע און איך וועל עס איבערגעבן ווי ער האט מיך עס דערציילט:

בתוך הרגילות. איך האב חתונה געהאט צו איד וואס וואוינט אין איינע פון די אידישע שטעט ארום די וועלט, איך האב מיך דארט פיין פלאצירט און באקוועם געמאכט, און אנגעהויבן צו פירן מיין לעבן על מי מנוחות. וואס מיינט על מי מנוחות? איך האב ב"ה געהאט פיינע ווייב און קינדער, און געלט האב איך געהאט בריווח, און בעיקר האב איך געהאט פיינע חברים מיט וועם צו פארברענגען.

איך בין בטבע א גרויסע שמועסער... און איך האב זייער ליב צו רעדן. איך קען שמועסן און רעדן פאר לאנגע שעות אן קיין אפשטעל... און דאס טאקע האט מיך געמאכט זייער פאפולער דארט אין מיין געגענט. איך פלעג אינטערהאלטן דעם עולם איעדע צופרי, אנגעהויבן אין מקוה און דערנאך ביי די קאווע און שפעטער מיט די טלית אויפן אקסל... אזוי אז יעדער האט דורך אויס די צופרי שעות שוין געהאט געהערט מיין קול און אויך אפאר טייערע דיבורים פון מיר... און דאס אלעס האט מיך געמאכט זייער באליבט ביי די דארטיגע קהילה, אלע האבן הנאה געהאט צו שטיין אין מיין געגענט און הערן וואס איך האב צו זאגן, און אלע האבן מיר צוגעהערט מיט גרויס אינטערעסע און נייגער, וואס דאס האט מיר געגעבן א גרויסע סיפוק און הנאה און פון דעם האב איך געשעפט מיין חיות. אזוי איז מיין לעבן געפארן מיט א רוהיגקייט און אלעס איז מיר געגאנגען אזוי ווי איך וויל.

די הכנות צום שחרית האט מיר טאקע גענומען זייער לאנג, אבער די עצם שחרית האט גענומען זייער שנעל, און כאטש איך האב זייער ליב צו רעדן, איז אבער די ווערטער פון שחרית וואס מען רעדט צום אייבערשטן, נישט געווען ארייגערעכנט אין מיין ליסטע פון די זאכן וואס איך האב ליב צו רעדן... און דאס זעלבע מיט די מנחה און מעריב. און מער וויניגער אויך מיט די ווערטער פון די תורה הקדושה. בקיצור, איך האב נישט צופיל אנגעפילט מיין טאג מיט תורה ותפלה, נאר אדער מיט מיין ארבעט אדער מיט רעדן און פלאפלען, און מיט דעם זענען מיינע יארן געלאפן מיינענדיג אז עס פעלט מיר גארנישט.



דער אייבערשטער האט אבער רחמנות געהאט אויף מיר, און ער האט מיך נישט געלאזט ליגן אין דעם אומזעהבארע בלאטע אין וואס איך האב מיך געפינען, און ווי איך האב מיך געשפירט באקוועם, נאר מיט זיין גרויסע אמת'ע רחמנות האט ער מיך ארויסגענומען פון דארט דורך דער הייליגער רבי:

איך האב געהאט א יוגענט חבר, וואס איז א שטארקער ברסלבר חסיד, און איך פלעג האלטן פארבינדונג מיט אים אויך נאך מיין חתונה, כאטש מיר האבן נישט געוואוינט אין די זעלבע לאנד. איין טאג, בערך פינף יאר נאך מיין חתונה, רעד איך מיט דער חבר, און היות עס איז דעמאלטס געווען גאר נאנט צו ראש השנה, האבן מיר אנגעהויבן צו רעדן איבער ראש השנה און אומאן, ווען אינמיטן געט ער א ווארף ארויין א אומגערישטער פארשלאג 'אפשר קומסטו דאס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה?'.

איך האב אים גלייך געענטפערט אז איך וואלט ווען גערן מסכים געווען, ווייל פארוואס נישט?... אבער איך גלייב נישט אז מיין ווייב וועט מסכים זיין אויף אזא זאך, ווייל פארוואס יא?... אבער איך האב אים געזאגט אז איך וועל פרובירן, לאמיר זען וואס עס וועט דא ווערן.

און דא הייבט זיך אן די קייט פון ניסים, און אומגלויבליך, חוץ מדרך הטבע, האט זי געגעבן א 'יא' אלץ אן ענטפער... איך האב נישט געטראכט קיין סאך און איך האב באשטעלט א טיקעט קיין אומאן! ווער האט עס געגלייבט אז איך וועל פארן דער יאר קיין אומאן אויף ראש השנה?! שפעטער האט מיין ווייב מיר געזאגט אז זי האט נישט קיין אהנונג פארוואס זי האט מסכים געווען צו דער מאדנער פארלאנג און געענטפערט 'יא', אבער דאן איז שוין געווען צו שפעט, און איך בין געפארן קיין אומאן צו ווילן דארט אויף ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן.

ערב ראש השנה. די ראש השנה איז אריבער אן קיין ספעציעלע אויסנאמען, אלעס איז געפארן כסדר, און איך האב נישט געהאט קיין ספעציעל גרויסע מינוטן דארט. חוץ פון ערב ראש השנה, וואס דאן בין איך כנהוג אריין צום רבינ'ס ציון, און פלוצלינג האט מיר באפאלן א מיסטעריעזע געוויין, אן קיין שום הסבר ע"פ דרך הטבע, און איך האב געוויינט און געוויינט פאר בערך א האלבע שעה ברציפות אן וויסענדיג געהעריג פארוואס. אבער נאכן ארויסגיין פון דארט האב איך פון אלעמען פארגעסן און אלעס איז צוריק צום אלטן. אבער דער רבי האט שוין נישט פארגעסן פון מיך, ער האט מיך שוין יעצט געהאט פארבינדן אין זיין זאק... און ער האט אנגעהויבן העפטיג צו ארבעטן אויף מיך.

מוצאי ראש השנה. אויפן וועג צו די קאר וואס וועט מיך טראגן קיין קיוב צום לופטפעלד, האב איך געזען א טישל ווי מען פארקויפט די רבינ'ס ספרים, איז מיר עפעס אריין א 'משוגעת' אין קאפ, און איך האב איינגעקויפט אלע ספרים פונעם רבי'ן און עס ארייגעלייגט אין מיין רענצל. דאס אליינס איז געווען חוץ מדרך הטבע אינגאנצן, ווייל ספרים איז בכלל נישט געווען מיין 'האבי'... און זיכער נישט ברסלב'ע ספרים וואס איך האב בכלל נישט געקענט. איז פארוואס זאל איך מיך יעצט שלעפן מיט א איבריגע שווערע צען פונט אין רענצל, מיט עפעס וואס איך דארף ניטאמאל? אבער דער רבי איז געווען שטארקער פון מיך און ער האט מיך געמאכט אז איך זאל טון די מאדנע זאך און קויפן די ספרים.

אויפן וועג אהיים. אויפן פליגער בין איך געזיצן אין די טייערע 'ביזנעס קלאס', און נעבן מיר איז געזעצן איינער וואס האט אנגעשטעלט דעם איינדרוק פון עפעס א רייכע פרעסטיזשפולע פראפעסאר אין א גרויסע אוניווערזיטעט. פון לאנגווייליגקייט האב איך זיך אריינגעלאזט אין א שמועס מיט אים, אים אויספרעגנדיג וואס איז זיין ארבעט און וואס שטודירט ער.

דערציילט ער מיר, אז זיי, דארט אין זיין אוניווערזיטעט, שטודירן יעצט וויאזוי מען קען מאכן אז א מענטש זאל לעבן פאר אייביג.... אויף דעם זיצט ער רוב טאג, און דאס איז זיין פארש ארבעט...

איך האב מיך איינגעהאלטן פון לאכן, און איך האב אים פארגעהאלטן 'מען קען נישט לעבן פאר אייביג. עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און ער נעמט אוועק דער מענטש פון דער וועלט, צו ער וויל צו נישט! איז וויאזוי קענען ענק שטודירן אזא זאך וואס קען ניטאמאל זיין?! ענק פארווילן די טאג מיט שטותים און זאכן וואס זענען בכלל נישט אין איינקלאנג מיט די מציאות...'.

דער פראפעסאר האט זיך אבער נישט געלאזט, און אנגעהויבן אריינצוגיין אין כפירה'שע פילאזאפיע, און פרובירט אויפצואווייזן פאר דעם אינגערמאן זיינע אפיקורסות און נארישקייטן. דער אינגערמאן האט אבער פרובירט זיך צו פארטיידיגן און איבערוואייזן די אמת, אבער עס איז אים גאנץ שוואך געגאנגען האבנדיג צוטון מיט א געלערנטער פראפעסאר וואס טוט דערין א גאנצע טאג, דעריבער האט ער געהאט שוואכע אויסזיכטן צו קענען איבערווייזן די אמת און פארענטפערן די אלע טעאריעס און פילאזאפישע געדאנקען פון דעם הויכגעשעצטן שכן.

די שמועס האט זיך דא געענדיגט, אבער די מחשבות האבן אנגעהויבן צו ווירבלען ביי מיר אין קאפ 'וואס האב איך טאקע מיט דעם באשעפער וואס איך ארבעט דא אים צו פארטיידיגן?! אויב גלייב איך יא אין אים, איז וואס טוה איך טאקע פאר אים?! מיט וואס בין איך אנדערש פון דער פראפעסאר וואס גלייבט נישט אינעם אייבערשטן?! איך טוה אויך א גאנצע טאג וואס עס גליסט זיך מיר, און כמעט וואס איך טוה גארנישט פאר מיין באשעפער, איז מיט וואס בין איך מער א גלויביגער פון מיין שכן?! און אפילו וואס איך טוה יא אביסעלע מצוות, איז עס אויך



מתוך רגילות און כמצוות אנשים מלומדה, בכלל נישט פארן אייבערשטן און מיט אן אמת, בכלל נישט וויבאלד איך גלייב אינעם אייבערשטן און איך וויל אים דעריבער דינען!! איז מיט וואס בין איך מער א איד ווי דער פראפעסאר?!'.

די געדאנקען האבן מיר געגומען עגבערן אין קאפ און איך האב נישט געקענט פטור ווערן פון זיי. איך האב נישט געקענט פארענטפערן די קשיות, און ווי מער איך האב געטראכט דערפון, אלץ מער האב איך געזען אז עס איז טאקע די אמת אזוי, איך בין נישט אהער און נישט אהין, פון איין זייט טוה איך וואס איך וויל, און פון די אנדערע זייט בין איך א איד און איך קען נישט אלעס טון, איז וואס בין איך באמת?! וואס וויל איך טאקע?!.....

אינדערהיים. איך בין אהיימגעקומען שלום בגופי אבער נישט שלום בנפשי, די אלע מחשבות און בלבולים האבן מיר נישט צוריה געלאזט און איך האב נישט געהאט נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט. אין די קומענדיגע טעג האב איך כמעט גארנישט געגעסן און עס האט מיר כמעט גארנישט אינטערעסירט, און גארנישט האט געצויגן מיין אינטערעסע, איך בין געווען ווי פאראלאזירט און פארגליווערט און נישט דאהי. און מיט רעכט, ווייל ווי קען איך ווייטער אנגיין אזוי, ווען איך ווייס נישט ווער איך בין און וואס איך וויל און וואס מיין ציל אויף דער וועלט איז!!! מיינע נאנטע האבן מיר שוין געפרעגט צו איך בין נישט קראנק צו וואס, ווייל איך קוק אויס זייער נישט גוט.

אזוי איז דורך די עשרת ימי תשובה און די יום כיפור, זייענדיג פארוואגעלט און פארווארפן פוןביידע וועלטן, נישט וויסענדיג וואו זיך אהינצוטון און וואס דארף זיין מיין קומענדיגע שריט.

צען טעג שפעטער. דאן איז געקומען די גרויסע ענדערונג...

דאס איז געווען צווישן יום כיפור און סוכות. איך האב געהאלטן אינמיטן בויען מיין סוכה אן קיין קאפ, ווי א ראבאט, ווען מיינע מחשבות לויפן אהין און צוריק, ווען פלוצלינג האט זיך מיין מויל געפעכנט און א טיפע ביטערע געשריי האט זיך ארויסגעריסן פון מיין האלז גלייך צום אייבערשטן אליין! איך האב געשריגן צום אייבערשטן פון טיפענישן פון מיין הארץ, און מיט אן אמת, איך האב געשפירט ווי איך קען



שוין נישט! איך האלט עס מער נישט אויס!! איך קען שוין נישט ליידן די אלע שווערע נפשיות'דיגע אינערליכע יסורים!! איך קען שוין נישט אזוי ווייטער אנגיין!! עס מוז קומען צו אן ענדע! און נאר דער אייבערשטער קען מיר העלפן אין מיין יעצטיגע מצב! איך זעה נישט קיין שום וועג ארויס נאר די ישועת ה'!

דעריבער האב איך געשריגן און געשריגן צום אייבערשטן מיט אן אמת, און אינגאנצן זיך פארלאזט נאר אויף אים און אויף זיין הילף! און דער באשעפער האט טאקע צוגעהערט מיין אמת'ע געשריי און מיין פארלוירענע געבעט...

פלוצלינג האט מיר אריינגעשיינט א הארה מן השמים... א לעכטיגקייט וואס איך וועל קיינמאל נישט קענען מסביר זיין, א אור וואס איז חוץ מדרך הטבע לגמרי... איך האב געשפירט ווי דער באשעפער איז מיט מיר! ער איז דא, ער האט מיך ליב, ער דארף מיר, ער איז א גוטער, ער וויל נאר מיין גוטס, ער וויל מיך און איך וויל אים!!!!

איך האב דאן באקומען א געוואלדיגע קלארקייט און ריינקייט, איך האב געשפירט ווי איך וויל גארנישט אויף דער וועלט חוץ פונעם אייבערשטן און זיינע תורה ומצוות! עס אינטערעסירט מיך גארנישט אויף דער וועלט, חוץ פון טון דעם באשעפער'ס רצון! נאר אים וויל איך, און נאר אים וועל איך דינען!

און אומר ועושה! איך האב תיכף גענומען דעם רבינ'ס ספרים, וואס איך האב יעצט געהאט מיט מיך שלא כדרך הטבע, און האב מיך געזעצט עס לערנען מיט א התמדה. און איך האב מיך כל כולי אריינגעווארפן אין עבודת ה' און מען קען זאגן אז איך האב דעמאלטס כמעט פארלוירן מיין בחירה. א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט בין איך געווען פארנומען נאר מיט דאווענען און לערנען און אלעס חוץ פון דעם איז ביי מיר בכלל נישט אינטערעסאנט געווען, איך האב גארנישט געוואלט נאר דער אייבערשטער און די תורה הקדושה און די רבי מיט זיינע עצות!!!

אזוי איז דער אינגערמאן ארויס אינגאנצן פון זיינע שטותים און פון זיין אפ פיסטעווען די יארן מיט גארנישט, און באמת זיך דערנענטערט צו אייבערשטן און צום צדיק האמת, און אלעס מיט דעם רבינ'ס כח, דורכן טון דער אתרעותא דלתתא און קומען צו אים אויף ראש השנה און זיין ביי זיין ציון. כמה גבורתא חיליה דמרך! ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו!

ביז אהער האט מיר דער איד דערציילט זיין שפאנענדע געשיכטע וואס האט זיך מיט אים אפגעשפילט. איך וויל דא צולייגן וואס איך האב געהערט פון זיין אויבנדערמאנטן פריינד, א הוספה אויף דער מעשה.

ווי ער דערציילט, האט דער אינגערמאן דאן גענצליך אפגעלאזט די אלע הבלי עולם הזה און זיך אינגאנצן אריינגעווארפן אין עבודת ה' מיט א תמימות. אבער די אנשי הקהילה דארט, אלע זיינע באקאנטע, האבן עס אויפגענומען זייער שווער, און אים אנגעקוקט ווי ער איז פשוט משוגע געווארן.... פון א שחרית וואס נעמט א האלבע שעה און ווייניגער, האט זיך עס פלוצלינג פארלענגערט צו איבער דריי שעה! און פארשטייט זיך אז אויך ער האט דאן פארענדיגט זיין לאנגיעריגע קאריערע פון אינטערהאלטן דעם עולם מיט אלע נייעס און רכילות א יעדן צופרי, און ער האט אויפגעהערט בכלל צו רעדן דברים בטלים און זיכער נישט קיין לשון הרע ורכילות... דעריבער איז די שינוי זייער בולט געווען און די אנשי הקהילה האבן געמיינט אז ער איז אראפ פון זינען ח"ו.

דערפאר זענען די דארטיגע חשובי הקהילה ארויף צו דעם אויבנדערמאנטע חבר אין שטוב, וואוסענדיג אז ער האט א השפעה אויף אים, און דערציילט אלעס וואס דא גייט פאר, און אים געבעטן צו ער קען אפשר דא ארויסהעלפן און אביסל בארוהיגן דעם אינגערמאן פון זיין 'ריבוי אור', און אים אביסל נארמאלעזירן...

האט דער איד זיי געענטפערט 'ווען איך וואלט געוואוסט אז איר מיינט זיין טובה וואלט איך מיך אריינגעמישט, אבער איך זעה קלאר אז איר מיינט נישט באמת זיין טובה, ווייל ווי זענט איר געווען ווען ער פלעגט פארברענגען זיינע טעג מיט גארנישט, נישט געלערנט נישט געדאוונט נאר גערעדט לשון הרע ורכילות און וואס נישט?! דעמאלטס זענט איר נישט ארויפגעקומען צו מיר בעטן אז איך זאל אים ארויסהעלפן און אים העלפן צו ווערן ערליכער, נאר יעצט ווען ער איז אביסל 'צו' ערליך, יעצט זארגט איר פאר אים, אים צו בארוהיגן פון זיין ערליכקייט. אויב אזוי, דאן קען איך אייך נישט העלפן...'

**ובקשתם משם את ה' אלקיך כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך!!!**

אומאן
ראש השנה
אויך

# אין שאטן פון טויט





# די באנדעס

אין די ווינקלען פונעם שטאט טעפליק גייען א גרופע פון זיבן מענטשן, זייערע אויגן וואנדערן ארום זיי זוכן און פרעגן אפשר איז פאראן איינער וואס קען ערפילן זייער באגער, זייער לעבנס וואונטש. נישט גרינג איז זיי אנגעקומען צו טרעפן דעם געזוכטן פערזאן, א לאנגע וויילע האבן די גרופע ברסלב'ע חסידים זיך ארומגעדרייט פון איין קוטשער צום צווייטן, זוכענדיג אז איינער פון זיי זאל זיי פירן צו זייער באשטימטע ציל, ווען אלע ענטפערן זיי נעגאטיוו.

די טעג זענען נישט קיין פשוט'ע טעג. געווען איז עס 'בין מלכא למלכא', צווישן די ענדע פונעם צאר'ישע תקופה, און די אנהייב פון די קאמאניסטישע עפאכע. די ערשטע וועלט מלחמה איז שוין געקומען צו אן ענדע, די דינערן פון די אויפרייסן האבן זיך איינגעשטילט און די שווערד איז צוריק צום האלטער. אבער דאן האט אויסגעבראכן די קאמאניסטישע מהפכה. דער צאר ניקאליי איז אומגעברענגט געווארן אין יאר תרע"ז, און אין ליכט פונעם מצב האט זיך אנגעהויבן א בירגער קריג. ווי געוועגדליך זענען די אידן געווען די ערשטע קרבנות. שווערע פראגראמען האבן זיך אנגעהויבן איבער די אוקריינישע אידן, אזעלכע וואס זענען נאכנישט געזען געווארן זינט די שחיטות פון ת"ח ות"ט. גרופעס פון אנגעהיצטע פויערן וועלכע האבן באשולדיגט די אידן אלץ קאמאניסטן האבן זיך ארומגעדרייט און אויסגעשריגן דעם סלאגאן וואס זייערע פירער האבן זיי געפרעדיגט אין אויער "שלאג די אידן און ראטעווע רוסלאנד!".



ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל אין בית מדרשינו מא"ש

יאר תרע"ט איז געווען די שווערסטע פון אלע. באוואפנטע גרופעס וועלכע זענען גערופן געווארן 'די באנדעס' - רוב פון זיי אונטער די פירערשאפט פונעם צורר היהודים סאמיאן פאטליארע ימ"ש - האבן זיך א לאז געטון אויף די אידישע שטעטלעך און אויסגע'שחט'ען צענדליגע טויזענטער אידן רח"ל. צווישן זיי די באקאנטע חסיד הקדוש ר' משה יהושע - באקאנט אלץ ר' אלטר טעפליקער הי"ד, די מחבר פון די ספרים 'השתפחות הנפש' און 'משיבת נפש'.

לאנגע חדשים האט די שטאט טעפליק געליטן פון כסדר'דיגע פראגראמען, בפרט אין די ענדע פונעם זומען סעזאן. די שטאט איז געווען איינגעהילט אין טרויער און שרעק, און אט דערנעטערט זיך ראש השנה. דער חסיד ר' אהרן קיבליטשער, וועלכע האט זיך נישט לאנג צוריק אהער געצויגן - נאך וואס די שטאט קיבליטש איז געווארן גענצליך אפגעמעקט דורך די בלוט דארשטיגע מערדער - בענקט און גייט אויס צו אנקומען קיין אומאן וואס געפונט זיך בלויז עטליכע צענדליגע קילאמעטער פון דא. עס איז אים שווער ארויפצוברענגען אויפן געדאנק די מחשבה נישט צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

ר' אהרן איז נישט געווען די איינציגסטער. אין די צייט וואס אפילו די גויים האבן געציטערט זיך ארויסצולאזן אויף די וועגן, און אוודאי די אידן וועלכע זענען געווען א גוטע שפייז פאר די מערדער, האבן א גרופע אנ"ש פון טעפליק וועלכע האבן זיך געציילט אינאיינעם זיבן מענטשן באשלאסן אז זיי פארן קיין אומאן נישט קיין חילוק וואס עס וועט זיין.

זיי האבן גענומען מיט זיך א מחזור, א טלית און אביסל שפייז וואס פעלט זיך אויס און זיך אינאיינעם איינגעזאמעלט ארויסצוגיין אויפן וועג. דאן איז קלאר געווארן פאר זיי אז קיין שום בעל עגלה איז זיי נישט גרייט צו נעמען אויף אזא וועג. ווער איז דען גרייט זיך איינצושטעלן צו פירן אידן אין אזא צייט?!

די באקאנטע כלל אז 'הכסף יענה את הכל' האט דא אויך געארבעט. נאך פילע באמיאונגען האבן זיי געפונען א גוי'אישן קוטשער וואס איז גרייט געווען זיי צו נעמען קיין אומאן אין אויסטויש פון א גרויסן סומע געלט. ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל, וואס איז דאן געווען א אינגע אינגערמאן - צוויי יאר נאך די חתונה - הערנדיג פון וואסערע סכום עס רעדט זיך האט ער זיך געוואנדען צו זיין שווער דער דערמאנטער ר' אהרן קיבליטשער און אים געזאגט אז ער פארמאגט נישט די געפאדערטע סומע אנטייל צו נעמען אין דעם טייערן נסיעה. "זארג נישט" האט אים זיין שווער בארואיגט "איך האב שוין גע'דאגה'ט אויך פאר דיר". עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיין שווער, דער צדיק און דער בלוטיגער ארימאן האט אפגעשפארט פון אנהייב זומער פון זיין מאגערע שטיקל ברויט און אנגעזאמלט א פרוטה נאך א פרוטה, כדי ער מיט זיין איידעם זאלן אויך אין אזעלכע אומסטאבילע טעג קענען פארן צום רבי'ן...

# די שוידערליכע איבערפאל

זיי האבן אפגעמאכט מיטן בעל עגלה ארויסצופארן צומארגנס אין די פריע פארטאג שעה'ן.



כ"ח אלול. אינעם פרימארגן, ווען זייערע ליפן מורמלען א שטילע געבעט צום רבוש"ע האבן זיי זיך געזעצט אויפן וואגן. די רעדער האבן זיך אנגעהויבן דרייען און מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. די סיבה פון זייער פריע ארויספארן איז געווען צוליב זייער ווילן צו אניאגן די סליחות פונעם נאכט פון 'זכור ברית'.

נאכן אפפארן א שטרעקע, ארום 10:00 אזייגער אינדערפרי, האבן זיי דערגרייכט נאנט צום דארף 'ראסשע'. ווען דאן זענען פלוצלינג ארויסגעשפרינגען קעגן זיי גרופעס פון רוצחים "האלט! שטעלט אייך אפ!" האבן זיי אויסגעשריגן.

די צוטומלטע קוטשער האט אפגעשטעלט די פערד און די רוצחים האבן באפאלן די רייזנע פונעם וואגן, זיי געבינדן די הענט און פיס, און ארייגעשלייכט אין א פינסטער'ן קעלער.

ארום פיר שעה זענען זיי געזיצן דארט געקייטלט. ווען די זארג, נישט וואוסענדיג וואס עס קומט, צושטערט זייער רואיגקייט. ווי מער די צייט גייט אריבער פארשטייען זיי אז זייער מינוט איז נאנט און הייבן אן זאגן ווידוי. נאר משום מה פארזוימען זיך די רוצחים און קומען נישט אויספירן די טויט אורטייל... 'צו' ווען דען ווילען מיר חלילה נישט זוכה זיין צו זיין ביים קיבוץ הקדוש?' איז פארלאפן ביי זיי א מחשבה.

און דאן ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג, האט פאסירט דאס אומגלויבליכע. די מערדער זענען אנגעקומען, און ווי וואונדערליך האבן זיי אויפגעבינדן די קייטן און זיי באפרייט...

די בני החבורה האבן נישט מצליח געווען צו פארשטיין וואס עס פאסירט מיט זיי. זייער הארץ איז געווען איבערגעפילט מיט פרייד און דאנק צום אויבערשטן אויף דעם דאפלטען נס; נישט נאר זייער לעבן איז געוורן געראטעוועט, נאר זיי גייען אויך זוכה זיין מיטן אויבערשטנ'ס הילף צו זיין אין אומאן ראש השנה!

## די אומגלויבליכע נס

זיי האבן פארגעזעצט זייער רייזע אין ריכטונג פון זייער ציל. ווען זיי האבן דערגרייכט דעם דארף 'פולאנקא' - וואס געפונט זיך א ווייטקייט פון זיבן קילאמעטער פונעם שטאט אומאן - האבן זיי באמערקט א וואלקן פון רויעך ארויפגיין פון די הייזער אינעם דארף, א קלארער באוויז אז איינעם פון די 'באנדעס' האבן באזוכט דא. עטליכע פון די ארטיגע גויים האבן זיי פארציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט: פאר א קורצע צייט צוריק האבן א גרופע בלוט דארשטיגע מערדער פארלאזט דעם דארף. זיי האבן זיך פארזוימט דא לאנגע שעות ווען זיי שמועסן צווישן זיך איבער א וואגן פון טעפליך וואס דארף דא אריבער צו פארן און אין איר געפונט זיך א קבוצה אידן... זיי האבן אויפגעשטעלט א בריקאדע אויפן וועג כדי אפצושטעלן, בארויבן און ערמארדן איר רייזנדע. אבער ממש פאר א קורצע צייט צוריק האט זייער געדולד געפלאצט און זיי האבן פארגעזעצט זייער וועג, איבערלאזנדיג אונטער זיך א שוידעליכן חורבן אינעם ארטיגן דארף.

ווי וואונדעליך זענען די וועגן פון די השגחה! פלוצלינג האבן זיי פארשטאנען די גרויסע נס וואס האט פאסירט צו זיי; די מערדער וואס האבן זיי אפגעשטעלט פארדעם אינעם דארף ראסשע זענען געווען שלוחים פון די השגחה עליונה זיי צו ראטעווען פון טויט! וואס וואלט חלילה פאסירט ווען זיי וואלטן און ווען געפארן לויטן פלאן אן קיין שטערונגען?

ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל יארן שפעטער ווען ער האט פארציילט די וואונדערליכע נס אויסגעפירט:

"די הייליגע רבי האט געזאגט 'איך קוק אויס אויף די וועגן וואס אייך פארן צו מיר'. די רבי האט געוואוסט אז דא פארן זיינע מענטשן צו אים אויף ראש השנה און די 'באנדע' לאקערט נאך אונז דארטן מיטן ציל אונז אומצוברענגען רח"ל. דעריבער האט מען אונז אויפגעהאלטן לאנגע שעות, כדי מיר זאלן אנקומען צום דארף

**ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל יארן שפעטער ווען ער האט פארציילט די וואונדערלי-כע נס אויסגעפירט:**

**"די הייליגע רבי האט געזאגט 'איך קוק אויס אויף די וועגן וואס אייך פארן צו מיר'. די רבי האט געוואוסט אז דא פארן זיינע מענטשן צו אים אויף ראש השנה און די 'באנדע' לאקערט נאך אונז דארטן מיטן ציל אונז אומצוברענגען רח"ל. דעריבער האט מען אונז אויפגעהאלטן לאנגע שעות, כדי מיר זאלן אנקומען צום דארף 'פולאנקא' נאך וואס די רוצחים האבן שוין פארלאזט דעם דארף א קורצע צייט פריער..."**

**נאכן אפפארן א שטרעקע, ארום 10:00 אזייגער אינדערפרי, האבן די דערגרייכט נאנט צום דארף 'ראסשע'. ווען דאן זענען פלוצלינג ארויסגעשפרינגען קעגן די גרופעס פון רוצחים "האלט! שטעלט אייך אפ!" האבן די אויסגעשריגן.**

**די צוטומלטע קוטשער האט אפגעשטעלט די פערד און די רוצחים האבן באפאלן די רייזנע פונעם וואגן, די געבינדן די הענט און פיס, און ארייגעשלייכט אין א פינסטער'ן קעלער.**

'פולאנקא' נאך וואס די רוצחים האבן שוין פארלאזט דעם דארף א קורצע צייט פריער..."

די נס ההצלה פון די גרופע אנ"ש פון טעפליק, איז איין רינגעלע אינעם קייט פון ניסים וואס האבן זיך אפגעשפילט ביים קיבוץ פון יענעם יאר – תר"פ. יענעם יאר האט ר' לוי יצחק גענידעט אלץ 'בעל תפילה' צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, און ר' יצחק דאכאוואנער אלץ 'בעל תוקע'. דער קיבוץ איז געווען א וואונדערליכע עדות צום דעם 'פייערל' פונעם הייליגן רבי'ן וואס אויך אין ענגע שווערע טעג לייכט עס אין אלע וועלטן.

## א בהמ"ד אדער א שפיטאל?

אין די פארנאכטס שעות זענען זיי אנגעקומען קיין אומאן. אריינגייענדיג אינעם קלויז האט זיי אנטפאנגען א סצענע וואס האט זיך שווער געלייגט אויפן הארץ; אויף די בענק ליגן אנשי שלומינו, קראנק פון 'טיפוס' און אויפגעבלאזן פון הונגער. צווישן זיי החסיד ר' אליהו אויבאראקאוו. און אזוי שטעלט פאר ר' לוי יצחק:


די שטאט טעפליק

"מיר זענען אנגעקומען א טאג פאר ראש השנה, מיר זענען אריין אין בהמ"ד. א שווערע רעגן האט געגידערט אויפן וועג. ווען מיר זענען אריינגעקומען, איז די גאנצע בהמ"ד געווען פיל מיט בעטן. פון יעדע צווי בענק איז געווארן א בעט... אלע זענען געלעגן מיט טיפוס. אויך ר' אלחנן ספעקטער וועלכער איז געקומען פון פוילן איז געלעגן קראנק. עס איז געווען אזוי ווי אריינצוגיין אין א שפיטאל. א טאג פאר ראש השנה, די נאכט פון זכור ברית.

"יענעם גאנצן זומער (תרע"ט) בין איך געווען קראנק מיט 'טיפוס'. איך בין געגאנגען מיינע פיס ארומגענומען מיט שמאטעס. אנקומענדיג קיין אומאן האט מיר ר' מאטעס גענומען צו זיך אין שטוב, מיר אריינגעלייגט אין בעט און געגעבן טרוקענע קליידער. איך בין געשלאפן אין זיין שטוב וואס געפונט זיך נעבן דעם בהמ"ד. דארטן האב איך מיר אביסל אנגעווארעמט. אלע זענען געשלאפן אין קלויז, מענטשן האבן מורא געהאט ארויסצוגיין אינדרויסן"

די גרויסע חסיד ר' שמשון בארסקי זצ"ל האט געבעטן פון ר' לוי יצחק ער זאל צוגיין צום עמוד צו זאגן סליחות. אנהייבן האט ער אפגעזאגט און געזאגט אז אין זיין מצב איז ער נישט מסוגל. ר' שמשון האט זיך געשטעלט אויף דעם ביז ער האט זיך געבויגן. ער האט זיך איינגעהילט אינעם טלית און צוגאנגען צום עמוד. שפעטער האט ר' לוי יצחק דערציילט: "אלע תפילות וואס איך האב געדאווענט אין די שפעטערע יארן איז געווען נאר 'כאילו' – 'אזוי גערופען'. דעמאלסט האט מען געדאווענט מיט אזעלכע כוחות און התעוררות וואס מען קען נישט אפשאצן, מען האט געשפירט בחוש אז די רבי לעבט מיט אונז..."

"ווי נאר עס געקומען די צייט צו זאגן זכור ברית, זענען אלע אויפגעשטאנען פון די 'בעטן' ווי גלייך זיי זענען נישט קראנק מען האט געזאגט סליחות מיט א חשק און א ברען. דערנאך האט מען געדאווענט און געגאנגען צום רבינ'ס ציון – כאילו קיין שום זאך האט נישט פאסירט. מען האט געזעהן די גרויסקייט פון רבי'ן, נעכטן זענען אלע געווען קראנק, און היינט איז יעדער אויף די פיס און מען גייט צום ציון!

## ס'איז דא א רבי!

"די ערשטע נאכט ראש השנה, נאך מעריב, איז אנגעקומען א שליח פונעם 'ראבינער'. ער איז געווען אן ערליכער איד אבער אביסל מאדערן, – אזא סארט 'רב הראשי'. ער האט געשיקט א שליח אין אלע שוהל'ן מודיע זיין אז מארגן זאל מען דאווענען פרי פארטאגס, אזוי אז ביז עס ווערט טאג זאלן אלע שוהל'ן שוין זיין פארשלאסן, צוליב וואס מארגן וועט פארקומען שיסערייען אין שטאט און עס איז א סכנה צו זיין אין די הייזער. אלע זאלן זיך געפונען אין די בונקערס.

"גלייך האט זיך ר' שמשון אויפגעשטעלט – נישט ווי זיין שטייגער – און האט אויסגערופען: 'דאס איז דעם רבינ'ס ראש השנה, דעריבער וועלן מיר דאווענען אזוי ווי אלע יארן!'

"און טאקע, די קלויז איז געווען די איינציגסטע בהמ"ד וואס מען האט דארט געדאווענט אזוי ווי יעדעס יאר. אין אלע שוהל'ן האט מען געדאווענט פארטאגס און ווען עס האט אנגעהויבן טאגן האט מען פארשפארט דעם בית המדרש. ביי אונז – ר' שמשון האט פארמאגט קוראזש – 'דאס איז דעם רבינ'ס ראש השנה, דעריבער וועלן מיר דאווענען אזוי ווי אלע יארן!'. און מען האט טאקע געדאווענט ביז דריי אזייגער. אינדרויסן איז געווען א שרעק... אבער אונז האט דאס נישט אנגערירט. מען האט געקענט טאפן מיט די הענט אז עס איז דא א רבי"

# לשמוח מאוד מאוד

הלב שלי גדוש בשמחה שזכיתי להיות אצל רבינו הקדוש בר"ה

אני רוצה להרגיש את הרוח הקודש של הצדיק שנושב בידים ורגליים

## כולנו יחד רוצים לרקוד ולתת ללב שלנו לפרוץ מתוך שמחה והודיה להקב"ה אחר שזכינו ל"אין דבר גדול מזה"

כלל אנ"ש חסידי ברסלב מגיעים

## לריקודי ההודיה והשמחה הסוחפים

במוצאי ראש השנה

**בשעה 20:30**

## במתחם החזיקו

בבניין של הנגיד

ר' **שלמה פעדער** הי"ו

**אוהל יחיאל מיכל**

לטייל בתורתו



# אין א פּראסטן מיטוואך

הערשל מאיער

אָמַר, וָואס מִיר שְׁמוּסֶען אַדוּרְךְ אִין אַ פְּרֶאסטִין מִיטְוָואךְ,
וֶועט קֵיין אַנְדֶערֶער גוּטֶער יוֹד נִיט מַשִּׂיג זַיין אִין גַן עֶדֶן // שיחת חברים

## די לעכטיגקייט פון די וועגן

שטעל אפ. שטעל אפ... די טענדער האט זיך אפגעשטעלט מיט אן הויכן קרעכטץ, ווען אירע טירן פראלן זיך אויף און פון איר טאנצן ארויס עטליכע אויסגעמוטשעטע אינגעלייט. זיי פארן שוין באלד פיר שעה אין א ציה איבער די צוקנאקטע שאסייען פון אוקריינע נאכן ווײלן א שיינע ווײלע ביים גרעניץ ווי פון דארט האבן זיי געזאלט פארן "גלייך צום רבי'ן", נאר א קליינע אפשטעל האט זיך געפאדערט פאר זיי האבן זיי זיך יעצט אפגעשטעלט ביי א גאז סטאנציע אביסל אויסצוציען די צושאסענע גלידער.

"אך" צוקרעכט זיך ברוך אראפזעצנדיג זיך אויף א שטיין, ווילאנג וועט נאך נעמען די וועג?! איך האב שוין נישט קיין כח, מיר זענען שוין אזוי אויסגעשעפט אין פארמאטערט.

"יא יא" שטימט מרדכי אהרן צו, זיך צוזינגענדיג "איך וויל שוין אזוי זיין ביים הייליגן רבי'נס ציון, ביים הייליגן שטיין. דארט אויפן שפיץ בארג, ווען ארום אים שטייען די ברסלב'ע חסידים'לעך, און טוען זיך אויסגיסן מיט מכתם לדוד דאס הארץ".

צוביסלעך פארמירט זיך א שטיקל קופקע ווי אלע זענען מודה אז יא,



די וועג איז א שווערע און אן אויסמוטשענדע – אלעמאל געווען – בפרט אין די יעצטיגע טעג ווען עס הערשט א מלחמה אין לאנד, און אנצוקומען צום 'עיר הגעגועים' קושן די הייליגע מציבה, קודש הקדשים, פארדערט זיך צו זיך וואלגערן איבער די וועגן און שטעגן פאר לאנגע שעות און טעג.

זעליג ציט זיך אויס – "אוי די כיסופין ברענען אין מיר איך קוק שוין אזוי ארויס אויף די גליקליכע מינוט וואס מיר וועלן זוכה זיין צו די אלע גרויסע תיקונים וואס די הייליגע רבי האט צוגעזאגט פאר די וואס קומען צו אים ר"ה, דא אויף די וועגן איז אלעס אזוי 'שלא כסדר' טונקל און צעמישט, ווען קומען מיר שוין אן?! ווען????!!

א קריץ האט זיך געהערט.אלע קעפ דרייען זיך אויס אויף איינמאל.

נאך א ווען מיט אידן שטעלט זיך אפ אנצושעפן פרישע כוחות אינמיטן די לאנגע רייזע.

פון די פארדעשטע זיץ טאנצט ארויס א מיטעליעריגע איד, עטליכע גרויע הארעלעך באווייזן זיך שוין אויף זיין בארד, "רבותי. וואס איז די אנגעזעצטקייט דא? וואס איז די עולם אזוי באטראפעצט?.

וואס הייסט פארוואס? שטעלט זיך ברוך אויף אנגיסענדיג זיך א גלעזל וואסער – מיר שמועסן דא איבער די שוועריגקייטן פון די וועגן, ווי עס מאטערט און מוטשעט אויס, מיר בענקן זיך צום אמאל ווען די וועגן זענען געווען פיל שנעלער און ביז געציילטע שעות האט מען זיך דערזעהן ביים 'בית חיינו' דעם הייליגן רבי'נס ציון, היינט אבער נעמט אלעס אזוי לאנג און אזוי שווער.

דער איד - ווענמען די חבורה האט שוין יעצט געקענט אלס נתן דוד – צושמייכלט זיך, "איך פארשטיי נישט איין זאך אין אומאן, דארט ביים ציון איז דיר יא באקוועם? דארט האסטו יא געשמאק צו עסן און שלאפן? דארט איז דיר יא רואיג בא'טעמ'ט מיט ישוב הדעת?"

ברוך צופייערט זיך און הייבט אן שרייען מיט א ברסלב'ע קאך, "וואס רעדסטו? עסן?, טרינקען?, רואיגקייט?, אין אומאן געפון איך זיך דאך אונטערן הייליגן רבי'נס שאטן! איך בין יעדע מינוט זוכה צו אן א שיעור תיקונים, אומצאליגע עליות, צו דען זאל מיר אינטערעסירן די אלע זייטיגע זאכן? די רבי אליין האט דאך געזאגט (חיי מוהר"ן) "יא עסן ניט עסן, יא שלאפן ניט שלאפן, יא דאווענען ניט דאווענען, אבי ביי מיר זיין ר"ה! דארט גייט מיר גארנישט אן, איך בין פרייליך און צופרידן אז איך בין דא." - ברוך אטעמט אפ מאכענדיג אן ערליכע שהכל אויף זיין גלאז וואסער.

"יא יא" שטימט מרדכי אהרן צו, זיך צוזינגענדיג "איך וויל שוין אזוי זיין ביים הייליגן רבי'נס ציון, ביים הייליגן שטיין. דארט אויפן שפיץ בארג, ווען ארום אים שטייען די ברסלב'ע חסידים'לעך, און טוען זיך אויסגיסן מיט מכתם לדוד דאס הארץ

נתן דוד'ס שמייכל האט זיך נאך נישט אפגעטון פון זיין פנים "איז לאמיר מאכן א קלארע סך הכל, די וועגן זענען דיר ביטער שווער די ווילסט זיך שוין זעהן דערנאך, אין אומאן איז נישט צופיל בעסער אבער דארט ביסטו פרייליך, פארוואס? ווייל דו גלייבסט אין די תיקונים וואס פאסירן דארט... ברוך ברוך, די וועגן צום רבי'ן זענען גארנישט אנדערש, די הייליגע רבי האט געזאגט(חיי מוהר"ן) "איך וואונטש זיך צו זעהן די לעכטיגקייט פון די וועגן אויף וואס מען פארט צו מיר". דו הערסט ווערטער? דער הייליגע רבי וואס האט זוכה געווען צו די העכסטע מדריגות, דומיה תהילה, ער וואונטש זיך אויף עפעס. ער וואונטש זיך אויף די וועגן, אויף די 'לעכטיגע' וועגן! פון יעדער טריט ווערט באשאפן א מלאך! די תיקונים פון ראש השנה האט זיך שוין אנגעהויבן! די גאנצע וועג, ווי מער טריט אלץ מער מלאכים, אלץ מער תיקונים.

נאך מער – מישט זיך זעליג אריין – די הייליגע רבי האט געזאגט 'אז עס מאכט זיך א נסיעה פארט מען', ווייל קען זיין מען וועט אנקומען צו א פלאץ און מאכן דארט א ברכה און מעלה זיין פארווארפענע ניצוצות, ווער עס האט פריער געהערט ברוך'ס ברכה דארף נישט מער קיין פירושים... ווער ווייסט ווען האט דא לעצט באזוכט א איד אין דעם פארוואפענעם גאז סטאנציע? דער אויבערשטער האט אונז דא אהערגעשלעפט מיטן כח פונעם צדיק מעלה צו זיין ניצוצות.

א מינע פון פארשטענדעניש האט זיך אויסגעשפרייט אויף ברוך'ס געזיכט, "ווייסט וואס נאך איך טראכט יעצט? – רופט ער זיך אן צוריקלייגנדיג זיין גלעזל אינעם באגאזש – עס קען זיין אז די גאנצע נסיעה איז נאר אנגעדרייט געווארן אזוי אז מיר זאלן זיך טרעפן און רעדן פון תכלית. ווי ר' נתן זצ"ל זאגט אויף א פלאץ אז אמאל דארף א מענטש פארן א גאנצע נסיעה נאר אז ער זאל טרעפן א איד און רעדן מיט אים אין עבודת השם".

"נו רבותי האבן מיר מיט וואס זיך צו פרייען?!" צושרייעט זיך חיים זיך צוזעגנענדיג זיך דערביי 'מי שהיה אצלי, אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח, לשמוח כל השנה..' מיטשלעפענדיג דעם גאנצן עולם וועלכע טאנצט מיט א קאך און ברען און ווערן נישט אפגעשטעלט אויך פון די געשרייען פונעם נערוועזן אוקריינישן שאפער.

"הראש השנה שלי עולה על הכל אוי הראש השנה שלי עולה על הכל אוי אוי אוי........"



# בני הנעורים

שאלות ותשובות מיט

הר"ר שמעון הלל פרנס שליט"א

ראש חבורת הבחורים וויליאמסבורג

עַל כֵּן הָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים הַחֲשׁוּבִים שֶׁבָּעִיר שֶׁהַנְּעָרִים בְּקַל לְהָשִׁיב אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מִן הַזְּקֵנִים \\ כחיצים ביד גיבור כן בני הנעורים

### וואס קען איך טון יעדעס יאר ווען עס קומט די ימי הנסיעה ווער איך צופארן מיט אלע מיינע סדרים ווי אזוי קען מען אויסנוצן די צייט אפילו אין אזעלכע צופארענע טעג?

איך האב אמאל געהערט פון איד - עס איז געווען בין הזמנים פאר פסח - האט ער מיר געזאגט: די טעות פון בחורים איז אז מען מאכט איין סדר היום פאר גאנץ בין הזמנים. וואס עס געשעהט איז, אדער איז עס צי א קליינע סדר היום, אדער צי א גרויסע סדר היום. ווייל ביז פסח דארף מען אסאך העלפן אין שטוב, נאכדעם איז דא חול המועד וואס עס איז דא אנדערע סארט טירדות און נאכדעם זענען דא די טעג נאך פסח וואס דאס זענען ליידיגע טעג. אויב מאכט מען א גרויסע סדר היום, קען מען עס נישט אויספירן פאר פסח, ממילא גייט שוין די גאנצע בין הזמנים אין די ערד. אויב מאכט מען מער א חוה"מ'דיגע סדר היום, דאן שאדט עס פאר אלע טעג. האט ער מסביר געווען אז מען דארף מאכן דריי סארט סדר היום'ס, א סדר היום פאר בעפאר פסח, א סדר פאר חוה"מ, און אן עקסטערע סדר פאר די טעג נאך פסח.

די זעלבע זאך דא. די הייליגע רבי נתן האט געהאט אסאך סדרים, ער געהאט ספעציעלע סדרים אין שולחן ערוך אויף א יום הנסיעה און אזוי ווייטער. אין א יום הנסיעה איז פארהאן פיל טירדות וואס מאכן זיך נישט געווענדליך, עס איז נישטא די ישוב הדעת וואס עס איז דא נארמאל. דארפסט וויסן אז דאס איז די מציאות, נאר זיך נישט. מאך קלענערע סדרים, גרינגערע לימודים, גיב זיך אפילו נאך אינעם פארשטיין פון די לערנען, לערן מער שטחיות'דיג און זיי נישט אזא מחמיר אין די לימודים. אז דו וועסט עס וויסן פון פריער און זיך מאכן אזעלכע סארט פלענער, אזעלכע חשבונות. וועסטו גרינגער קענען כאפן וואס מען קען כאפן און גרינגער אויספירן דעם סדר היום וואס דו האסט זיך געמאכט.

נאך א זאך. דו דארפסט צוגיין צו די גאנצע זאך פאר דו פארסט ארויס אויף די נסיעה, [אלעמאל דארף מען עס וויסן אבער בפרט ווען מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג], אז דו מוזט אריינגיין אין א מהלך פון חטוף ואכול. אזוי וועסטו האבן די סדרי היום און דיינע זאכן. דו דארפסט איינגיין לכתחלה אפילו דו וועסט נאר קענען כאפן א טראפ, ווען דו וועסט עפעס קענען כאפן גייטסו כאפן וואס דו קענסט. 'חטוף ואכול'. אויף אזא גאנג דארף מען גיין, אזוי זאל זיין אויף די וועגן און אויך אין אומאן אליינס. דו דארפסט זיך אויסשטעלן סדרים, אבער עס מוז גיין אויף גאנג פון חטוף ואכול. די טאג גייט אריבער און דו דארפסט ארויסכאפן וויפיל עס גייט פונעם טאג. סיי אין די חלקי הלימוד וואס צו לערנען, נישט קיין חילוק וואס איך גיי לערנען, וואס איך קען כאפן איז גוט. וויפיל איך קען כאפן איז גוט. פון א משהו ביז אסאך. אויף אזא וועג קען מען אסאך כאפן בס"ד.

### וואס קען איך טון וועגן שמירת עינים, ווי אזוי היט מען זיך די אויגן אויף אזעלכע שמוציגע וועגן?

די ערשטע זאך פארשטייט זיך זיי מתפלל. מען דארף אסאך מתפלל זיין אויף אלע חלקים פונעם וועג. אסאך מאל איז א מענטש מתפלל, ער בעהט דעם אויבערשטן ער זאל קענען היטן זיינע אויגן, ער גייט אבער נישט אריין בפרטיות. ער כאפט נישט אין וואסערע נסיון ער גייט אריינגיין. יעצט איז אים געשמאק, יעצט איז אים גרינג, ביי התבודדת בעהט ער דעם אויבערשטן בכלליות 'באשעפער העלף מיר היטן מיינע אויגן. דו דארפסט זיך פארשטעלן פארדעם די פארלוינקייט וואס עס קען דיר אנכאפן, די נסיונות וואס קענען דיר אונטערקומען, און דארפסט זיך אנגרייטן אויף דעם מיט תפילה. בעהט דעם אויבערשטן ברחל בתך הקטנה, העלף מיר היטן די אויגן ביים ווארטן אין די ליינס אין עירפארט, ביים אריבערגיין סעקיורעטי, אויפן פליגער וכו', איך זאל אלעס אריבערגיין בשלום.

אזוי אויך מען דארף זיך אויספלאנען און וויסן וואס עס טוט זיך אין אן עירפארט און א פליגער, די נסיונות וואס קומען אונטער, און זיך אנגרייטן פון פריער מיט ישוב הדעת. זוכן אלע סארט עצות און טריקס, ווי למשל; גיין מיט נאך מענטשן, זיך אויסטון די גלעזער, מיט נעמען כל מיני באשעפטיגונגען זיך אונטערצוהאלטן אויפן וועג, צום ביישפיל לערנען הערן שיעורים, אדער אנדערע סארט זאכן וואס קענען האלטן פארנומען זיך נישט ארומצוקוקן.

די צווייטער חלק איז מען דארף זיך לכתחילה קלאר מאכן און וויסן - מען דארף זיך אויף דעם פונקט אזוי אנגרייטן ביי התבודדת פאר מען פארט. אז די ערגסטע זאך וואס מען קען טון איז מאכן א עסק ווען מען איז יא נכשל געווארן, ווען מען האט יא בטעות געזען. מען דארף לכתחילה וויסן אז יהיה מה שיהיה - וואס עס וועט נאר געשען, אפילו איך גיי עפעס זעהן ס'גייט געשען עפעס, תיכף ומיד גיי איך ווייטער אן מיט א פרישקייט. איך באניי מיר כאילו לא היה, נישט קיין שום נפקא מינה ווי גרויס אדער ווי קליין די זאך איז געווען, גלייך פארנעם איך זיך מיט עפעס אנדערש. תשובה טון וועל איך אין אומאן, נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען.

די ערגסטע זאך וואס מען קען טון, איז אנהייבן זיך פארפאטשקען און טראכטן 'וואס האב איך געטון?!' די ערשטע זאך שפרינג אריבער! גיי ווייטער! הייב אן פונדאסניי, נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען!



מען מוז זיך אויך אנגרייטן שטארק פון פארדעם ,ווייל די גרעסטע גורם די מענטש זאך אראפפאלן אין כל מיני מכשולות און ענינים איז אז ווען ער האט בטעות אדער האלב בטעות עפעס געזען, געטראכט, געטון אדער געמאכט, ווערט ער אזוי צוקלאפט פון דעם, אז ער לאזט שוין נאך אינגאנצן. דאס איז די גרעסטע מלחמה וואס מען דארף פירן זיין גרייט אז סיי וואסערע קלאפ מען גייט כאפן גייט מען זיך תיכף צוריק כאפן און גיין ווייטער כאילו לא היה. תשובה טון וועט מען שפעטער.

### וואס טוה איך איך קום אן צום ציון און מיין הארץ איז פארשטאפט?

דו דארפסט זייער שטארק וויסן אז קדושה און רוחניות בויעט זיך נישט אויף די געפילן פון א מענטש. עס איז נישט געבויעט אויף וואס מען זעהט ארום און ארום. דו דארפסט קוקן און זוכן דעם אמת אין די הייליגע תורה, מחפש און מבקש זיין את האמת. נאכדעם וואס דו ווייסט וואס עס איז די אמת, ווייסטו אז דאס איז די פאקט. נישט קיין שום חילוק צי מען פילט עפעס ארום דעם צי מען פילט נישט, עס מאכט בכלל נישט אויס די מצב פון ארום.

די הייליגע רבי'נס ציון איז גאר גאר א הייליגע פלאץ, עס איז א פלאץ וואס נאר אטעמען די לופט פונעם פלאץ – אויב מען פירט זיך אויף כראוי – ברענגט עס פארן מענטש קדושה וטהרה, נאר זיצן אין ציון קוקן אויפן ציון און טראכטן פונעם הייליגן באשעפער, ברענגט עס אלע קדושות בעולם.

ממילא דארפסטו בכלל נישט אנהייבן דן זיין וואס דו פילסט. עס איז נישט קיין נפקא מינה כלפי די גרויסקייט פונעם פלאץ, און כלפי די געוואלדיגע תועלת וואס דו האסט פון קומען דארט. ווייל אפילו א מענטש פילט גארנישט מאכט עס גארנישט אויס אויף די מציאות אז מען רעדט דא פון גאר גאר א גרויסן פלאץ, און די געוואלדיגע ריווח וואס די מענטש פארדינט יעדע רגע וואס ער געפונט זיך דארט אפילו ער איז נישט זוכה גארנישט צו טון נאר צו קוקן אויפן ציון פונעם צדיק, נאר צו מיטהאלטן וואס עס טוט זיך דארט די הרהורי תשובה.

### למעשה מען קומט דארט אן אין ציון און עס הערשט דארט אזא בהלה א פארלוירנקייט און א צומישט־קייט ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו אביסל ישוב הדעת דארט?

קודם כל ליין איבער דעם ענטפער פון די פריערדיגע שאלה, דאס איז שטארק נוגע אויף פאר דעם. ווען א מענטש ווייסט דעם אמת מאכט נישט צופיל אויס צי ער פארמאגט יא ישוב הדעת, צי נישט.

נאכדעם איז דא א פשוט'ע פראקטישע עצה וואס מיר האט עס אסאך געהאלפן. די פראבלעם איז אז א מענטש קומט צום ציון מיט א פלאן אז ער גייט יעצט טון אזוי און אזוי, מתפלל זיין אזויפיל, לערנען אזוי סאך, וכו'. פלוצלינג קומט ער אן און ער הערט אזעלכע קולות, ער האט נישט קיין פלאץ צו זיצן, זיין פיס טוט אים וויי און דער קריכט אים אויף די נערוועז, ער קען עס נישט אויספירן, ער האט נישט קיין קאפ. דאן ווערט ער צובראכן.

דעריבער איז א גוט אויב דו קענסט נעמען פארדעם א צעטיל, לאמיר זאגן דו ווילסט גיין יעצט פאר צוויי שעה אין ציון, איז קענסטו איינטיילן די צוויי שעה אפילו אין פינף מינוטן. מען מאכט א פלאן, פינף מינוט גיי איך זאגן תהילים, פינעף מינוט גיי איך לערנען ליקוטי מוהר"ן, פינף מינוט גיי איך רעדן צום אויבערשטן, אינאנהייב גיי איך זאגן א תיקון הכללי, פינף מינוט גיי איך זאגן ליקוטי תפילות, וכו'. פארשטייט זיך אז עס איז נישט קיין הלכה למשה מסיני אז דו דארפסט בלייבן ביי די פינף מינוט, אבער אין פאל דו וועסט בלייבן אן קיין שום הארץ און אן קיין שום ישוב הדעת די גאנצע צוויי שעה, וועסטו א גאנצן צייט האבן אויף וואס זיך אנצוכאפן. ווייל דו פארמאגסט א צעטיל, און דאס פירט דיר, און אזוי קענסטו אנגיין פאר א צוויי שעה. פארשטייט זיך גאר אסאך מאל הייבט מען אן זאגן ליקוטי תפילות פאר פינף מינוט און די הארץ עפנט זיך אויף, קען מען ממשיך זיין. עס איז נישט קיין איסור צו עובר זיין אויפן צעטיל. דאס איז א פשוט'ע פראקטישע עצה כדי דו זאלסט האבן עפעס וואס זאל דיר פירן, אפילו אן קיין שום הארץ געפיל און ישוב הדעת, און אויב די אויבערשטער העלפט דיר אז דיין הארץ עפענט זיך פלוצלינג זיי ממשיך מיט וואס דו טוסט.

**דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל קומען צום רבי'ן גרינגערהייט, און זוכה זיין צו אויסנוצן די צייט, אפהיטן די אויגן און ארייננכאפן ביים ציון וואס מען קען אין יעדע מצב. און אויס'פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.**

# פונקען

## ציטאטן און אויסדרוקן:

### איבער דאס מסירות נפש וואס מען דארף זיין גרייט צו פארן צום רבי'ן אַנטייל צו נעמען אינעם קיבוץ אין אומאן אויף ראש השנה

### "יא עסן נישט עסן, יא שלאפן נישט שלאפן, יא דאווענען נישט דאווענען, אבי דו זאלסט ביי מיר זיין אויף ראש השנה"

דער **רבי** פאר איינע פון זיינע מענטשן וועלכע האבן זיך באקלאגט פאר אים אז עס וואלט אים בעסער געווען צו קומען אויף עפעס א אנדערע צייט אין יאר אין וועלכע ער וועט קענען האבן מער ישוב הדעת צו דאווענען און נישט מבולבל ווערן בשעת'ן דאווענען פון די גרויסע שטופעניש (חיי"מ ת"ד)

### "קיין גרעסערע דערפון איז נישט פאראַנען!"

דער **רבי** נאך וואס **רבי אהרן דער רב פון ברסלב** איז צוריק אהיימגעפארן נאך וואס ער האט זיך אויסגערעדט פאר'ן רבי'ן אז די שטאטסלייט פון ברסלב לאזן אים נישט אוועקפארן אויף ראש השנה טענה'ענדיג אז זיי קענען זיך נישט ערלויבן צו בלייבן אויף יום טוב אן קיין רב אין שטאט וואס זאל זיי פסק'ענען די וויכטיגע שאלות וואס מאכט זיך כסדר. און אזוי אויך נאך וואס די חסידים האבן מסביר געווען פאר'ן רבי'ן פארוואס ר' ליפא איז נישט געקומען אויף ראש השנה וויבאלד ער האט געדארפט פארן מיט נאך אפאר סוחרים קיין אודעסע כדי צו ברענגען אתרוגים קיין אוקריינע אין וואו עס האט דאן געהערשט א מאנגל פון אתרוגים וואס דאס איז דאך ווארשיינליך א "מצוה דרבים", און דער רבי האט אבער נישט אנגענומען דעם תירוץ, וויבאלד דער זאך וואלט געקענט ערלעדיגט ווערן אויך דורך אנדערע (חיי מוהר"ן ת"ו, שיש"ק ב, רפ"ח)

### "אויב דו וואלסט אים געברענגט, וואלסטו מקיים געווען די עקידה!"

ר' אברהם ר' נחמן'ס פאר ר' ברוך בארדיטשובער וואס האט נישט געוואלט מיטנעמען זיין זוהן ר' **יוחנן** איין יאר צום קיבוץ אלץ שרעק און פחד אז די פאליציי זאלן אים נישט כאפן אויפן וועג און אים איינזעצן אלץ אן אנטלאפענער פון מיליטער. (שיש"ק ג, תצ"א)

### "אפילו דער רבי זאל אונז (אוועק) טרייבן מיט דריקער (באלקענעס) – וואלטן מיר אוועק געפארן פון דעם רבי'נס ראש השנה?"

**רבי נתן** און **רבי נפתלי** פאר **רבי אהרן דער רב פון ברסלב**, זעענדיג אים אוועקפארן צוריק קיין ברסלב ערב ראש השנה נאך וואס דער רבי אליין האט אים געהייסן צוריקפארן צו אים אין שטאט אריין! (שיש"ק ב, קי"ז)

### "זאג איך דיר, זאלסט תמיד זיין ראש השנה אין אומין! ערב ראש השנה זאלסטו זיך שטעלן אפילו אין מארק! אויף א ווינקל פון ווי מען קען זען דעם רבי'נס ציון, און דו זאלסט זאגן דארט די צוויי קאפיטל תהלים. דערנאך זאלסטו דאווענען ראש השנה אין אומין אפילו אין עפעס א פאליש פון סי וועלכע שוהל!"

**רבי נתן** פאר זיין זוהן **רבי יצחק**, בשעת ער האט אים איינמאל געזאגט, "איך האף אז די זאך (פון קומען ר"ה קיין אומין צום רבי'נס ציון) וועט אנהאלטן ביז משיח וועט קומען, אבער מיט דעם אלעם, ווער ווייסט ח"ו וואס עס וועט נאך אלץ אריבערגיין דערויף צוליב די געוואלדיגע קטרוגים, אפשר וועט מען ח"ו נאך אמאל אפהאלטן און מען וועט נישט צולאזן בשום אופן צוצוקומען דארט צום ציון (שיש"ק א, שע"א)

### "אַלעס וואָס דער צדיק הייסט, ברוך מען פאָלגן. נאר ווען ער הייסט נישט פאָרן צו אים אויף ראש השנה, דאס דארף מען נישט פאָלגן"

אט דאס ברענגט **רבי נתן**, כלפי **רבי אהרן דער רב פון ברסלב** וואס דער רבי אליין האט אים געהייסן צוריק אהיימפארן אויף ראש השנה, אז ער האט געהערט פונעם רבי'ן, אז אפילו ווען דער צדיק אליין הייסט צוריק אהיימפארן מוז מען אים נישט פאלגן! (שיחות הר"ן, רי"ד)

### "אפילו ווען די וועגן זאלן ווען זיין אויסגעלייגט מיט מעסערס! וואלט איך געקראכן אויף די הענט און די פיס כדי צו קומען דארט אויף ראש השנה"

נאך א דיבור פון **רבי נתן** אויף די געוואלדיגע מסירות נפש אויף וואס מען דארף זיין גרייט פאר'ן רבי'נס ראש השנה (שיש"ק א, שע"ב)

## "אפילו איך וועל שטארבן אונטערוועגנס און באערדיגט ווערן אונטער א פארק (גדר), איז מיר אויך גוט! דער עיקר איז, איך האב געטון מיין השתדלות אנצוקומען קיין אומן אויף ראש השנה"

**רבי אפרים ב"ר נפתלי** (מגדולי תלמידי מוהרנ"ת זצ"ל) פאר זיינע קינדער וואס האבן אים געוואלט אפרעדן אויף די עלטערע יארן נאך וואס ער פלעגט זיך שלעפן פון ארץ ישראל קיין אומן יעדעס יאר אויף ראש השנה **מיט אויסטערלישע מסירות נפש** לויט די דעמאלטסדיגע אומשטענדן. (שיש"ק ה, קמ"ו)

## "עס איז אן 'אבידה שאינה חוזרת'"

וואס **ר' לוי יצחק בענדער ע"ה** האט געהערט רבי אברהם **רבי נחמן'ס** זיך אויסדרוקן פאר עפעס א עלטערע איד, א קבצן, וואס האט איין יאר פארפעלט צו קומען צום קיבוץ אויף ר"ה (טעם זקנים)

## "מען דארף וואוינען אין ארץ ישראל, און פארן קיין אומן אויף ראש השנה"!!!

**ר' לוי יצחק בענדער ע"ה** אין א שמועס שטעלט אראפ וואס **רבי אברהם ב"ר נחמן'ס** גאנג איז געווען. ווי אויך האט ער צוגעלייגט אז ר' אברהם ר' נחמן'ס איז דאך געווען א ארימאן, א קראנקער, און מיט דעם אלעם איז ער געפארן פון ארץ ישראל דורכאויס גאנצע צוואנציג יאר אין וואס ער האט געוואוינט דארט, אויף ראש השנה קיין אומן! (טעם זקנים)

## "קודם דארף מען זיך אליין מל זיין, ערשט דערנאך ליגט אויף דיר צו מל זיין דיין קינד!"

**ר' נחמן טולטשינער פאר ר' אליעזר לאדיזינער** וואס האט אים אנגעפרעגט אז היות עס האט זיך אים געמאכט אז ער וועט דארפן אריינברענגען זיין קינד **בבריתו של אאע"ה אין ראש השנה** - וואס ער זאל טון. זאל ער בלייבן ראש השנה אין לאדיזין צו מאכן דעם ברית, אדער זאל ער ענדערשער שטעלן א שליח. האט ער אים געענטפערט, עס שטייט אין פסוק: "ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך", זעען מיר, אז קודם קומט צו מל זיין די אייגענע הארץ, און ערשט נאכדעם די הארץ פון דיין קינד, און ער איז טאקע געקומען אויף ר"ה. (שיש"ק ג, רע"א)

## "איך האב מער מורא נישט צו פארן זיך משתטח זיין ביים הייליגן רבי'נ'ס ציון, ווי איידער יא צו פארן טראץ די גרויסע סכנה"

**ר' לוי יצחק בענדער** ע"ה אין זיין לעצטע ר"ה אין אומן שנת תרצ"ט ווען ער איז געווען אויף די געזוכטע ליסטע פון די ק.ג.ב. צו פארשיקט ווערן קיין סיביר אדער צו געהרג'עט ווערן, און דורכאויס די יאר איז ער געווען באהאלטן אין א קעלער, און זיינע נאנטע משפחה האבן אים פרובירט אפצורעדן פון דורכפירן אזא ריזיקאלישע נסיעה אין אזא מצב (שיש"ק ו' תמ"ח).

## "דא צו לעבן (אויף די וועלט) און אין אומן אויף ראש השנה נישט זיין, איז מיר ערגער!"

נאך א אויסדרוק פון די רייד פון **רבי אפרים ב"ר נפתלי** פאר זיינע קינדער. ווי אויך האט ער זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט: "וואס קען איך שוין דערלייגן מער פון דעם: - אז איך וועל נישט זוכה זיין אנצוקומען קיין אומן אויף ראש השנה? - בין איך דאך כאטש געווען די פאריגע ראש השנה! (שם, בשיש"ק)

## "צושאסן זאל איך ווערן און צום רבי'ן זאל מען פארן"

**ר' אייזיק'ל קוסטעטענער** (אייזנשטיין) פאר זיין **בעל עגלה** אין די תקופה פון די באנדעס און די רוצחים אין די תר"פ יארן ווען זיי פלעגן הארגענען און אומברענגען די אלע וואס פלעגן זיך דרייען אינדרויסן אויפן גאס מיט שוידערליכע מיתות משונות און דער בעל עגלה אלץ מורא האט פארגעשלאגן אז אפשר זאל מען נישט פארן אין אזעלכע אומשטענדן (טעם זקנים מ"ה)

## "וואו איז דא א גרעסערער דבר האבוד פון נישט זיין אין אומן אויף ראש השנה?!"

**רבי נחמן פסח'ל'ס פאר איינע פון אונזערע לייט** וואס האבן אים אנגעפרעגט אז היות עס האט זיך אים ליידער געמאכט אז ער דארף זיצן שבעה נאנט צו ר"ה און א אבל אין די שבעת ימי אבילות טאר נישט ארויסגיין פון שטוב נאר ביוא עס איז א דבר האבוד אדער א ספעציעלע שאדן. (קונטרס הוספות לחיי"מ, קט"ו)

## "איך האב באמת נישט געהאט קיין ספק אפילו איינס פון טויזנט אז איך וועל נאך אנקומען קיין אומן! איך האב זיך שוין אויסגע'משל'ט אין קאפ אז איך וועל זיכער גע'הרג'עט ווערן חלילה, אבער מיר האבן אפגעמאכט אז וואס מיר קענען נאר טון וועלן מיר טון! אזוי וועלן מיר אפשר פון צענדליג טויזנטער ספיקות פון איינס פון א צענדליגע טויזנט'סטל פון א ספק זוכה זיין אנצוקומען!...."

**ר' שמואל הורוויץ ז"ל** אין זיין טאג-בוך 'ימי שמואל' ווי ער באשרייבט דארט זיין העארישע נסיעה קיין אומן אין יאר תרפ"ט ווען אלע גרעניצן זענען געווען פארמאכט אונטער שלאס און ריגל דורך די פארשאלטענע קאמוניסטן ימ"ש, און אזא נסיעה פלעגט קענען קאסטן מיטן לעבן (ימי שמואל פרק קצ"ה בסופו)

## "ווארפט מיר צום צדיק!"

הרה"ג רבי נחמן טשערינער פאר זיינע קינדער אין זיינע לעצטערע יארן ווען ער איז ליידער זיך נישט קענענדיג אליין באוועגן, האט ער זיך געבעטן ביי זיי זאלן אים פירן צום רבי'ן, זיך אויסדרוקנדיג צו זיי מיטן לשון פון תורה ד' "ושדיוהו לגודא". (שיש"ק ג, שס"ב)

## הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

מיר דארפן וויסן, פשוט לערנט מען דאך פשט, עס האט זיך געעפנט רוסלאנד פארט מען צום ציון.

**ניין! עס איז א געוואלדיגע טעות!**

ווייל דער אויבערשטער ווייסט אז פאר משיח צדקינו [קומט] דארפן קומען טויזענטער אידן אויפן רבי'נס ציון, כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל (שמואל-א ב, ח), דער רבי איז פון די עמודי התוך פון די בריאה, און דער אויבערשטער ווייסט אז פאר די גאולה דארף מען קומען אויפן רבי'נס ציון און מעורר זיין די גאולה, מעורר זיין דעם תיקון, און יעדער איינער קומט באקומען א הארץ, ווייל ער וויל נכלל ווערן אין השם יתברך, וואס מען וויל באקומען דער ריכטיגן תיקון פאר זיך און פאר די גאנצע וועלט!

**איז נישט פשט אז ווייל עס האט זיך געעפנט רוסלאנד קומט מען אויפן רבי'נס ציון, [נאר] ווייל מען קומט אויפן רבי'נס ציון דערפאר האט זיך געעפנט רוסלאנד!**

דאס איז בלי שום ספק כלל! ווייל אלעס אויף דער וועלט טוהט זיך ארום אידן.

דאס איז א ענין אזוי ווי די גאולה הראשונה [ממצרים] איז געווען דורך עצמות יוסף, אזוי אויך די גאולה אחרונה וועט זיין דורך **קומען צום רבי'נס ציון!.**

(כינוס הכנה לקראת הנסיעה הקדושה ראש השנה תש"נ אין בית מדרשינו הגדול מא"ש נאך וואס די אייזערנע פארהאנג איז געפאלן)

# נקודה

# הדבר

## מקבלין דין מן דין

## הר"ר יעקב נתן אנשין שליט"א

דאס ווייסט שוין יעדער היינט:

**'אומאן איז נישט נאך א עי.טי.עם מאשין פון ישועות! אומאן איז א פלאץ פון א צדיק וואס באשעפיגט זיך מיט נשמות; מיינס, דיינס און יעדער וואס איז גרייט פאר א טויש...**

אזוי ווי די הייליגע רבי האט געזאגט בחייו: "איך האב בכלל נישט וואס צו טון אויף דער וועלט, נאר איך בין געקומען אויפן וועלט צו מקרב זיין נשמות ישראל צו השם יתברך. אבער איך קען נישט מקרב זיין נאר ווער עס קומט צו מיר און פארציילט מיר זיין חסרון, דאן קען איך אים מתקן זיין" (חיי מוהר"ן, שז).

זיך צו איבערצייגן אין די ריכטיגקייט פון די ווערטער, דארף מען נישט זיין קיין ברסלב'ער---

מען דארף נאר זיין איינער וואס האט נישט מורא צו טון עפעס וואס ער איז נישט געווען געוואוינט דערצו ביז היינט, ער לעבט נישט אפ זיין לעבן און מפקיר זיין עתיד צוליב חשבונות פון 'מה יאמרו הבריות'...

(גליון הכרוז מבית אבקשה אלול תשפ"ד)

## הר"ר אליעזר חשין שליט"א

די רבי זאגט, פון יעדע טריט ווערט באשאפן א מלאך. און דער מלאך גיבט דיר אכטונג ביי דעם טריט און ביי דעם קומענדיגן טריט. מיר האבן נישט קיין אויגן אבער ווען מיר וואלטן באמת געזען, **וואלטן מיר געזען ווי יעדער איינער קומט דא אן מיט מיליאנען מלאכים, וואס ווערן פון יעדע פסיעה.**

און פון די אנדערע זייט איז עס א התעוררות אויך, דו ווייסט מיט וועם דו ביסט ארום גענומען? נו וואס לאזטו זיך נארן? וואס ברענגסטו מלאכי חבלה? פארקערט! בלייב נאר פארבונדן מיט די הייליגע מלאכים. די רבי זאגט אין תורה ה' אז מלאכים איז א רשימו פון הסתלקות הדעת, **"אינטערוועגנס ווען מען האט נישט קיין מוחין זאל מען וויסן אז פון די רשימו ווערט געוואלדיגע זאכן".**

(שיעור אין ספה"ק חיי מוהר"ן איבערגעגעבן אין אומאן אלול שנת תשפ"א)

## הר"ר אברהם שמחה האלדר שליט"א

איך האב פונקט געהערט פון א חבר מיינער וואס האט א חבר א זון פון איינע פון די גרעסטע דיינים אין קרית יואל. גאר גאר א דערהויבענע חשוב'ע תמימות'דיגע איד תלמיד חכם מופלג, אסאך דיינים רעדן זיך דורך מיט אים, זייער אסאך אינגעלייט גייען צו אים, איך אליין האב אויך א שטיקל שייכות מיט אים. פארציילט יענעמס זון, אז איינמאל שבת ביי די סעודה האט איינער אפגע'חוזק'ט דארט פון ברסלב, האט אים די דיין געזאגט איך וויל דיר זאגן איין זאך, איך קען נישט רעדן קעגן ברסלב! ווייל איך קען אינגלייט איך ווייס זייערע נסיונות וואס זיי גייען דורך אין אלע ענינים, און איך ווייס כמה מעשיות פון אינגעלייט וואס האבן זיך געפלאגט און געמוטשעט וכו' וכו', **למעשה זענען זיי געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה און זיי זענען צוריקגעקומען נייע מענטשן, מיט פרישע כוחות אן די אלע פראבלעמען!**

(ביים שמועס א בליק נענטער אויף מערכת ברסלב פרשת פנחס תשפ"ד לפ"ק)

## הגה"ח ר' יצחק פריעדמאן שליט"א

ר' נתן זי"ע חזר'ט איבער אין ליקוטי תפילות 7/8 מאל די ווערטער: **"רבוש"ע דו ווייסט אז כל תקותינו וחיותנו וקיומנו איז נאר אויף ראש השנה. און אונז קענען נישט מאכן ר"ה נאר די צדיקים זיי מאכן ראש השנה".** ווי די רבי איז מבאר אין תורה א' תנינא אז ראש השנה איז דורכן צדיק זיי מאכן דעם ראש השנה! די הייליגע רבי האט געזאגט: "השי"ת יודע אז איך האב באקומען פונעם אויבערשטן א מתנה אז איך ווייס וואס ראש השנה איז!".

און ראש השנה פונעם רבי'ן איז נאר אין אומאן! די פלאץ פונעם קיבוץ איז נאר אין אומאן! **אין עלים לתרופה איז דא בערך 400 בריוון אין 240 בריוו דערמאנט ר' נתן דעם ראש השנה.** א' וישב שרייבט ער: "איך בין זיך אזוי מחיה אז איך בין געווען ראש השנה!" האלב פון די 240 בריוו שרייבט ער ארויס "למקום גניזת רבינו הק' והנורא", אז מען זאל וויסן קלאר אז די קיבוץ פון ברסלב'ע חסידים איז אין אומאן ביי די פלאץ פון גניזת רבינו. און אויף דעם פלאץ שרייבט ר' נתן אז "שם המקום המוכן לו מששת ימי בראשית".

(דרשה ביים כינוס הכנה לראש השנה ער"ח תמוז תשפ"ב אין מאנסי)

קִינְדֶער שְׁטְרַאלְן

# מַאֲמָר



# מַשְׁקִיעַ זַיין אִין אוּנְזֶער קָאפּ אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה



טַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי עֶנְק אַז אִיר זֶענְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיפְן עֶרְד? אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן בֶּעט?. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶנְק הָאבְּן גֶעטוּן וֶוען עֶטְס הָאטְס גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶטְס גֵיטְס פַּאלְן? גֶעוֶוענְדְלִיךְ פַאר אַלֶעם לֵייגְט מֶען דִי הֶענְט אוֹיפְן קָאפּ. פַּארְוָואס? וִויבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אוֹיבּ פַּאסִירְט אֶים עֶפֶּעס פוּן דֶעם פַאל זָאל כָאטְשׁ דִי קָאפּ נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן חָלִילָה.

פַּארְוָואס פוּנְקְט דִי קָאפּ? דָאס וֵוייסְן מִיר שׁוֹין אַז אִנֶעם קָאפּ אִיז פַּארְהַאן דִי 'מֹחַ' וָואס דָארְט אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. ח"ו וֶועט עֶפֶּעס פַּאסִירְט צוּם מֹחַ דַאן וֶועט דִי גַאנְצֶע גוּף אוֹיפְהֶערְן צוּ אַרְבֶּעטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶפֶּעס פַּאסִירְן צוּם הַאנְט אָדֶער צוּם פִּיס, כָאטְשׁ מִיר וִוילְן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט, אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְסֻכָּן וִוי דֶעם קָאפּ.

זָאלְטְס עֶטְס וִויסְן טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (מ"ו) אַז עֶס אִיז פַּארְהַאן פִּיל מַדְרֵיגוֹת אִין דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם מֶענְטְשְׁן'ס אֵיבָרִים. צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי פִּיס קֶען אָנְקוּמֶען נָאר אַ פִּיס פָּארְאוֹיס, וִוידֶערְאוּם דִי הַאנְט קֶען שׁוֹין אָנְקוּמֶען נָאךְ וֵוייטֶער. דִי מוֹיל קֶען שְׁרֵייעֶן נָאר בִּז אַ גֶעוִויסֶע וֵוייטְקֵייט, דִי אוֹיעֶרְן אָבֶּער קֶען הֶערְן פוּן פִּיל וֵוייטֶער. אָבֶּער דִי מֹחַ, עֶר קֶען אָנְקוּמֶען דִי וֵוייטְסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ. עֶר קֶען טְרַאכְטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ אוֹיף זַאכְן וָואס זֶענֶען אוֹיבְּן אִין הִימֶל.

דִי רֶבִּי אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן אַזוֹי שְׁרֵייבְּט עֶר: דִי מַחְשָׁבָה אִיז גָאר הוֹיעֶךְ, הֶעכֶער פוּן אַלֶעס. עֶס קֶען אָנְקוּמֶען אוּן דֶערְגְרֵייכְן גָאר גָאר הוֹיעֶךְ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִיר זֵייעֶר אָפְּהִיטְן. עֶנְק זֶעהֶען וָואס דָא שְׁטֵיט?! מֶען דַארְף אָפְּהִיטֶן דִי מַחְשָׁבָה, אוּן נִישְׁט סְתַם, נָאר 'זֵייעֶר אָפְּהִיטֶן'!!!

וִוי אִינְטֶערֶעסַאנְט. צוּמָאל זֶעהט אוּנְז אוֹיס אַז דַוְקָא טוּן עֶפֶּעס מִיט דִי הַאנְט אַזוֹי וִוי בּוֹיעֶן אָדֶער צֶעוַוארְפְן. מִיט דִי מוֹיל פַּארְשֶׁעמֶען אַ חַבֶר אָדֶער רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע ח"ו, דָאס אִיז אַ אֶמֶת'עֶ עֲבֵרָה. אָבֶּער 'מַחֲשָׁבוֹת', דָאס אִיז גָארְנִישְׁט... וָואס אַ חִילוּק וָואס אִיךְ טְרַאכְט?!

אָבֶּער נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג. דִי רֶבִּי אַנְפְּלֶעקְט אוּנְז אַז דִי מַחְשָׁבָה - דָאס אִיז דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר פַארְמָאגְן, אוּן אוּנְז דַארְפְן דָאס זֵייעֶר אָפְּהִיטְן. לְמָשָׁל, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן צַייט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֵוייל דִי רֶבִּי וָוארְנְט אוּנְז זֵייעֶר אָן צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן טְרַאכְן אַלֶעמָאל אוֹיף דִי 'נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת' אוּנְזֶערֶע, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט טְרוֹיעֶרִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ צוּ זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, נָאר אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם אוּן צוּרִיק טְרַאכְטְן נָאר הֵיילִיגֶע פְרֵיילִיכֶע זַאכְן.

דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי נָתָן שְׁרֵייבְּט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק אִין דִי בְּרִיוון פוּן סֵפֶר 'עָלִים לִתְרוּפָה' אָן אַ שִׁעוּר מָאל, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע בִּלְבּוּלִים וָואס דִי יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אֶים אַרֵיין. צוּמָאל קוּמְט דִי יֵצֶר הָרַע צוּ אוּנְז אוּן רֶעדְט אוּנְז אִיבֶּער צוּ טְרַאכְטְן אוֹיף אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבֶּן גֶעטוּן, אוּן אוֹיף אַלֶע נִישְׁט גֶעשְׁמַאקֶע זַאכְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן. אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוּנְז אוֹיס אַז דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אִיבֶּער דֶעם, אִיז דָאס נִישְׁט רִיכְטִיג!!! נָאר בַּיים דַאוֶונֶען, וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אָדֶער וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת - מֶען רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס דַארְף מֶען פַּארְצֵילְן פַאְרן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶע 'נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן' וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. אָבֶּער דִי גַאנְצֶע אִיבְּרִיגֶע צֵייט פוּן טָאג דַארְף אַ אִיד זַיין גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ!!

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵין מֶער פַּאסִיגֶע צֵייט וִוי 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' צוּ אָנְהֵייבְּן מַשְׁקִיעַ זַיין אִינֶעם קָאפּ, אוּן אִינֶעם מֹחַ וָואס אִיז דָא אִין דֶעם. דִי רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶען פָארְט צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז וִויבַּאלְד דַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דְרֵיי 'קֶעפּ' אִינְאֵיינֶעם: דֶער צַדִּיק וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' דִי קָאפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דִי קָאפּ פוּנֶעם יָאר, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיבּ עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אוּן קוּמְט צוּם צַדִּיק - דָאס מֵיינְט אַז עֶר גִיבְּט אַוֶועק זַיין מֹחַ פַארְן צַדִּיק, עֶר זָאגְט פַאר זַיין מֹחַ זָאל פָאלְגֶן דִי רֶבִּי אוּן פָארְן צוּם אִים - דוּרְךְ דֶעם פַארְאֵיינִיגוּנְג וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן.

אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וָוארְנְט דִי רֶבִּי אָן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז זִיכֶער גֵייט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן פַאר אוּנְז נָאר גוּטְס, אוּן אַוַודַאי גֵייט עֶר אוּנְז פַּסְקְ'נֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אִים אוּן שְׁטֶענְדִיג, נָאר טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אַזוֹי וִויי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶנְ'ס וִוילְן, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידֶן בֶּאֱמֶת!



# קִינְדֶער שְׁטְרַאלְן

## מַעֲשֶׂה

# דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט אִין דִי צֵייטֶן פוּן דִי קָאמָאנִיסְטֶן אִיז גֶעוֶועְן ר' מֹשֶׁה יַרָאסְלָאבְסְקִי ז"ל. ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיטְן פַארְקוֹיפְן לֵיילֶעכֶער, עֶר הָאט פַארמָאגְט אִינֶעם שְׁטָאט קְרִימֶענְטשוּג אַ גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט פוּן לֵיילֶעכֶער.

אֵיין טָאג הָאבֶּן דִי רוּסִישֶׁע פָּאלִיצֵי אַרֵיינְגֶעשְׁטוּרֶעמְט אִינֶעם שְׁטוּבּ פוּן ר' מֹשֶׁה "דוּ בִּיסְט אַרֶעסְטִירְט!" הָאבֶּן זֵיי אִים טְרוּקֶענֶערְהֵייט גֶעמָאלְדֶן. בֵּייי דִי אוֹיסְפָארְשוּנְגֶען אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן אַז אַ אִידִישֶׁע סוֹחֵר אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיטְן אַרֵיינְשְׁמָאגְלֶען לֵיילֶעכֶער קַיין רוסלאנד, אוּן וֶוען דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער הָאבֶּן געלייגט שְׁטַארְקֶע דְרוּק אוֹיף אִים עֶר זָאל פַארְצֵיילְן פַאר וֶועמֶען עֶר פַארְקוֹיפְט דִי פַארְבָּאטֶענֶע סְחוֹרָה הָאט עֶר זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען פוּן ר' מֹשֶׁה.

עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן פַאר ר' מֹשֶׁה קֵיין שׁוּם טְעָנוֹת וּמַעֲנוֹת אַז יֶענֶער הָאט אַרוֹיפְגֶעשְׁמִירְט אוֹיף אִים אַ נַאסֶע לֵיילֶעךְ אוּן עֶס אִיז סְתַּם אַן אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע בִּלְבּוּל. עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶעם טָאג פוּנֶעם גֶערִיכְט אוּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע מִשְׁפָּט הָאט דֶער רִיכְטֶער גֶעפַּסְקֶנְט "טוֹיט שְׁטְרָאף!". עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ נוּמֶער אוֹיף דִי לִיסְטֶע פוּן דִי וָואס זֶענֶען פַארְ'מִשְׁפְּט צוּם טוֹיט, מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטוּן אַ רוֹיטֶע קְלֵייד אוּן זֵיינֶע קְלֵיידֶער הָאט מֶען אָפְּגֶעשִׁיקְט צוּ זֵיין הוֹיז.

אִין יֶענֶעם טָאג וֶוען ר' מֹשֶׁה הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועְן אִין זֵיין תְּפִיסָה צֶעל מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת הָאט זִיךְ דֶער וֶועכְטֶער גֶעאֵיילְט צוּ זֵיין צֶעל מִיט אַ צָארְנְ'דִיגֶע פָּנִים "הֶער אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן!" הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים. ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט "סַיי וִוי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ דֶערְלֵייגְן" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִין תְּפִיסָה בִּין אִיךְ שׁוֹין, מֶען הָאט מִיר שׁוֹין פַארְ'מִשְׁפֶּט צוּם טוֹיט, וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין פַארְלִירְן?" אוּן עֶר הָאט וֵוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועְן.

בֵּיי דִי קָאמָאנִיסְטֶן - אָנְהֵייבּ פוּן זֵייעֶר מַאכְט - אִיז גֶעוֶועְן אֵיינְגֶעפִירְט, בֶּעפָאר מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעפִירְט אַ מֶענְטְשׁ צוּם טוֹיט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט פַארְוָואס מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אִים, אִין פַאל דֶער אַרֶעסְטַאנְט הָאט גֶענְפֶערְט 'יָא' דַאן הָאט מֶען אִים גֶע'הַרְגֶ'ט רח"ל מִיט אַ 'גְרִינְגֶע' טוֹיט, אָבֶער אוֹיבּ הָאט עֶר גֶע'טַעְנֶה'ט אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט דִי שְׁטְרָאף הָאט מֶען וִוידֶער אִיבֶּערְגֶעקוּקְט זֵיין פֵייל אוּן נָאכְאַמָאל אָפְּגֶעהַאלְטְן דֶעם גֶערִיכְט, אוֹיבּ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶועְן אַ טָעוּת דַאן הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט, אוֹיבּ אָבֶער אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען - לוֹיט זֵייעֶרֶע פַארְדְרֵייטֶע מֵיינוּנְגֶען – אַז דִי גְּזַר דִין אִיז גֶעוֶועְן גֶערֶעכְט, הָאט דֶער אַרֶעסְטַאנְט בַּאקוּמֶען אַ 'שְׁוֶוערֶערֶע' טוֹיט.

דִי אַרֶעסְטַאנְטְן זֶענֶען גֶעוֶועְן אוֹיסְגֶע'שׁוּרֶה'ט בֵּיים וַואנְט, וֶוען דֶער קָאמַאנְדִיר רֵייטֶענְדִיג אוֹיפְן פֶערְד מִיט אַן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטְן רֶעוָואלְוֶוער אִיז אַרִיבֶּער פַאר זֵיי אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט זֵייעֶר טוֹיט אוּרְטֵיל, וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי רֵייעֶ פוּן ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ דֶער קָאמַאנְדִיר גֶעוָואנְדֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי וִוי אֵיינְגֶעפִירְט: "דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס עֶס קוּמְט דִיר טוֹיט שְׁטְרָאף?" "נֵיין!" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט. דִי בַּאוָואפֶענְטֶע זֶעלְנֶער הָאבֶּן צוּרִיקְגֶעפִירְט ר' מֹשֶׁה צוּ זֵיין צֶעל, אוּן פַארְשְׁלָאסְן דִי שְׁוֶוערֶע אֵייזֶענֶע טִיר אוֹיף אִים.

ר' מֹשֶׁה זִיצְט אִין זֵיין פַארְשְׁטִיקְטְן צֶעל, עֶר וֵוייסְט אַז זֵיינֶע שָׁעוֹת זֶענֶען גֶעצֵיילְטֶע, וֶוען פְּלוּצְלִינְג לָאזְן זֵיינֶע לִיפֶּן אַרוֹיס אַ גֶעבֶּעט צוּם רְבּוֹשֶׁ"ע: "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאג צוּ אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זֵיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פְרֵיי פוּן תְּפִיסָה, וֶועל אִיךְ אָפְּרֶעכְטֶן יֶעדֶעס יָאר אַ סְעוּדַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וָואס קוּמֶען זִיךְ צַאם אִין אוּמַאן!".

ר' מֹשֶׁה שְׁפִּירְט וִוי עֶס נֶעמְט אִים אַרוּם אַ הִימְלִישֶׁ'ע רוּאִיגְקֵייט, עֶר גְלֵייבְּט מִיט זֵיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז דֶער רְבּוֹשֶׁ"ע וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִיק הָאֱמֶת. אַ קוֹל פוּן שְׁלִיסְלֶעךְ וֶוערְט גֶעהֶערְט, דִי טִיר וֶוערְט אוֹיפְגֶעשְׁלָאסְן אוּן ר' מֹשֶׁה וֶוערְט גֶעפִירְט צוּם גֶערִיכְט הוֹיז, דָארְטְן וֶוערְט פוּנְדָאסְנֵיי אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם מִשְׁפָּט. אוּן צוּ אַלֶעמֶענְס וואוּנְדֶער הָאט דֶער סוֹחֵר צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן פוּן זֵיין עֵדוּת'שַׁאפְט אוּן ר' מֹשֶׁה אִיז גֶענְצְלִיךְ בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן.

דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ אוּן אִינֶעם מַארְק אִין אוּמַאן וֶוערְט גֶעזֶען אַ אִיד אַרוּמְלוֹיפְן צְוִוישְׁן דִי פַארְקוֹיפֶער, עֶר גֵייט צוּ צוּ דִי פַארְקוֹיפֶער פוּן דִי הִינְדֶלֶעךְ אוּן קוֹיפְט פוּן אִים א גְרוּפֶּע הִינְדְלֶעךְ, עֶר יָאגְט זִיךְ צוּם מֶעהְל פַארְקוֹיפֶער אוּן קוֹיפְט פוּן אִים אַ גְרוֹיסְן זַאק מֶעהְל, אוּן אַזוֹי פִילְט עֶר אָן זֵיין וָואגְן מִיט פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ , מֶעהְל אוּן הִינְדְלֶעךְ, פְּרוּכְט אוּן צוּשְׁפֵּייזְן בִּז זֵיין וָואגְן וֶוערְט פוּל פוּן אַלֶעם גוּטְן, דָאס אִיז אוּנְזֶער בַּאקַאנְטְן ר' מֹשֶׁה, זֵיין פְרֵייד אִיז גְרוֹיס אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אִינֶעם צֵייט פוּנֶעם קִיבּוּץ. פַארְן גֶעבְּרוֹיךְ פוּן דִי סְעוּדוֹת אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶעדִינְגֶען אַ זַאל וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען נִישְׁט וֵוייט פוּנֶעם קְלוֹיז, דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶערָאכְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדוֹת.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיינַאכְט נָאכְן דַאוֶוענֶען, אִין דִי צֵייט וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וואוּנְטְשֶׁען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן "לְשָׁנָה טוֹבָה" וֶוערְט גֶעזֶען ר' מֹשֶׁה שְׁלֶעפְּן אוֹיף זֵיין רוּקְן בֶּענְק אוּן טִישְׁן פוּנֶעם קְלוֹיז אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּנֶעם זַאל פוּן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי לוֹיפְט עֶר לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אַהִין אוּן צוּרִיק, פוּנֶעם קְלוֹיז צוּם זַאל אוּן צוּרִיק אוּן אַזוֹי וֵוייטֶער, וֶוען עֶס טְרָאפְט אִים הֵיילִיגֶע שְׁוֵייס. דֶערְנָאךְ דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן דִי בַּאטֵיילִיגְטֶע צוּ אָנְזֶעטִיגְן זֵייעֶר הוּנְגֶערִיגֶע זֶעהל אוּן אָנְפִילְן מִיט גוּטְ'ס וֶוען צוּ זֵיין שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט דָא קֵיין עֶק, זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶענְדִיג "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְשַׁמֵּשׁ אֶת רַבֵּינוּ"...

# א שפאציר אויף די אומאנע גאסן




















בילדער שפאציר

# א בליק אינעם קלויז









































# אינמיטן יאר









# שיעורי תורה




© YOSSI GOLDBERGER


© YOSSI GOLDBERGER


ברוכים הבאים
סמינר ברסלב
לקבל תשובות לכל השאלות
למצוא פתרונות לכל הבעיות







# תיקון הכללי העולמי

## בילדער שפאציר















# ערב ראש השנה











# סליחות









# ריקודין מוצאי יו"ט































# רבנים און אדמורים אין אומאן



אב"ד פריימאן



אב"ד מאקאווע



מוד'זיץ



# הכנסת אורחים
# המרכזית שיינער




















בילדער שטאאיר

# אידן זענען זיך שופך שיח
# ביים ציון הקדוש
















## אויף די ליכטיגע וועגן

# בילדער שפאציר

























שיקט הערליכע בלומען
לכבוד
יום טוב
פאר אייער משפחה
און גוטע פריינט
Buds
FLOWERS WITH IMPACT
STORE HOURS:
MONDAY -WEDNESDAY 1:30PM -6:30PM
THURSDAY 1:30-9:30 FRIDAY 10AM -2PM
845.274.8546 | INFO@BUDSMONSEY.COM

DARDICK

## אנ"ש מאבן א

# שטחיינו!!

ערשיינט
צום
ערשטן
מאל
געשמאקע
רייכע
תוכנ'דיגע
ברסלב'ע
אויסגאבע
**מבית**
**אבקשה**
**אויף די**
**אידישע**
**שפראך**




**באלייכט אייער שטוב מיטן ליכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן!**